STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06499

# BIRO-BIDZSHANER OYFN AMUR

Moises Z. Goldstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. גאָלדשטיין

# בּיראָ-בּידזשאַנער אויפן אַמור

## און אַנדערע דערציילונגען

אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-פאַרבאַנד „איקוף“

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן
מיט דער הילף פון
דעם יידישן קולטור־טוער,
**חבר יוסף מאָרגנשטערן**
(קליוולאַנד)

## M. Goldstein
## Biro-Bidzaner Oifn Amur

Copyright 1944

Y K U F
189 Second Ave., N. Y. C.

Printed in U.S.A.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 369

# אינהאַלט:

זייט


מ. גאָלדשטיין, פאָרוואָרט פון נחמן מייזיל ........................ 5

אַ מאַרש אויף וואָלאָטשייעווקע ................................ 13

בירא־בידזשאַנער אויפן אַמור .................................. 27

דאָס ערשטע לעמפּעלע ......................................... 111

אַ מאָדנער בעל־עגלה .......................................... 114

אין איינעם אַ פרילינג ........................................ 121

אַ מאַיאָנטעק ............................................... 132

אַ שטיק גאָלד ................................................ 140

אַ שטורעם אין אַ זומער־נאַכט ................................. 155

אַן איינפאַל פון אַ דייטש ..................................... 158

דער מאַמעס וואָרט ............................................ 166

# מ. גאָלדשטיין

אין דער מאָסקווער „אייניקייט", דעם אָרגאַן פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, געפינען מיר דעם נאָמען פון מ. גאָלדשטיין אין אַ שוואַרץ רעמל מיט דער פאָלגנדיקער נאָטיץ, געשריבן פון מ. נאָטאָוויטש:

„דעם 11טן אויגוסט 1943 איז אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד אינעם קאַמף קעגן די דייטשישע פאַרשקלאַפער דער יידישער שרייבער מ. גאָלדשטיין. אומגעקומען איז אַ זעלטענער חבר, אַ געטרייער זון פון אונדזער פאָלק, אַ הייסער פאַטריאָט פון אונדזער היימלאַנד. שטענדיק באַשיידן און שטענדיק שטאָלץ, ווירדיק, אויפריכטיק און ערלעך, האָט גאָלדשטיין פאַרקערפערט אין זיך די איידלסטע אייגנשאַפטן פון אַ סאָוועטישן מענטשן. אין די גרויזאַמע טעג פון דער פאָטערלענדישער מלחמה האָבן די דאָזיקע אייגנשאַפטן אין גאָלדשטיינען זיך נאָך מער אַנטפלעקט. צוזאַמען מיט אַ סך אונדזערע באַליבטע חברים, מאָסקווער יידישע שרייבער, איז ער אַוועק אויפן פראָנט זיך שלאָגן קעגן פאַרהאַסטן שונא. אַלס שרייבער איז ער געווען צווישן זיי דער סאַמע יינגסטער. זיינע ערשטע דערציילונגען זיינען דערשינען פאַר דער מלחמה. ניט לאַנג פאַר דער מלחמה האָט גאָלדשטיין פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער מלוכהשן פעדאַגאָגישן אינסטיטוט און געטרוימט זיך אומקערן צוריק קיין ביראָ־בידזשאַן, וואו ער האָט געלעבט אַ ריי יאָרן. ערנסט האָט גאָלדשטיין געטראַכט וועגן זיינע ווייטערדיקע ליטעראַרישע פלענער.

מיט אַ חודש צוריק האָבן מיר געזען גאָלדשטיינען אין די קליידער פון אַ סאָוועטישן קאָמאַנדיר, און אין דער גאַנצער דערהויבנקייט פון זיין געמיט: פול מיט שטאָלץ פון אַ מענטשן, וואָס פילט אויס זיין הייליקסטן חוב. אין זיינע לעצטע מלחמה־דערציילונגען פילט זיך זיין שטאַרקער סאָוועטישער פאַטריאָטיזם.

גאָלדשטיין איז אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד אין די זיגרייכע אָנגריף־טעג, ווען אונדזער רומפולע רויטע אַרמיי צערעכנט זיך מיטן שונא פאַר אַלע זיינע פאַרברעכנס און באַפרייט פון אונטער זיין יאָך אונדזער ליבע סאָוועטישע ערד.

אייביקער אָנדענק דעם געפאַלענעם אין שלאַכט פאַר באַפרייען אונדזער היימלאַנד! אייביקער אָנדענק דיר, טייערער חבר!"

מ. גאָלדשטיין איז געקומען צו פאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד פון אַר־גענטינע, וואו ער האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק. דאָרט האָט ער אויך דעביו־טירט מיט זיינע ערשטע שאַפונגען אין דער פּרעסע. אין דער בוענאָס־איירעסער חודש־שריפט „איקוף" איז פאַרעפנטלעכט אַן אַר־טיקל פון ש. זאַלמענסאָן אונטערן נאָמען „דער העלדישער טויט פון אַ שרייבער און קעמפער" וועגן דעם אומגעקומענעם קינסטלער. מ. גאָלדשטיין — דערציילט ש. זאַלמענסאָן — איז געווען אין בוענאָס־איירעס אַ וועבער־אַרבעטער.

„שטיל און באַשיידן האָט ער אָנגעהויבן זיין שרייבערישע קאַריערע ווי זיין קעמפערישע. זיין קאַמף האָט ער אָנגעהויבן פירן אַלס דעלעגאַט פון זיין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין אין דער טריקאָטאַזש־פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט, און געפירט האָט ער דעם קאַמף אָרנטלעך, אָפּגעהיט דעם פּרעס־טיזש פון פאַריין, ניט געלאָזט אויף אים אַ שפּרענקעלע פאַלן אין די אויגן פונעם באַלעבאָס און אַליין אַלס אַרבעטער געווען דער מוסטער פון אָרנט־לעכקייט. און אויך זיין שרייבערישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן מיט אָרנטלעכע, ניט פּרעטענציעזע, סענטימענטאַלע בילדלעך פון דעם אַרבע־טער־לעבן".

מ. גאָלדשטיין האָט פאַרלאָזט אַרגענטינע און אַוועקגעפאָרן קיין ראַטנ־פאַרבאַנד און „ווען מיר האָבן שפּעטער געהערט אַז ער געפינט זיך אין מאָסקווע, אַז ער האָט זיך גענומען צום לערנען, אונטערצוגאָרטלען זיך מיט וויסן, האָבן אים די חברים מקנא געווען".

און ש. זאַלמענסאָן, וואָס איז געווען אַן עדות פון מ. גאָלדשטיינס ער־שטע, נישט־זיכערע און נישט־רייפע ליטעראַרישע טריט אין אַרגענטינע, זאָגט וועגן גאָלדשטיינס ווייטערדיקן שאַפן:

„ . . . אין דער גרויסער שולע פון אַרבעט און וויסן, ווען מען איז אָרנטלעך צו זיך און צו די מענטשן און זאַכן וואָס אַרום, ברייטערט זיך אויס דער בליק און פאַרטיפערט זיך אויך. און דאָס וויסן און דער אינ־טערעס צו די מענטשן און זאַכן, איז אָפט אַ סך פּרוכטבאַרער ווי די אינ־טואיציע, ווי דאָס ספּאָנטאַנע תופס זיין פון דעם אימפּראָוויזאַטאָר. משה גאָלדשטיין האָט אָרנטלעך זיך צוגעקוקט צו זיין אָביעקט און אים שטו־דירט און האָט סיסטעמאַטיש באַאַרבעט דעם מאַטעריאַל זיינעם. און אויב דאָס ווערק זיינס בליצט ניט מיט שאַרפזין און פּסיכאָלאָגישע חידושים, גע־ווינט עס דערפאַר מיט זיין פּשוטן אמת, מיט זיין קענען די מענטשן און זאַכן און מיט זיין ליבשאַפט צו זיי. און נאָך עפּעס, פאַר דעם זיך ניט גריב־לענדיקן מ. גאָלדשטיין האָט זיך אין דער נייער סביבה פאַנאַנדערגעוויקלט

אַ וועלט וואָס האַלט זיך אין שאַפן און פאַראינטריגירט מיט דעם „מעשה־בראשית" אירן, מיט דעם פאַרנעם פון די פּלענער און מיט דעם אימפּעט פון די בויער, אָנשטאָט דער רוטינער וועלט אין וועלכער ער האָט פריער געלעבט און דעם רוטינערן קאַמף וואָס ער האָט געפירט פאַר די קליינע טאָגטעגלעכע אינטערעסן. אָט די שאַפונגס־סטיכיע גופא פאַר די אויפגעריסענע אויגן פון דעם נייעם און יונגן מענטשן, איז בכוח אויפצואוועקן אין אים נייע ניט־אַנטפּלעקטע ביז דעמאָלט כוחות און פעאיקייטן און באַפרוכפּערן אים מיט שאַפונגס־ווילן.

און איז נאָר דאָס העלדישע אַריין אין זיין געביין, ווי דאָס איז אַריין אינעם געביין פון דער גאַנצער שעפערישער יוגנט אין דעם לאַנד פון אומאויפהערלעכן בויען, האָט זיך דאָס געמוזט אַרויסווייזן אויך אין דעם מאָמענט פון קאַמף קעגן די איבערפאַלער און צעשטערער פון דעם פרעכטיקן געבוי, ביי אים ווי ביי זיינע חברים, די העלדן, וואָס זיינען אומגעקומען און שטייען גרייט אומצוקומען פאַר דעם באַשאַף, וואָס איז זיי אַזוי ליב און טייער".

***

דער ביראָ־בידזשאַנער יידישער ישוב איז נאָך גאָר יונג, ער איז ערשט אַלט אַ 17 יאָר, אָבער דאָך האָבן מיר שוין אין יידיש אַן אינטערעסאַנטע קינסטלערישע ליטעראַטור, — לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען און נאָוועלן — וועגן דעם אייגנאַרטיקן יידישן ישוב, וואָס ס׳איז ערשט 10 יאָר ווי ער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג ווי אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט, און מיט דער צייט — אויב עס וועלן זיין די פּאַסיקע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע באַדינגונגען—וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישער רעפּובליק אין דער משפחה פון די אַלע אַנדערע פעלקערישע רעפּובליקן אינעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

די קינסטלערישע ליטעראַטור פון און אַרום ביראָ־בידזשאַן לאָזט זיך איינטיילן אין צוויי באַזונדערע טיילן: איין טייל, געשריבן בעיקר דורך עלטערע קינסטלער, שוין מיט אַן אייגענעם גאַנג און אייגענעם כאַראַקטער. זיי זיינען אַראָפּגעקומען קיין ביראָ־בידזשאַן, און באַגייסטערט פון דעם געזעענעם, האָבן זיי פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און לידער און פּאָעמעס פון דעם נייעם דאָרטיקן לעבן, פון דעם דאָרטיקן אייגנאַרטיקן בויען. און מען קאָן זאָגן אָן גוזמא, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין איין באַדייטנדיקער יידישער סאָוועטישער פּראָזאַאיקער און דיכטער, וואָס זאָל נישט האָבן באַזוכט ביראָ־בידזשאַן און זאָל נישט האָבן אָנגעשריבן קיין ווערק, אַ גרעסערס אָדער קלענערס, וועגן דער אויטאָנאָמער געגנט.

אַ באַזונדער אָרט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור איבער און
פון בירא־בידזשאַן פאַרנעמט די ליטעראַטור, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון
בירא־בידזשאַן אַליין, און איז אַ דירעקטער פּראָדוקט פונעם דאָרטיקן רעאַלן
לעבן, ווי די דאָרטיקע נאַטור־געוויקסן, ווי דער ווייץ און קאָרן, וואָס קומען
אויף אויף די דאָרטיקע פעלדער, ווי דער האָניק, וואָס טריפט דאָרטן פון די
בינשטאָקן.

צו דער בירא־בידזשאַנער ליטעראַטור דאַרף מען צורעכענען,
אָדער ריכטיקער, מען דאַרף אָנהויבן מיטן קינסטלערישן „ערשטלינג‟, מיט
מ. אַלבערטאָנס „בירא־בידזשאַנער‟, וואָס האָט דאָס אונטערקעפּל: „וועג־
איינדרוקן‟, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1929 (248 זייטן), דורכן כאַרקאָווער
מלוכה־פאַרלאַג אין אוקראַינע. אָט־דאָס בוך האָט אין זיין צייט מיטגע־
האָלפן דער פאַרשפּרייטונג פון דער בירא־בידזשאַן־אידייע איבער גאָר
דער וועלט. עס איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין עטלעכע אויפלאַגעס און
שטאַרק געלייענט געוואָרן. מ. אַלבערטאָן, דאַן אַ יונג יידיש־אוקראַינער
בחורל, איז געגאַנגען מיט די ערשטע גרופּעס קיין בירא־בידזשאַן, און איז
דער אמתער פּיאָנער. עס זיינען טאַקע געווען ערשטע צאַפּלדיקע איינדרוקן,
פאַרבונדן מיט גאָר דער ראָמאַנטישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר
פּיאָנערן, פאַר ראָבינזאָן־קרוזאָס. אינטערעסאַנט איז דוד בערגעלסאָנס ווערק
„בירא־בידזשאַנער‟ (אַרויס אין 1934, ווען בירא־בידזשאַן איז אַלט
געווען אַ 6־7 יאָר). עס איז געווען אַ נייער שריט אין בערגעלסאָנס שאַפן
גופא. אין דער באַהעפטונג מיטן נייעם לעבן אין בירא־בידזשאַן, האָט ער
אַליין דורכגעמאַכט אַ שטאַרקע ענדערונג אין זיין שאַפן. די בירא־ביד־
זשאַנער זוניקייט האָט פאַרטריבן די פאַרכמאַרעטקייט, דעם בין־השמשות
אין בערגעלסאָנס שרייבן און אין זיין געמיט . . .

אויך אַנדערע סאָוועטישע קינסטלער האָבן נישט איין מאָל אָנגעשטעלט
זייערע אינסטרומענטן אויף דער טעמע בירא־בידזשאַן און טאַקע פאַר־
פאַסט אָריגינעלע און פּרעכטיקע פּאָעמעס און לידער, ווי פּרץ מאַרקיש—זיין
באַוואוסטע פּאָעמע „גייט אַ פאָלק באַנייען זיין לעבן‟ (דער טעקסט פון יעקב
שייפערס „בירא־בידזשאַן‟) און איציק פעפער, צווישן פאַרשיידענע אַנדערע
לידער, זיין באַרימט־געוואָרענע פּאָעמע „אַ חתונה אין בירא־בידזשאַן‟. (אַ
גרויסער טייל פון די לידער איז אריין אין זיין בוך „היימלאַנד‟, אַרויסגע־
געבן דורכן איקאָר אין ניו־יאָרק). דער איצט־אומגעקומענער יידישער
דיכטער משה כאַשטשעוואַצקי, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן אַקטיוו רעאַגירט
מיט דיכטערישע ווערק אויף די וויכטיקסטע יידישע און אַלגעמיין־סאָ־
וועטישע פּאַסירונגען, האָט אויך פאַרעפנטלעכט (אין 1937) אַ בוך „אַ

רייזע קיין ביראָ־בידזשאַן", וואָס האָט געהאַלטן 180 זייטן. דער יידיש־רוסישער שרייבער פינק האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אין ביראָ־בידזשאַנער טאַיגעס" (דערשינען אין מאָסקווע אין יאָר 1930). און אַזוי אויך דער יידישער דיכטער ב. אַליעווסקי האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג „אַ נאַכט אויפן אַמור" (אַרויס אין מאָסקווע אין 1938).

אין 1936 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ליטעראַרישע זאַמלונג מיטן נאָמען „ביראָ־בידזשאַן", צונויפגעשטעלט דורך ב. נאַדעל (פון 202 זייטן). די ליטעראַטור וועגן און אַרום ביראָ־בידזשאַן איז זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז אַ יונגער סאָוועטיש־יידישער קריטיקער ש. קליטעניק האָט פאַרעפנטלעכט אַפילו אַן אָפּהאַנדלונג אינעם ביראָ־בידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט" (אין 1934) מיטן נאָמען „פּראָבלעמען פון דער ביראָ־בידזשאַנער ליטעראַטור".

ביראָ־בידזשאַן האָט דערצו איר אייגענע שרייבער־גרופּע, וואָס איז אָדער אויפגעכאָוועט געוואָרן אין ביראָ־בידזשאַן, אָדער האָט אָנגעהויבן ערשט צו שרייבן אין ביראָ־בידזשאַן. מען דאַרף דאָ אויסרעכענען די דערציילערין ליובע וואַסערמאַן, דעם דיכטער א. ווערגילער, וואָס איז איצט אין דער רויטער אַרמיי, ערגעץ אויף אַ סאָוועטישן פראָנט. דאָס זעלבע — דער דיכטער עמנואל קאַזאַקעוויטש (דער זון פון דעם באַוואוסטן טוער הע־נעך קאַזאַקעוויטש), וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין 1941, אין מאָסקווע, אַ ראָמאַן אין פערזן, „שלום און חוה" (206 ז.). און מען דאַרף אויך צורע־כענען אַהער דעם דערציילער ה. דאָבין, וואָס אין 1941 איז אַרויס זיינס אַ בוך דערציילונגען „צווישן בינשטאָקן" (128 זייטן). דערזעלבער ה. דאָבין האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע „ביראָ־בידזשאַן", וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין דעם ביראָ־בידזשאַנער יידישן מלוכה־טעאַטער, אויפן נאָמען פון לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש. (אייניקע בילדער פון דער פּיעסע זיינען געדרוקט געווען אין ביראָ־בידזשאַנער „פאָרפּאָסט".)

⁂

צווישן די ביראָ־בידזשאַנער דערציילער איז געווען גוט באַקאַנט מ. גאָלדשטיין, וואָס האָט אין 1933 אַרויסגעגעבן זיין ערשטע גרויסע דער־ציילונג „ביראָ־בידזשאַנער אויפן אַמור".

אין דעם איצטיקן בוך גיבן מיר אַכט ביראָ־בידזשאַנער דערציילונגען (דערשינען אין 1941 אין מאָסקווע). מיר גיבן אויך צוויי דערציילונגען, וואָס מ. גאָלדשטיין האָט אָנגעשריבן די לעצטע צייט, שוין זייענדיק אין דער רויטער אַרמיי.

מ. גאָלדשטיין דערציילט אונדז אין זיינע ביראָ־בידזשאַנער דערציי־

לונגען וועגן בירא־בידזשאַנער יידישן לעבן, וועגן דעם בוי און דער אַנט־וויקלונג פונעם בירא־בידזשאַנער יונגן יידישן ישוב, וועגן די אַלע שוועריקייטן, וואָס די יידישע איינוואַנדערער האָבן אויסצושטיין ביים באַקעמפן די נאַטור־כוחות, די ווילדערנישן, און וועגן די נעגאַטיווע מענטשלעכע גע־וואוינהייטן און נייגונגען, וואָס ווייזן זיך אַרויס ביי אַ טייל איינוואַנדערער, וואָס זיינען פיזיש אָדער פסיכאָלאָגיש נישט צוגעפּאַסט צו די בירא־ביד־זשאַנער געאָגראַפישע אָדער סאָציאַלע באַדינגונגען.

ס'איז אַ שאָד, וואָס עס זיינען נישט אָנגעגעבן ביי די דערציילונגען די יאָרן, ווען זיי זיינען געשריבן. בלויז אויף דער גרעסערער דערציילונג, „בי־רא־בידזשאַנער אויפן אַמור" איז אָנגעוויזן דאָס יאָר 1933, ווען זי איז גע־שריבן.

בירא־בידזשאַן האַלט זיך אין בויען, די אַרומיקע באַדינגונגען ענדערן זיך דעריבער דאָרטן זייער שטאַרק, אויך ענדערט זיך כסדר דער עלעמענט פון די איינוואוינער און די באַדינגונגען פון אַרבעט. איז דעריבער וויכ־טיק נאָכצופאָלגן די פאַרשיידענע צייטן, ווען אַלע דערציילונגען זיינען געשריבן. דאָ און דאָרטן אין לויף פון די געשיכטעס, וואָס ווערן געגעבן, האָבן מיר אַן אָנווייז אויף דעם צייט־דויער, וואָס די מענטשן לעבן און אַרבעטן דאָרט. ווען מיר וואָלטן געהאַט אויף יעדער דערציילונג די דאַ־טע, וואָלט עס אונדז פיל געגעבן, כדי אויפצופאַסן דעם גאַנג פונעם לעבן און אויך נאָכצופאָלגן נאָך די פאַרשיידענע פּראָצעסן, וואָס די נייע מענטשן מאַכן אַדורך ביים צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען און אויך ביים פאַרהאַר־טעווען זיך קעגן די אַרומיקע שטערונגען.

מ. גאָלדשטיין איז מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו בירא־בידזשאַן, און דאָס פּראָבלעם בירא־בידזשאַן איז די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייען זיך די אַלע דרויסנדיקע פּאַסירונגען און אויך די פּערזענלעכע איבערלע־בענישן פון די מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין די אַלע דערציילונגען.

מיר האָבן דאָ די באַגייסטערונג, וואָס באַהערשט כסדר דאָס רוב איינ־וואַנדערער, מיר האָבן דאָ דעם אימפּעט פון די טרייע, איבערגעגעבענע בויער. מיר טרעפן אָבער אויך מידקייט און אויסגעשעפּטקייט ביי אייני־קע, וואָס דאָס לעבן און די שוועריקייטן ברענגען זיי. מיר האָבן פאַר זיך פאַרעקשנטע פּיאָנערן, וואָס זיינען גובר מיט פרייד די שטרויכלונגען און שטערונגען, מיר האָבן פאַר זיך אַזעלכע, וואָס זיינען דאָ, אין בירא־ביד־זשאַן, איבערגעשמידט געוואָרן אויף נייע מענטשן־קעמפער; מיר האָבן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס זיינען קיין בירא־בידזשאַן פאַרשלעפּט געוואָרן דורך אַ צופאַל, און דאָס שווערע לעבן, וואָס פאָדערט קרבנות, איז פאַר זיי אַן

אָפּקומעניש. זיי פּלאָנטערן זיך דעריבער אין דעם אַרום, זיי געפינען פאַר זיך קיין אָרט ניט און זיי זיינען אַפילו צופרידן פון דורכפאַלן און דורכרייסן.

און עס איז גוט, וואָס מ. גאָלדשטיין וויל אונדז נישט געבן גלאַט זיסינקע, סענטימענטאַלע, טענדענציעזע דערציילונגען, נאָר ער ברענגט אַרויס די שאָטן־זייטן פון מענטשן, און אויך די שווערקייטן, וואָס עס זיינען דאָ אויף שריט און טריט ביים באַזיגן די נאַטור, און ביי די פּלאָגן, וואָס עס פאַרשאַפן די אייַנוואוינער, — און אין אַ טייל ערטער — די קאָמאַרעס.

דער שטאָף, די טעמאַטיק, די סביבה, זיינען אַ נייעס אין אונדזער יידישער ליטעראַטור. דער אַמור, די טאַיגע, דיווילדערנישן, די טייך־פאַר־פלייצונגען, די אָרטיקע אייַנוואוינער, מיט זייער לעבנס־שטייגער, — דאָס אַלץ זיינען נישט־געדאַכטע זאַכן, ניט־געאַנטע געשעענישן אין דער יידישער ליטעראַטור. פון דער אַמאָליקער מענדעלישער גנילאָפּיאַטעווקע, פון דעם בוג, וואָס שלום־עליכם האָט אַזוי יידישלעך געשילדערט אין זיין „אויף פּסח אַהיים”, וואו פישל דער מלמד פאָרט מיט סכנות־נפשות איבער דעם טייך, ביז דער דערציילונג „בירא־בידזשאַנער אויפן אַמור”, איז ווירקלעך פּאָלג מיר אַ גאַנג! דאָרט איז דער ייד עפּעס אַזאַ קנאַפּער מחותן מיט דעם טייך. און אַפילו אין די אַלע אַנדערע שפּעטערדיקע ווערק, וואו עס ווערט אַרויס־געבראַכט ביי יידישע קינסטלער אַ טייך, איז דער ייד דערביי אַ זייטיקער, ער האָט אַמאָל געלאָזט געהילץ אויף די וואַסערן צום פאַרקויפן, ביי שלום אַשן שטייט דער ייד ביי דער ווייכסל און זאָגט תהילים, און די יידן פון בירא־בידזשאַן האָבן זיך געלאָזט אויפן אַמור און פאַרמעסטן זיך אים צו באַזיגן — זיי גייען צוגרייטן 70 טויזנט פּוד היי אויף די אַמור־אינדזלען פאַר זייערע קאָלווירטן. און דעריבער זיינען זייער ניי, אינטערעסאַנט די שילדערונגען און באַשרייבונגען, וואָס קומען אין מ. גאָלדשטיינס בוך. דאָס זיינען נייע טענער, נייע שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָט, למשל, אַזאַ בילד: „דרויסן האָט געפּלייצט דער רעגן. די בערג זיינען פאַרשוואונדן, די וואָלקנס האָבן זיי פאַרהילט מיט געדיכטע טונקעלע געוועבן. דער אַמור שטורעמט, בערגלעך מיט ווייסע קעפּלעך וואַקסן אויף און גייען אונטער. קיין פישער־שיפלעך זעט מען ניט. אין אַזאַ וועטער איז ניט גאָר באַקוועם צו שיפן זיך אויפן אַמור . . . ”.

און אַ צווייט בילד, ווי די יידן אַרבעטן ביים שלאַקס־רעגן: „מען שפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס און מען שלעפּטביימער, צווייגן, מען גראָבט גריבער, וואָס פילן זיך גיך אָן מיט וואַסער, און די העק האַקן מיט טעמפּע קלעפּ און שפּריצן אין פּנים אַריין. די אַרבעט גייט שווער. די העק גליטשן זיך פון די הענט אַרויס. דער רעגן שלאָגט איבער די לייבער, פון

וועלכע עס זעצט אַ פּאַרע. מען איילט, מען יאָגט. די פערד שטייען מיט אומעטיקע בליקן, און ס'רינט פון זיי, ווי מען וואָלט איבער זיי אָן אויפהער געגאָסן עמערס וואַסער . . . " (מ. גאָלדשטיין: „ביראָ־בידזשאַנער אויפן אַמור").

און גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין די דערציילונגען — די פערד. מיר קאָנען די יידישע קליאַטשע, דאָס קלוגע פערדל, וואָס איז אַ שטיק פאַרזעצונג פונעם יידישן לעבנשטייגער, און אויך אַזאַ וואוילקענענדיקער ווי זיין באַלעבאָס, מענדעלע מוכר ספרים; מיר קאָנען טביהס פערדל, וואָס מאַכט־מיט דעם יידישן גלות מיט טביהן, מיר קאָנען דעם יורד־פערד, מתושלחן, ביי שלום־עליכמען, — און דאָ האָבן מיר פאַר זיך פערד, וואָס זיינען ווי די בירא־בידזשאַנער יונגען, אַריינגעצויגן אין דעם פיבערדיקן בוי פון אַ ניי לאַנד, און זיי זיינען גלייכע שותפים אין גרויסן פאַרמעסט.

עס איז וויכטיק צוצוגעבן, אַז די איצטיקע בירא־בידזשאַנער מעשיות שיידן זיך שטאַרק אָפּ פון די דערציילונגען וועגן בירא־בידזשאַן, וואָס מיר זיינען געוואוינט געווען צו לייענען מיט עטלעכע יאָרן צוריק. דאָרט איז געווען מער איבערראַשונג, מער פאַרגאַפונג פון קינסטלער, וואָס האָבן ווי געסט, ווי געקומענע דערזען פאַר זיך עפּעס אַ נייע וועלט. דאָ האָבן מיר שוין שטיקער ווירקלעכקייט, רויע וואָר. עס איז שוין נישט הוילער ראָמאַנטיזם, נאָר האַרבער רעאַליזם. מענטשן זיינען פאַר די עטלעכע יאָר אַדורכגעגאַנגען קאַלטס און וואַרעמס, און זיי האָבן שוין אויף זייערע פּלייצעס איבערגעטראָגן פיל, וואָס עס דאַרפן איבערלעבן פיאָנערן, פאַרמעסטער אויף אַ ניי לעבן אין די נייע אַרומיקע באַדינגונגען, — אָט דאָס רעאַלע איז אינטערעסאַנט, עס זיינען שוין טיפער די שטריכן, עס זיינען שוין בולטער די כאַראַקטערן. עס זיינען אויך אינטערעסאַנט די אַלע שטעלן, וואו מיר האָבן פאַר זיך, פון איין זייט — די אַלט־געזעסענע, מיט דערפאַרונג, און פון דער אַנדערער זייט — די ערשט־געקומענע, די „גרינע", ווי מיר וואָלטן געזאָגט אויף אונדזער היגער שפּראַך.

נחמן מייזיל

יולי 1944.

# אַ מאַרש אויף וואָלאָטשייעווקע

דער זומער איז געווען אַ רעגנדיקער. גאַנצע טעג זיינען איבער דער טייגע געהאַנגען גרויסע וואָלקנס. פון די רעגנס האָבן זיך די טייכן אָנגעפילט און אַזויפיל אָנגעטרונקען, אַז עס האָט אַריבערגעשפּאַרט איבער זייערע ברעגן, און זיי האָבן פאַרגאָסן אַלע פעלדער און וועגן. אין אַזוינע טעג זיינען די טייגע־אייַנוואוינער אַרומגעגאַנגען כמורנע און האָבן אויסגעקוקט אַ שיינעם טאָג. און קוים האָט דער רעגן אויף אַ טאָג אָדער צוויי אָפּגעלאָזט, האָט מען איינגעשפּאַנט די הענט און יעדער איינער האָט געאַרבעט פאַר צען.

אין איינעם אַזאַ כמורנעם טאָג, ווען דער רעגן האָט זיך פאַרהאַלטן, נאָר איז געהאַנגען אָט־אָט אויף אַראָפּצופאַלן, האָבן זיך אין קאָלווירט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עס וועט אויספעלן ברויט פאַר די מענטשן און פיטער פאַרן פי. מע האָט אין די טעג שטאַרקער ווי שטענדיק גערעדט וועגן דער שלעכטער אָנפירונג פון דער פאַרוואַלטונג, וועגן דעם פאָרזיצער, וואָס איז פאַרנומען מיט „גיגאַנטישע בויאונגען" און פאַרזעט די טאָגטעגלעכע באַזאָרגונג, וועגן דעם, אַז מע האָט שוין לאַנג געדאַרפט אַריבערפירן די מעל פונעם וואָלאָטשייעווקער שפּייכלער נאָך איידער די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן . . .

— חבר פאָרזיצער, מאָרגן איז ניטאָ וואָס צו לייגן אין קעסל, — איז כאַסיע די קעכן מכבד מיט אַ גוט־מאָרגן דעם פאָרזיצער, ווען ער באַווייזט זיך אין קיך. — נאָט, זעט, וואָס ס'איז געבליבן. — און זי באַווייזט אים אַ האַלב זעקל שוואַרצע מעל.

זי קוקט אים אָן, כאַסיע, איר פאַרפלאָמט פּנים צעגליט זיך מיט אַ זשאַר, און אירע אָנגעשפּיצטע, עסנדיקע אויגן רייסן פון אים שטיקער. ער שווייגט, לייבמאַן, גיט עפּעס אַן אומצופרידענעם ברום אין זיך און טראָגט זיך אַרויס פון קיך. כאַסיע פאַרוואַרפט אירע נאַקעטע הענט אויףביידע זייטן און גיט אַ פרעג די קיך־אַרבעטערנס: „ווי געפעלט ער אייך, דער באַלעבאָס?" — זי קוקט אים נאָך דורכן פענצטער, ווי ער לויפט אַראָפּ צו די שטאַלן, ווי ער שפּרייזט פון דער סאָפּקע מיט אַ גיכן, צעטראָגענעם, ניט־זיכערן גאַנג, און אַ געדאַנק גייט איר דורך זייער ניט קיין פריילעכער: „עפּעס אַ צעטראָגענער אַזאַ, וואָס פלאָנטערט אָן אַ פלאַנטער".

זי גיט אומצופרידן אַ הייב מיט די אַקסל און גייט אָפּ פון פענצטער.

צוגעקומען צו דער זייט פון דער סאָפּקע, וואָס פירט צו די שטאַלן,

האָט זיך לייבמאַן געגעבן ראַפּטאָם אַ שטעל אָפּ. „נאָך וואָס צו די שטאַלן? — לויפֿט גיך דורך אַ פֿראַגע דורך זיין צעטראָגענעם מח. — צי ווען איך די מענטשן אין די שטאַלן ניט אָפּשפּילן אַזאַ שטיק, ווי כאַסיע האָט אים אָפּגעשפּילט אין קיך?" ער האָט שוין געוואָלט שפּרייזן אויף צוריק, נאָר עפּעס האָט אים אַ צי געטאָן פֿאָראויס, צו די פֿערד: „אפשר וועט מען פֿאָרט קאָנען שפּאַנען?"

געלאַסן, גאָר ניט ווי זיין געוואוינהייט איז, האָט לייבמאַן אויפֿגעמאַכט די טיר פֿון דער פֿערד־שטאַל און פֿאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט אַהין דעם קאָפּ. די פֿערד, דערפֿילנדיק אַ מענטשן, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער טיר, און פֿון זייערע אויגן האָט אויף לייבמאַנען אַ שלאָג געטאָן אַ וועלט מיט אומהיימלעכקייט. ער איז אַריין אין שטאַל. די פֿערד האָבן אים שטום נאָכגעקוקט און געבלאָזן מיט די נאָזלעכער. פֿאַר זייערע מאָרדעס זיינען געהאַנגען ליידיקע קאַסטנס, זיי האָבן שוין פֿון דאָרטן וואו אַ שטויבעלע אויסגעלעקט. ער איז אַריין צווישן די פֿערד, געטאַפּט זייערע איינגעפֿאַלענע זייטן און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער האָט עפּעס מאָדנע געקנייטשט מיט די אויגן, געדרייט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און גערעדט צו זיך אַליין: „אָט אַ מעשה, כאָטש שפּאַן זיך איין אַליין אין וואָגן".

אויפֿן שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן מאָטען, דעם קאָניוך, מיט אַ זאַק אויפֿן פּלייצע. לייבמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און האָט זיך צוריקגעצויגן אין שטאַל אַריין, און מאָטע, אַ ביסל אַ פֿאַרלוירענער, מיט אויסגעקוילערטע בייזלעכע אויגן, האָט זיך אויף הינטערוויילעכס אַ דריי אַריין געטאָן צווישן די פֿערד און אויף גיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם זאַק פֿון פּלייצע. דערקענט אין מאָטעס צעטראָגנקייט, אַז עפּעס קומט דאָ פֿאָר ניט גלאַטיקס, האָט לייבמאַן אַ גיי געטאָן נאָך אים און זיך צעשריען:

— שטיי, מאָטע! וואָס טוסטו, וואָס האָסטו אין זאַק? — ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל. מאָטע האָט זיך אָבער אַ ריס געטאָן מיט אַ געשריי:

— לאָזט! די פֿערד! — אויפֿגעהויבן ווידער דעם זאַק און, שווער עטעמנדיק האָט ער אייליק גענומען שיטן צו ביסלעך פֿון זאַק אין די קאַסטנס אַריין.

די פֿערד האָבן זיך פֿריילעך צעהירזשעט, זיי האָבן אַ יאָג געטאָן די מאָרדעס אין די קאַסטנס אַריין, און אין שטאַל איז געוואָרן פֿריילעך.

ווען מאָטע האָט אויסגעליידיקט דעם זאַק און איז אַרויס פֿון צווישן די פֿערד־קאַסטנס, האָט ער שוין געטראָפֿן לייבמאַנען שטיין אינמיטן שטאַל מיטן נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט. ער האָט אים אַ וואָרף געטאָן דעם ליידיקן זאַק פֿאַר די פֿיס און אויסגעשריען:

— נאַט! אַ מכה אויף זיי, זאַרגן ניט פאַר די פערד! פאַרזען אַזאַ זאַך, ווי די ביראַ־בידזשאַנער רעגנס! — ער האָט שווער געאָטעמט און מיטן אַרבל געווישט דאָס פּנים.

— אָבער וואו האָסטו די מעל געגומען, מאָטע? — פרעגט לייבמאַן און דאָס קול ציטערט ביי אים.

— געגומען . . . געגומען . . . אַ דאגה אייך, וואו געגומען . . . גע־גנבעט, און פאַרטיק! — ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף לייבמאַנען.

— אָבער, מאָטע! אַזאַ זאַך?

— וואָסער זאַך?

— די מעל . . . — עס איז שוין פאַר אים אַלץ געווען קלאָר. ער האָט שוין איצט גוט געדענקט, אַז ווען כאַסיע האָט אים אין קיך געוויזן אויפן איבערגעבליבענעם האַלבן זעקל מעל, איז דאָרט ביי דער טיר גע־שטאַנען מאָטע און פאַרדרייט אַ מאַכאָרקע־ציגאַרעט . . . ער געדענקט עס איצט גוט. איצט שטייט מאָטע אַנטקעגן אים, און צווישן זיי ליגט אַ ליידי־קער זאַק . . .

לייבמאַן שטייט ווי געליימט, און דורכן קאָפּ פליען שרעקלעכע געדאַנ־קען: וואָס וועט זיך עס מאָרגן פאַרטאָג טאָן, ווען כאַסיע וועט דערזען, אַז די מעל איז ניטאָ . . . נאָר ער גיט אַ רוק דאָס היטל אויפן קאָפּ און פרעגט מיט אַ האַלב מויל:

— ווי מיינסטו ,מאָטע, ווען מען זאָל אַזוי אַ שפּאַן טאָן דעם גניאַדן מיט דער קאַרער קליאַטשע?

— איז וואָס וואָלט געווען? — מאַכט זיך מאָטע תמעוואַטע.

— וואָלטן זיי אַריבערגעשלעפּט אַ פּאָר זעקלעך מעל פון וואַלאַ־טשייעווקע.

— אין אַזאַ וועג? . . .

מאָטע שטעלט אויף אים אָן די אויגן, רוקט אַרויף דעם דאַשעק, ווי ער וואָלט זיך בעסער געוואָלט איינקוקן אין לייבמאַנס פּנים, און בלייבט אַזוי שטיין מיטן אָנגעהאַנגענעם בליק אויף אים.

— . . . איז ווי מיינסטו, מאָטע?

— משוגע! — גיט מאָטע אַ וואָרף אין דער טיף פון שטאַל און לאָזט זיך מיט אַ געשריי צו די פערד: — עך, לאָשעקעס, באַלעבאַטים האָט איר — אַזאַ יאָר אויף זיי! וויפיל מען האָט ניט גערעדט וועגן אויסבויען אַ שפּייכלער דאָ אויפן אָרט, איז מען געבליבן ביי די רייד.

לייבמאַן, שוין איינגאַנצן אַ צעטומלטער, איז אַרויס פון שטאַל.

מאָטע קריכט אַרום צווישן די פערד און קוקט אין די קאַסטנס אַריין,

וואָס העגגען שוין ווידער ליידיקע. די פערד האַלטן נאָך די מאָרדעס איג־וויניק און לעקן דאָס לעצטע ביסל מעל, וואָס האָט זיך פאַרשאָטן אין די ווינקלען, און מאָטע טראַכט שוין ווידער, וואו מען נעמט פאַר די פערד אַ ביסל שפייז, ביז מען וועט עפּעס ברענגען פון וואָלאָטשייעווקע. ער נעמט אַרויס פון קעשענע אַ שטיק ציייטונגס־פּאַפּיר, רייסט אָפּ אַ שטיקל, שיט אָן אַ ביסל מאַכאָרקע און פאַרדרייט. לעקנדיק מיטן צונג דאָס פּאַפּירל, זואַרפט ער אַ בליק אויף די הייזער פון דעם שכנישן קאָלווירט. בלייבט ער אַ מינוט שטעקן מיט דער צונג אויפן שטיקל פּאַפּיר, טראַכט אַ ווײַלע, פאַר־רייכערט, גיט אַ טיפּן צי מאַכאָרקע און בלאָזט אַרויס צוזאַמען מיט אַ וואָלקן רויך: „נישקשה. כל־זמן מאָטע איז קאָניוך, וועלן די פערדלעך פון הונגער ניט שטאַרבן".

ער כאַפּט דעם זאַק און לאָזט זיך אַ פריילעכער צום שכנישן קאָלווירט: „זיי וועלן אויסלייען אַ זעקל האָבער — נישקשה!" פון זיינע נאָזלעכער זעצן געדיכטע וואָלקנס רויך. פריילעך זינגט ער זיך אונטער און יאָגט זיך מיטן זעקל אונטערן אָרעם. דער דרויסן איז אַ כמורנער. וואָלקנס העגגען איבער דער טייגע און זיינען גרייט יעטווידע מינוט ווידער אַראָפּצולאָזן אַ שלאַקסרעגן.

פאַרנאַכט האָט מען צונויפגערופן אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג. דער קלוב איז געווען פול געפּאַקט. ס'האָבן זיך געמישט אָפּגעברענטע, פאַרהאַרטעווע־טע פּנימער פון אַלטע בירא־בידזשאַנער מיט ווייסע פּנימער פון נאָרוואָס געקומענע איבערוואַנדערער. דער קלוב האָט געקאָכט און געררוישט.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קאָמי־טעט חבר ליאָווע:

— אין טאָג־אָרדענונג שטייט איין פראַגע . . .

— עסן! — כאַפּט עמעצער אונטער פון די הינטערשטע רייען.

אויף ליאָוועס ברייטן פּנים צעגיסט זיך אַ שמייכל און ער פאַרענדיקט קורץ:

— יאָ, וועגן עסן . . . אַ וואָרט באַקומט חבר לייבמאַן.

ס'איז געוואָרן שטיל, אַזוי שטיל, אַז לייבמאַן איז אַזש בלאַס געוואָרן. ווי זיין טבע איז, איז ער צוגעגאַנגען צום טישל מיטן נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט, מיט דעם זעלבן ביכעלע, וואו עס זיינען ביי אים פאַרשריבן אַלע פּלענער פון די „גיגאַנטן", וואָס ער גרייט זיך אויסצובויען אויף דער סאָפּ־קע . . . דאָרט איז ביי אים אַלצדינג פאַרשריבן. אָט שטעלט ער אָן איין אויג אויף אַ פאַרשריבן בלעטל, און מיטן צווייטן אויג וועגדט ער זיך צו דער פאַרזאַמלונג.

— אָט, אַ מאָדנע לאַגע האָט זיך באַקומען, — זאָגט ער און ציט אַרויף אויף זיין פּנים אַ געצוואונגענעם שמייכל, — אין וואָלאָטשייעווקער שפּייכלער ליגן פּראָדוקטן, וואָס וואָלטן געסטייעט ביז איבערן ווינטער, און דאָ האַלט שוין גאַנץ שמאָל. אָט, אַשטייגער, ליגן דאָרט 150 זעקלעך מעל, און אויף מאָרגן איז שוין ניטאָ קיין ברויט.

— אויף מאָרגן? — גיט אַ פאַרוואונדערטע שטימע אַ שלאָג אין דער שטילקייט אַריין.

— וואָס־זשע האָט מען געוואַרט? — האַלט אונטער אַ צווייטער.

— מען האָט געוואַרט? . . . מען האָט ניט געוואַרט . . . מען האָט זיך אָנגעטראָפן מיט שוועריקייטן . . . בירא־בידזשאַנער שוועריקייטן . . . — האָט לייבמאַן געוואָלט אָפּפטרן די זאַך מיט אַ חכמה, נאָר פונעם עולם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אַן אַ שיעור בייסנדיקע פראַגן:

— וואָס האָט די פאַרוואַלטונג געטאָן קאָנקרעט?!

— פאַרוואָס האָט מען נאָך ביז איצט ניט אויסגעבויט קיין אייגענע באַזע!

— וואָסערע מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן אַריבערצוברענגען די פּראָדוקטן?

— די פאַרוואַלטונג איז פאַרנומען . . .

— . . . מיט גיגאַנטן, — כאַפּט אונטער איינער דעם אַנדערן.

— מען דאַרף שרייבן אין ראַיאָן!

— קיין מאָסקווע!

לייבמאַן איז געשטאַנען אַ בלאַסער, ער האָט געוואוסט, אַז עס איז קעגן אים אָנגעזאַמלט פּולווער, נאָר אַז עס זאָל היינט אָנהייבן אויפרייסן, האָט ער זיך ניט גערעכט.

דאָס גלעקל אין ליאָוועס האַנט האָט זיך געריסן און משונהדיק זיך געוואָרפן:

— לאָזט ענדיקן! איר וועט יעדערער באַקומען אַ וואָרט.

ליאָווען איז אָנגעקומען שווער איינצושטילן די צעוואַרעמטע געמיטער. עס איז שטיל געוואָרן, ווען נאָך לייבמאַנס אייניקע ווערטער, וואָס זיינען צו קיינעמס אויער ניט דערגאַנגען, האָט גענומען אַ וואָרט דער אַלטער בירא־בידזשאַנער, דער קאָניוך מאָטע.

— שאַ!

— שטיל!

— לאָזט ריידן! — האָט איינער צום אַנדערן געשריען. מאָטען האָבן אַלע ליב, יעדערער ווייסט, ווי איבערגעגעבן ער איז צו דער אַרבעט,

פראָסט, אָן קונצן, — אָן אמתער בירא־בידזשאַנער . . .

מאָטע איז איצט אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמדל מיט אַ דין פּאַסעקל אַרומגעבונדן, אָפּגעוואַשן, און די גלאַטע האָר ליגן צוגעקעמט אויף ביידע זייטן קאָפּ. די מיידלעך קוקן איצט אויף אים מיט גרויס הנאה און מיט שלאָגנדיקע הערצער רייסן זיי שטיקער איינע פון דער צווייטער.

מאָטע האָט איינגעצויגן דאָס פּאַסעקל און אַ זעץ געטאָן:

— עס איז אַ גרויסע בעזאָבראַזיע, אָט וואָס! — ער האָט אַ שלאָג געטאָן מיט אַ פויסט אין דער לופט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן עמעצן שלאָגן.

— שוין דאָס פערטע יאָר, ווי איך בין אין בירא־בידזשאָן און ס'האָט קיין איין מאָל ניט געטראָפן, אַז עס זאָל אויספעלן קאָרם. אַז מען קען ניט פירן מיט פערד, פירט מען מיטן וואַסער . . . ניט געקענט ביז אַהער אויסבויען אָן אייגענעם שפּייכלער? אַז אונדזער פאַרזיצער ליגן גאָר אין קאָפּ גיגאַנטן. אָט, נאָט אייך — גיגאַנטן! . . . די פערד שטייען הונגעריקע.

— וואָס איז דיין מיינונג? — שלאָגט אים ליאָווע איבער מיט אַ פראַגע.

— זאָג, וואָס זאָל מען תיכף טאָן.

— טאָקע גלייך אויפן אָרט?

— יאָ, מאָרגן איז ניטאָ ניט קיין ברויט, ניט קיין פּיטער.

— מאָרגן? — ער האָט אַ פיר געטאָן מיט די אויגן איבער דער פאַרזאַמלונג און געזאָגט: — מאָרגן איז אַ רו־טאָג. זאָל מען אַ גיי טאָן אויף וואָלאָטשייעווקע און אַריבערטראָגן דאָס ביסל פּראָדוקטן.

די בענק זיינען מיט רויש זיך צעפאָרן. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

— אַ שיין ביסל!

— אַ שפּייכלער מיט פּראָדוקטן!

— מען וועט דאָך פאַרזונקען ווערן אין בלאָטע!

— וואָס הייסט, אויף די פּלייצעס אַריבערטראָגן? — האָט אַ נאַרוואָס געקומענע איבערוואַנדערן אַ פרעג געטאָן, און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט שרעק און פאַרוואונדערונג.

— זאָל גיין די פאַרוואַלטונג!

— זאָלן זיי זיך אַליין איינשפּאַנען און שלעפּן!

— זאָלן אַלע גיין, די פאַרוואַלטונג אויכעט!

לאַנג האָט זיך געטומלט אין קלוב. לאַנג איז מען געשטאַנען צווישן די בענק און אַרומגערעדט די קלאָגעדיקע אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג און דעם מאָרגעדיקן מאַרש אויף וואָלאָטשייעווקע.

די עלמאַנס, אַן אַלט, שוואַך פֿאַרפֿאַלק, האָבן זיך די לעצטע אַראָפּגע־לאָזט פֿון דער סאָפּקע צום טייך. איינער פֿון די קאַלווירטניקעס, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן אַריבערשיפֿלען דעם עולם, האָט צו זיי געשריען מיט כּעס:

— גיכער אַ ביסל, קוים זיך אויסגעפּאַרעט!

— קום, מאיר, קום גיכער, זעסט, מיר זיינען פֿון די לעצטע, — האָט ביילע געשלעפּט דעם מאַן ביים אַרבל, צוגייענדיק צום שיפֿל.

— גיכער אַריינגעזעצט זיך! איר זעט ניט, אַז עס האַלט פֿאַר אַ רעגן?

— דער איבערשיפֿלער האָט אַ כאַפּ געטאָן די וועסלעס, אַ שפּאַן אײַן געטאָן די פֿאַרברוינטע אַדערדיקע הענט און דורכגעשניטן דעם טייך. גיך האָט ער צוגעבונדן דאָס שיפֿל צו די אַנדערע צווייג, וואָס זיינען שוין געשטאַנען צו־געפּעסטיקט צום ברעג, און אַ פֿריילעכן געשריי געטאָן: — גערודערט זאָל ווערן! — און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט שפּרייזן איבערן זומפּיקן וועג.

די עלמאַנס זיינען אין איילעניש אַוועק נאָך אים.

ס'איז געווען אַ שטילער, כמורנער פֿרימאָרגן. די טייגע האָט זיך גע־רייכערט. פֿרימאָרגן־ווינטלעך האָבן געבלאָזן איבער דער ברייטער, פֿרייער רחבות, געגלעט די ווילדע גראָזן און געמישט די בלעטער פֿון אור־ביימער.

שווער איז די עלמאַנס אָנגעקומען, ביז זיי האָבן דעריאָגט דעם עולם.

— גיכער, מאיר, לאָמיר גיין צוזאַמען, דאָרט גייען דאָך אַלע, — בעט זיך ביים אַלטן ביילע. זיי האָבן אונטערגעהונקען איבער די בערגלעך, וואָס שטאַרצן אַרויס פֿון די זומפּן און זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּחות.

— אַז וואָס דאַרף מען אַזוי לויפֿן, וואָס איז דאָס געיעג? — אָטעמט מאיר קוים אַרויס, צוקומענדיק צו די הינטערשטע רייען.

— אָ, רב מאיר!

— אָ, ביילע! איר זייט אויך דאָ?

— קומט, קומט־זשע, לאָמיר גיין צוזאַמען. — מען נעמט זיי אַריין אין דער ריי און מען ווייזט זיי ווי אַזוי צו שפּרייזן איבער די בערגלעך.

זיי שפּרינגען איבער די בערגלעך און זיינען אויפֿגעלייגט פֿון דעם מאָדנעם מאַרש איבערן זומפּיקן וועג אונטערן כמורנעם הימל, וואָס איז גרייט יעדע ווײַלע אַראָפּצולאָזן אַ רעגן. עס ציט זיך אַ לאַנגע ריי, וואָס מאַרשירט שפּרינגענדיק אויף די בערגלעך. ביי אַ סך איז נאָך ניט אָפּגע־ווישט דער שלאָף פֿון די פּנימער. עס איז נאָך פֿרי. נאָר מען איילט — דער הימל איז כמורנע, און עס קאָן יעדע מינוט אַ ליאַפּע טאָן אַ רעגן, וואָס זאָל פֿאַרפֿלייצן די וועלט.

גייען אין די הינטערשטע רייען מאיר מיט ביילען, אין שפּיץ גייען די אַלטע ביראָ־בידזשאַנער. פֿאַר אַ סך פֿון די נייע איבערוואַנדערער האָט

די גאַנצע זאַך אויסגעוויזן מאָדנע און גאָר אומפאַרשטענדלעך: אַ גאַנצער ישובֿ נעמט און פאַרשליסט די טירן און גייט אַריבערטראָגן אַ שפּייכלער מיט פּראָדוקטן איבער אַ זומפּיקן בערגלדיקן וועג, און דאָס — ניט קיין איין וויאָרסט, נאָר גאַנצע זיבן. גייען טאָקע אַ סך און הייבן מיט די אַקסלען.

— הערסט, מאיר, ס׳איז ניט צו באַנעמען, וואָס דאָ טוט זיך.

— יאָ, ביילעשי, שווער צו פאַרשטיין, ס׳איז זיך גאָר ניט צו דער־טראַכטן.

— איך האָב זיך עפּעס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס בירעבידזשאַן.

— גיט ביילע אַ רוים אײַן אויפן אויער אַ שכנה, וואָס גייט לעבן איר, נאָר מאיר כאַפּט עס אויף און האַקט אָפּ:

— ניט כדאַי צו ריידן.

ס׳האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ דין רעגנדל, וואָס האָט באַלד אויפגעהערט, האָט זיך ווי פאַרהאַלטן און געבליבן הענגען אין דער לופט.

— אוי, עס רעגנט.

— אפשר זאָל מען גיין צוריק?

— אויך מיר אַ רעגן.

— ס׳אויף אַ מינוט.

— ס׳עט באַלד אַרויס דער אמתער!

די ערשטע רייען האָבן פאַרגיכערט דעם טראָט. דאָרט גייען מענטשן מיט פעסטע טריט, מיט פיס, וואָס זיינען שוין געוואוינט צו אַלערליי וועגן. די הינטערשטע קומט אויס נאָכצוטאָנצן, כדי ניט אָפּצושטיין, מאיר מיט ביילען הייבן אָן נאָכצולויפן מיט דריבנע טריטעלעך, נאָר באַלד בלאָזן זיי ביידע גלייך אַרויס:

— ניטאָ קיין כח!

זיי זיינען שוואַכע מענטשן, די עלמאַנס, גאָר שוואַכע. די אַלטע איבער־וואַנדערער קוקן אויף זייערע פנימער, וואָס זיינען פאַרצויגן מיט אַ קרענק־לעכער רויטקייט, און דרייען מיט די קעפּ.

— איז וואָס, מיינט איר, וואָלט געווען, ווען איר גייט ניט, מען וואָלט אייך קיין חלק ניט געגעבן?

— וו־אַ־אַ־ס? — גיבן זיך ביידע אַ כאַפּ און ווערן אַנגעצונדן.

— אַ שיינע מעשה, זעסטו, ניט גיין! געהערט אַזוינס?! . . .

— די גאַנצע סאָפּקע גייט, זאָלן מיר בלייבן?! . . .

זיי קאָנען עס גאָר ניט שענקען, די עלמאַנס, זיי גייען, און עס ברענט אין זיי. אַ גאַנצן אויפדערנאַכט האָבן זיי זיך געגרייט צו דעם דאָזיקן וואונ־דערלעכן מאַרש, און פּלוצעם גאָר: „איר האָט ניט געדאַרפט גיין!” אַ גאַנצן

צענדליק בלאַנק־נייע זעקלעך האָט ביילע אַרויסגענומען פון איר קאַסטן און צוגעמראָגן לייבמאַנען — „נאַט! ס׳פעלט דאָך אַוודאי אויס. אויף צוקער וועלן זיי גוט זיין, נייאינקע״. זי האָט אונטערגעטראָגן די זעקלעך מיט אַ פאַרפלאָמט, שיינענדיק פּנים, ווי אַ צושטייער צו דער גרויסער זאַך. און פּלוצעם — אַזאַ באַליידיקונג . . .

זייער פאַרדרוס איז צערונען געוואָרן ביים געזאַנג, וואָס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון די ערשטע רייען. פאַר זייערע אויגן איז שוין געשטאַנען אין זיין גאַנצער פּראַכט דער העלדישער זון — דער רויטאַרמייער אויפן שפּיץ פון דער פאַרטיזאַנישער סאַפּקע. אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט, מיט אַ הויך־אויפגעהויבענער ביקס, שטייט דער רויטאַרמייער, און איבער זיין קאָפּ הילכט אויף אַ בריי געזאַנג, אַן איינגעשפּאַרטס און אַ זיכערס, ווי זיכער עס איז די ביקס אין זיין האַנט.

— „דאַלביעוואָסטאָטשנאַיאַ, דאַיאָש אַטפּאָר! . . . ״

וואַלאַטשייעווקע, וואָס איז שוין געווען פון לאַנג אויפגעוועקט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר די טירן און פאַרחידושט געקוקט:

— וואָס איז עפּעס פאַר אַ מאַרש?

— אַזוי פרי?

— וואָס איז דען היינט פאַר אַ יום־טוב?

— ניט שוין־זשע פאַרן אַוועק די יידן פון דער סאַפּקע?

— ניין, עפּעס גייען דאָך אַלע מיט ליידיקע זעקלעך.

— איז וואוהין־זשע קענען זיי דאָס אַלע גיין?

פאַר וואַלאַטשייעווקע, וואָס געדענקט גוט אַ סך וואונדערלעכע מאַרשן, האָט דער דאָזיקער מאַרש אויסגעזען מאָדנע. די גאַנצע גאַס, וואָס כירט אין דאָרף אַריין, איז געשטאַנען און געהויבן מיט די אַקסלען, און די מאַרשירנדיקע האָבן אַלץ געזונגען זייער ליד.

מאיר מיט ביילען זיינען געגאַנגען די לעצטע און האָבן מיטגעזונגען די פאַר זיי אַ ביסל שווערלעכע ליד. זייערע פּלייצעס האָבן זיך אַ קאַפּעלע אויסגעגלייכט, און די פיס האָבן זיך געהויבן אַ ביסעלע גרינגער . . .

מענטשן זיינען געשטאַנען און געקוקט, ווי וואונדערלעך שנעל עס אַר־בעטן די הענט ביים איבערשיטן און איבערביגדן די זעקלעך. דער סטאַנציע־שעף האָט דורכגעלאָזט דעם צוג און איז צוגעקומען מיטן פאַרוויקלטן פענדל אונטערן אָרעם און געשאָקלט מיטן קאָפּ צו לייבמאַנען מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט מיט דעם געמיינט צו זאָגן: „איי, זייט איר באַלעבאַטים״.

— שוין טאַקע צייט אויסצובויען אַן אייגענע באַזע, — זאָגט ער, —

און אַריינפירן דאָס ברויט פון פעלד גלייך צו זיך. און די פּראָדוקטן, וואָס קומען אָן מיט דער באַן, וואָלט איר אויך געמעגט גלייך אַריינפירן צו זיך. שוין צייט צו ווערן באַלעבאַטים.

לייבמאַן פאַרשוויגט. ער שרייבט אין נאָטיץ־ביכל, מעקט און שרייבט. עס קאָכט ביים שפּייכלער. ער געדענקט איצט גאָר ניט, וואָס מען האָט נעכטן אויף דער פאַרזאַמלונג וועגן אים גערעדט. איצט איז ער פאַרנומען מיט צונעמען די מעל און די פּראָדוקטן, און מיט יעדן זעקל, וואָס מען טראָגט אַרויס פון שפּייכלער, ווערט אים עפּעס גרינגער אויף די פּלייצעס, ער באַפרייט זיך פון זייער אַ שווערער לאַסט . . . און זיין קאָפּ איז שוין ווידער פאַרנומען מיט חשבונות, מיט ווייטגייענדיקע פּלענער, און ער באַמערקט שוין כמעט ניט, וואָס אַרום אים טוט זיך.

מאָטע דער קאָנויך האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ זעקל האָבער און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן אַהיים:

— וואָס איז דאָ צו וואַרטן! — האָט ער אויסגעשריען, נאָר מען האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— שטיי, מאָטע, דו ווערסט צונעמען אַ שיפּל, און ווער וועט עס ברענגען צוריק צום ברעג?

האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק און אונטערגעאיילט דעם עולם:

— גיכער, גיכער, באַלד וועט אַרויס אַ רעגן! — און ער האָט גע־כאַפּט העלפן.

דער רעגן איז געהאַנגען באַר אויף אַראָפּצופאַלן. מען האָט געאַרבעט גיך, ווער ס'איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין זאַק, האָט זיך גענומען העלפן אַ צווייטן. מאיר מיט ביילען האָבן אונטערגעשטעלט זייערע צוויי בייע זעקעלעך און געבעטן, מען זאָל אין זיי שיטן צוקער:

— נייע זעקעלעך, פּונקט אויפן צוקער, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

ווען מען האָט אויסגעליידיקט דעם שפּייכלער, האָט מען אויף זיך אָנ־געלאָדן די זעק און מען האָט זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַריין. וואָלאָ־טשייעווקע האָט שוין איצט מיט די אַקסלען ניט געהויבן. אַלטע פאַרטיזאַ־נער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן דערמיט געמיינט צו באַגריסן די זעק, וואָס רוקן זיך פאַר זיי. ווייבער האָבן פאַרחידושטע אָנ־געוויזן אויף די אַלטע לייט:

— זע, אַלע גייען.

— ס'איז אַ סובאָטניק, מאַמע, פאַרשטייסט? — האָט אַ מיידל מיט אַ רויט טיכל אויפן קאָפּ געגעבן צו פאַרשטיין דער מאַמען.

— אַך, אַ ביסל מענטשן! — שרייט אויס אַ יאַטל.

די ערשטע רייען האָבן געפּרוּווט אַ זינג טאָן ביים פּאַרלאָזן דאָס דאָרף, נאָר באַלד האָט זיך דאָס געזאַנג אָפּגעהאַקט. די העלדזער זייַנען געווען איינגעצויגן, און דאָס קול האָט זיך פאַרהאַלטן.

מען האָט פאַרגיכערט דעם טראָט. דער כמורנער דרויסן האָט געטריבן. די ברעגן ביים האָריזאָנט זייַנען געשטאַנען איינגעהילט אין גרויע וואָלקנס. די סאָפּקעס זייַנען אויך געשטאַנען מיט טונקעלע קעפּ, ווי מען וואָלט אויף זיי אָנגערוקט גרויסע, שווערע היטלען.

— חברים, לאָמיר זיך צוזינגען, — האָט זיך געהערט אַ געשריי פון די ערשטע רייען.

אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט פונעם געדאַנק, טאָמער וועט באַלד אַראָפּ דער רעגן, און מען האָט גענומען שפּאַנען גיכער. איצט איז מען ניט געשפּרונגען איבער די בערגלעך, מען האָט שוין געגוואַדזשעט אין דער בלאָטע און געזעצט די פיס, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

לייבמאַן, מיט אַ שפּאָרן זאַק אויף די אַקסלען, איז געגאַנגען דעם קאָפּ אויף אַ זייט אַ ביסל אָנגעבויגן און געקוקט מיט הנאה אויף די זעק, וואָס האָבן זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער סאָפּקע. דאָרט, פון יענער זייט סאָפּקע, שטייען שטאַלן, און אין די שטאַלן שטייען פערד, בהמות, חזירים און וואַרטן . . . ער זוכט אָפּ מאַטען. יענער שפּאַנט מיטן זאַק האָבער, וואָס ליגט אויף זיינע פּלייצעס ווי צוגעוואַקסן: ער איז אַ ניי־דעריקער, מאַטע, און צווישן די בערגלעך אויפן וועג זעט ער אויס נאָך קלענער. ער איז אויסגעווייקט און אויסגעשמירט אין בלאָטע.

— האַ, מאַטע, האָסט ניט געוואָלט געבן קיין צוויי פערד, דער וועג איז אַ שלעכטער, האָסטו געזאָגט! — פּרוּווט אים לייבמאַן אַ שטאָך טאָן.

— וואָס־זשע — דער וועג איז אַ גוטער?

— אָט זעסטו דאָך.

— וואָס זעט מען?

— מען גייט . . . — לאַכט לייבמאַן פון זיין ניט־געלונגענער חכמה.

— מען גייט, אַוודאי גייט מען, — זאָגט מאַטע און ציט אויס צו לייבמאַנען דעם האַלדז, וואָס איז געשפּאַנט אין בלויע אָדערן, — ווען אויף אייער אָרט וואָלט געשטאַנען אַ רעכטער אָנפירער, וואָלט שוין דער וועג לאַנג געווען אַ וועג.

— אַזוי גאָר? — קרימט זיך לייבמאַן.

— אַזוי, אַזוי, מען וועט שטעלן וועגן דעם די פראַגע. — ער האָט אונטערגעהויבן דעם זאַק אויף די פּלייצעס און זיך אָפּגעקערט פון אים.

לייבמאַן בלײַבט אויף אַ מינוט שטיין, לייגט איבער דעם זאַק אויפן צווייטן אַקסל, וואַרט אָפּ אַ ביסל און קומט אויס גלייך מיט די הינטערשטע רייען. אין די הינטערשטע רייען זײַנען געבליבן די ווײַבער.

— וואָס גייט איר עפּעס באַזונדער פון די מאַנצבלען? . . .

— כדי איר זאָלט ניט הערן, וואָס מיר ריידן וועגן אייך, — שנײַדט אים אָפּ כאַסיע די קעכן.

— קריטיק און זעלבסט־קריטיק, — זאָגט לייבמאַן מיט אַ שמייכל, — אדרבה, רעדט, רעדט, האָט קיין מורא ניט. אָבער אין קעסל, כאַסיע, גייט ער צו איר צו נעענטער, — וועט שוין איצט זײַן וואָס צו לייגן, אַ?

— אַ דאַנק אייך אין היטל, געראָטענער באַלעבאָס, אַ צווייט מאָל, אַז מירן בלײַבן אָן פּראָדוקטן, וועלן מיר אייך אַרײַנוואַרפן אין קעסל.

די ווײַבער קוקן אויף לייבמאַנען מיט בייזע אויגן, זיי לייגן איבער די זעקלעך פון איין אַקסל אויפן אַנדערן און פאַרלאַנגזאַמען דעם גאַנג.

— שוין ניטאָ קיין כח צו שלעפּן די פיס.

— דאַכט זיך — מעל, און ליגט אויפן אַקסל, ווי אַ שטיין.

— פונקט אַרײַנגעטראָפן, — קלאָגט זיך אַ נאַרוואָס געקומענע איבערוואַנדערין.

— כ׳האָב מורא, אַז עס וועט שוין דאָ זײַן דאָס אמתע לעבן, — זאָגט אַ יידענע סתם אין דער וועלט אַרײַן.

כאַסיע קאָן עס ניט פאַרליידן.

— אין וואָס זעט איר שוין, אַז סע וועט דאָ זײַן אַ שלעכט לעבן?

— וואָס־זשע, דאָס איז אַ לעבן? די פיס ווערן דאָך געשוואָלן, שלעפּנדיק זיך אין דער בלאָטע.

— ניט אַלע טאָג שלעפּט מען זיך דאָך אין בלאָטע. ס׳וועט זײַן אַ וועג, וועט מען זיך ניט שלעפּן אין בלאָטע.

— ס׳וועט זײַן — ווען וועט דאָס זײַן?

— ווען מיר וועלן אָוועקשטעלן רעכטע אָנפירער, — ענטפערט כאַסיע און קוקט אַרויסרופעריש צו לייבמאַנען.

די יידענע פאַרשלינגט אַ זיפצל און שווייגט. דאָס זיפצל פאַרדריסט שוין כאַסיען גאָר שטאַרק, — דאָס קאָן זי שוין אוודאי ניט פאַרשווייגן:

— זיפצן איז ניטאָ וואָס, מע האָט קיינעם ניט געצוואונגען, אַ סאָבאַטניק איז אַ פרייע זאַך, ווער עס וויל — גייט. נויטן האָט מען קיינעם ניט גענויט.

— אַזוי גאָר?

כאַסיע קוקט אויף איר, ווי זי וואָלט וואַרטן אויף אַ סוף פון אַ ניט־

פאַרענדיקטער פראַזע און זאָגט אַרויס מיט האַרץ:

— אַזאַ יאָר שוין אויף מיר, וואָס פאַר אַ לעבן דאָ וועט זיין. און גאָר אינגיכן. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איר האָט געלעבט דאָרט ביי אייך, פונוואַ־נען איר זייט געקומען, נאָר דאָ, ביי אונדז, וועט זיין זייער גוט דאָס לעבן.

כאַסיעס ווערטער, אַרויסגעזאָגטע מיט אַזויפיל האַרץ און גלויבן, האָבן עפּעס ווי גרינגער געמאַכט דעם זייער שווערן גאַנג.

ווען די ערשטע רייען זיינען אָנגעקומען צום טייך, האָט אָנגעהויבן טריפן אַ דין רעגנדל. דער הימל, אינגאַנצן אַ באַצויגענער מיט געדיכטע וואָלקנס, האָט אָנגעזאָגט אויף לאַנגע, גרויסע רעגנס. די הינטערשטע רייען האָבן אָנגעהויבן לויפן נאָך די פאָדערשטע, וואָס זיינען שוין געווען ניט ווייט פון טייך. מען האָט אַראָפּגענומען פון זיך די אייבערשטע מלבושים און מען האָט איינגעדעקט די זעק. נאָר דער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט, און מיטאַמאָל האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט אַזאַ מין רשעות, ווי ער וואָלט אַלץ מיטאַמאָל געוואָלט פאַרשווענקען.

ביים טייך האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי. די הינטערשטע רייען, וואָס זיינען צום טייך געלאָפן, האָבן ניט געוואוסט, וואָס שרייט מען.

— פאַרוואָס זעצט מען זיך ניט אין די שיפלעך? — שרייט כאַסיע, לויפנדיק אַ געבויגענע אינדרייען, — וואָס שטייען זיי דאָרט אונטערן רעגן?

— ס'וועט דאָך תיל־תל פון די פּראָדוקטן!

— מען מאַכט דאָך אַש פונעם גוטס!

צוקומענדיק צום טייך, האָבן זיי דערהערט:

— ניטאָ די שיפלעך!

— אַ, ניטאָ די שיפלעך?

— ס'איז עמעצנס אַ שטיקל אַרבעט!

— וואָס הייסט?

— דאָ שטעקט אַ פרעמדע האַנט!

— אוי, מאַמעלעך מיינע!

— זיי זיינען געווען פעסט צוגעבונדן!

— אַט אָ־דאָ זיינען זיי דאָך געשטאַנען! . . .

אַ שרעק איז אַלעמען באַפאַלן און אַ טשמעל געטאָן איבער די קעפּ.

— וואָס־זשע וועט מען טאָן?

— יידן, וואָס שטייט איר?!

— אפשר אַראָפּלייגן און לויפן זוכן די שיפלעך?!

— וואו לויפן, ווען לויפן. זע, ווי ס'ליאַפּעט.

מאָטע קאָניוך האָט זיך געגעבן אַ רוק אַרויס פון טומל, איז צו צום

ברעג, — אַ פּיר געטאָן מיט זיין בליק איבער זיין אייגענעם קערפּער, פון די פיס צום אַקסל, ווי ער וואָלט דערמיט געמיינט זיין אייגענע גרייס אָפּ־צומעסטן, און אויפגיך אָפּגעבונדן דעם זאַק האָבער פון די פּלייצעס און אויפגעהויבן אים אַריבערן קאָפּ, האָט ער אויסגעשריען:

— ס'איז דאָ ניט טיף, נישקשה! נאָך מיר — שאַגאָם אַ־ר־ר־ש! . . .

ער איז אויסגעוואַקסן איבער אַלע קעפּ מיטן אויפגעהויבענעם זאַק אין דער הייך.

אויף איין ווײַלע איז ביים ברעג געוואָרן שטיל. די מענטשן האָבן זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק, דערנאָך אַ צי פאָראויס. און דער ברעג האָט זיך אַ זעץ אַראָפּ געטאָן אין טייך אַריין. איינער נאָכן אַנדערן זיינען די מענטשן אַריין אין וואַסער.

דאָס וואַסער האָט געקאָכט און זיך געכוואַליעט. אויפגעהויבענע הענט און אויפגעהויבענע זעק האָבן זיך גיך געטראָגן איבער דעם צעבוי־טעטן, צעכוואַליעטן טייכל און זיינען פאַרשוואונדן צווישן די ביימער, וואָס אויפן צווייטן ברעג, אויף דער סאָפּקע.

גלייך נאָך די ערשטע האָבן זיך שוין אַלע אַ לאָז געטאָן אין וואַסער מיט די פאָרהויבענע זעק און קלומקעס, נאָכשפּירנדיק נאָכן אומזיכטבאַרן שטעגל, וואָס מאָטע האָט דאָ דורכגעלייגט אינעם אויפגעשוימטן טייכל. עפּעס אַ מין פייערלעכקייט האָט געהערשט אין די רייען, מען איז געגאַנ־גען ביזן ברוסט אין וואַסער שווייגנדיק און אַפילו ניט באַמערקט דעם ליאַ־פּענדיקן רעגן, וואָס האָט, ווי מיט אַ פאַרהאַנג, פאַרהילט די מאָדנע פּראָ־צעסיע פון יידן און יידענעס.

לאַנג האָט זיך נאָך דאָס מוטנע צעבויטעטע וואַסער געוואָרפן צו די ברעגן. ס'האָט געכוואַליעט און געקאָכט. פון אויבן האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן.

מאיר מיט ביילען האָבן זיך שוין איבערגעטאָן אין טרוקענע מלבושים, זיינען געבליבן זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן, זיך געווישט מיט טרוקענע האַנטעכער און געציטערט. איצט ערשט האָבן זיי דערפילט אַ קעלט אין די ביינער. פאַר זייערע פיס איז געבליבן ליגן אַ נאַס פעקל אָנטאָן.

— הערסט, מאיר, ס'איז ניט צו באַנעמען, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט אַ וואָרף געטאָן די אַלטע, טוליענדיק זיך אין אַ וואָלענעם טוך.

— יאָ, ביילעשי, שווער צו פאַרשטיין, — זיפצט מאיר, קוקנדיק אַ פאַרטראַכטער דורכן פענצטער.

פונעם אייבערשטן שטאָק הערט זיך אַ געזונט־קלינגענדיק פרויען־געלעכטער און אַ טופּען פון פעסטע פיס . . .

# ביראָ־בידזשאַנער אויפֿן אַמור

## 1

די ערשטע רייען האָבן פֿאַרנומען די קאָמונאַרן די היי־שניטער.

— היינט זיינען מיר די מחותנים, — טוט אַ וואָרף מיטן קאָפּ בערקע,

— די פּערעסעלענצעס מעגן זיך דערוויילע זעצן אויבנאָן ביי דער טיר.

די נייע איבערוואַנדערער דרייען זיך אַרום איבער דער נייער, גרויסער, נאָר־וואָס געעפֿנטער קיך, וואָס זעט אויס אַנטקעגן דעם פֿריערדיקן פֿאַר־רייכערטן ווינקל אין באַראַקל גאָר לייטיש. זיי מאַכן זיך ניט וויסנדיק פֿון בערקעס חכמה. אַנגעטאָן אין דעם בעסטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיט־געבראַכט, שיינען זיי היינט און פֿילן זיך נאָך אַ ביסל ווי געסט. די ווייבער זייערע האָבן היינט צום ערשטן מאָל אַרויסגענומען פֿון די נאָר־וואָס אויפֿגע־פּאַקטע פּעקלעך זייערע יום־טובֿדיקע מלבושים און האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די הינטערשטע בענק און וואַרטן, ווי געקומען אויף אַ חתונה, מען זאָל זיי פֿאַרבעטן צום טאַנץ.

די עלעקטרע שיינט היינט, דוכט זיך, העלער און באַלייכט פֿריילעך די אַלע, וואָס זיינען געקומען אויפֿן אָוונט פֿאַר די קאָמונאַרן די היי־שניטער.

די קאָמונאַרן לאַכן. זייערע קודלעוואַטע קעפּ טרייסלען זיך אין אַלע זייטן. די צעכראַסטעטע יונגען זיינען פֿריילעך. אין זאַל איז פֿריילעך.

די פֿענצטער פֿון דער קיך שטייען אָפֿן. דורך די דינע ווייסע סעטקעס רייסט זיך אַהער אַריין די קלאַפּעריי פֿון דער דינאַמאָ.

— חבֿרה, צייט אָנהייבן, דערלאַנגט! — גיט בערקע אַ וועק דעם עולם.

חבֿרה כאַפּט זיך, אַז ס'איז שוין טאַקע צייט, און דערלאַנגט מיט הענט און מיט פֿיס. אַ טופּעריי, אַ פּלעסקעריי. פּיזוקע רוקט אַריין צוויי פֿינגער אין מויל און גיט אַ שניט די לופֿט מיט אַ הילכיקן פֿייף.

מיט אַ פֿאַרפּלאָמט, יום־טובֿדיק־באַשיינט פּנים קומט צו לויפֿן זעלדע די גראָבע. זי גיט אַ וואָרף אירע ביידע הענט אין די פֿאַרקאַשערטע אַרבל און צעשרייט זיך מיט אַ ברייטן שמייכל:

— העי, יאַטן! וואָס האָט איר זיך אַזוי צעהאָצקעט, וואָס איז, די פּעטשעניע האָט אייך פֿאַרשמעקט?

— קלעטראַק! — טראָגט איר פּיזוקע אַנטקעגן איר צונעמעניש.

— ווי איך בין אַ ייִד, זי סלעפּט ווי אַ „קאַטערפּילער“, — גיט זיך בערקע אַ זעץ אין האַרצן.

— דאָס פּירסטו די בריגאַדע, אַזאַ מזל אויף דיר, בערקע, וואָס פאַר אַ בריגאַדיר דו ביסט!

חברה צעפּילדערט זיך:

— אין אַ גראַבילקע, אין אַ קאָסילקע וועט מען דיך איינשפּאַנען, וועסטו שלעפּן פאַר צען!

— כ׳וועל אַזוי אויך אַרבעטן מער פאַר אייך.

— זי איז אין דיין בריגאַדע, בערקע? — פרעגט זייטיק דער אַלטער ברייטער.

— ניין, אין ריוווקינס.

— אַלע בעסטע אַרבעטער האָט זיך גענומען ריוווקין, די סאַמע הייסע האָט ער זיך אויסגעקליבן, — צעוואָרעמט זיך דער אַלטער ברייטער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ זייט און האָט זיך געפילט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה.

— זע נאַר, ווער סע רעדט, אַ סימוליאַנט! — גיט זעלדע אַ קרים דאָס פּנים און קערט זיך אָפּ.

— מיר האָט מען שוין אויך געגעבן גוטע אַרבעטער, — ענטפערט בערקע ברייטערן. — ביי מיר איז פריד און די חברטע גרוניע.

— האַ־האַ! — גיט ברייטער אַ וואָרף דעם קאָפּ אַרויף און אַראָפּ. — דיר האָט מען געגעבן די פּאַרטיינע! און דו וועסט עס זיין דער „ספּעץ“.

— כ׳פּייף אויף דעם.

— נו, נו, בערקע, פּייף ניט, זע נאַר, מע זאָל דיך ניט באַפּייפן!

אַלע גיבן זיך מיטאַמאָל אַ קער אָפּ אויף הינטן, קוקן זיך אום. הינטער זיי זיצט זלאַטקין.

— זלאַטקין! דו! . . . הייליקער קאָמסאָמאָליעץ. פאַר וועמען נעמסטו זיך אָן?

— פאַר די פּאַרטיינע נעמט ער זיך אָן.

— ער האָט דאָך געקראָגן אַ נייעם בילעט.

— סט׳געהערט ווי ער האָט געשוואוירן?

זיי וואַרפן אַריבער די פיס אויף דער אַנדערער זייט באַנק און חוזקן גוטמוטיק פון זלאַטקינען.

זלאַטקין זיצט און לאַכט אַרויס פון אונטערן דאַשעק, וואָס איז איבערגעבראָכן פונקט אין דער מיט. זיין קלייענדיק פּנים איז אָפּגעברענט, און די ברוסט קוקט אַרויס פון אונטערן צעכראַסטעטן העמדל און איז,

ווי דאָס פּנים, אויסגעמישט מיט זומער־שפּרענקעלעך. ער לאַכט, זלאַטקין, ער וויל עפּעס זאָגן, ס׳איז קאָנטיק, אַז ער זוכט עפּעס אַ וואָרט און ס׳קומט אים אָן שווער עס צו פּאַקן. לאַכט ער און הערט דערווייל אויס די אַלע חוזק־ווערטער. דערנאָך פּאַקט ער דאָס וואָרט און גיט אַ זאָג אַרויס:

— אַ קרענק האָט איר געקראָגן נייע בילעטן, מען האָט אייך אַרויס־געשמיסן פֿון קאַמיוג! . . .

זלאַטקין באַמערקט, ווי אייניקע פּנימער שיינען אויף און אַנדערע פֿאַרקרימען זיך . . .

מאיר רובין, אַ בלאַסער אײדעלער בחור מיט אַן אינטעליגענטישן אויסזען, גייט שוין אַרום צוויי טעג אָן אַ קאָפּ. צום הײ־שניט האָט מען אים ניט פֿאַרשריבן, ווייל ער איז נאָך אַ קרענק. צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען זיין שטאַרק. אמת, ער פֿילט זיך שוין געזונט, נאָר ער אַרבעט נאָך ניט, ער רוט נאָך אָפּ, און דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים ניט פֿאַרשריבן. גייט ער אַרום און רייבט דעם שטערן — זאָל ער זיך פֿאַרשרייבן, צי ניט? כח האָט ער, דאָס פֿילט ער, און אַז ער דאַרף גיין צום הײ־שניט, אַז עס איז גאָר אַ וויכ־טיקע צייט איצט פֿאַר דער קאָמונע — ווייסט ער אויך. און באַזונדערס פֿילט ער זיך אַ שטאַרקער בעל־חוב, ווייל פֿאַר דער צייט, וואָס ער איז אין בירא־בידזשאַן, האָט ער אין קיין שום קאָמפּאַניע ניט אָנטיילגענומען. האָט מען אים אויסגעטיילט אין אַ בריגאַדע אויף פֿאַרגרייטן וואַלד, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַרן ווינטער אין דער טייגע און האָט זיך אָפּגעזאָגט. צו דער פֿאַרזיי־קאָמפּאַניע איז ער יאָ געגאַנגען, אָבער נאָך אַכט טעג אָפּאַרבעטן איז ער אַוועק פֿון פֿעלד. ער איז צו קיין פֿעלד־אַרבעט ניט צוגעפּאַסט, — האָט ער געזאָגט, און ניט צוליב דעם איז ער געקומען פֿון לענינגראַד קיין בירא־בידזשאַן. איצט טוט אים באַנק זיין פֿריערדיקע אויפֿפֿירונג. איצט וויל ער אָפּצאָלן פֿאַר פֿאַרגאַנגענע עוולות, און אָפּצאָלן גוט און אַ סך, עס זאָל זיך אָנזען. צום הײ־שניט מוז ער גיין, עפּעס טאַטשעט אים אין האַרצן. ער האָט ניט קיין מורא פֿאַר די שווערקייטן: פֿאַר די קאָמאַרעס, פֿאַר די היצן, ער האָט דערפֿאַר קיין מורא ניט. עס שרעקט אים נאָר די קאָסע. ווי־אַזוי וועט ער זיך מיט איר ספּראַווען? זינט ער לעבט, האָט ער קיין קאָסע אין האַנט ניט געהאַלטן. איז וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט ער האָבן אין די אויגן פֿון די אַלטע קאָמונאַרן, די באַרימטע הײ־שניטער? דרייט אים טאַקע דער קאָפּ . . . אָט־אָט וועט זיך אָנהייבן די פֿאַרזאַמלונג, און ער וועט פֿאַרשפּעטיקן מיט זיין מעלדונג, און די מעלדונג מוז ער מאַכן היינט. אויף דער פֿאַרזאַמלונג. „ס׳וועט מאַכן אַן איינדרוק״, — טראַכט ער. גייט ער

אַרויס אין דרויסן, רייסט אָפּ אַ צווייַגל פון אַ קוסט אויף אָפּצוטרייבן פון זיך די קאָמאַרעס און לאָזט זיך שפּרייזן איבערן הילצערנעם טראָטואַר, וואָס אַרום דער שטוב.

די נאַכט איז אַ שיינע, אַ שמעקעדיקע, אַ מחיהדיקע נאַכט. דער הימל איז פול באַזעצט מיט שטערן. אין אַזאַ נאַכט, דערמאָנט זיך רובין, איז ער אַהער געקומען. נאָר דאַן איז נאָך דאָ אויף דעם אָרט ווינציק־וואָס געווען: ווילדע, פאַרוואָקסענע טייגע איז עס געווען. איצט קלאַפּט פריילעך אַ דינאַמאָ, פון די סלופּעס, פון די ווייניקע פרישע סלופּעס לויכטן אַראָפּ עלעקטרישע לעמפּלעך. קיין מענטשן זיינען איצט אין דרויסן ניטאָ. ער איז איצט אַליין מיט דעם פריילעכן גערויש פון דער דינאַמאָ, און ס'איז אַזוי היימלעך אויף דער סאָפּקע. די ביימער און קוסטעס, וואָס זיינען געדיכט באַזעצט אַרום דעם איינציקן הויז, פילן אָן די לופט מיט טייערע ריחות. ציט ער אין זיך אַריין די לופט, זיין ברוסט ברייטערט זיך אויס, און ער פילט זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי גוט. ער האָט ליב דאָס אָרט. דאָ וועט אויס־וואַקסן אַ שטאָט. ביז איצט איז ער געווען אין שטעט אין פאַרטיקע. איצט וואַקסט אין טייגע אַ שטאָט פאַר זיינע אויגן. קוקט ער אַרויף צום עלעקט־רישן לעמפּל; דאָס לעמפּל, דוכט זיך אים, שיינט איצט מיט טויזנטער פייערן, וואָס האָבן זיך צעשפּריצט איבער די סאָפּקעס און האָבן אָנגעצונדן די שפּיצן פון די ביימער. ער האָט ליב דאָס אָרט, ער האָט דאָ פון די ערש־טע דעם פוס געשטעלט, דאָ געקאָרטשעוועט, געגראָבן, געמישט ליים, גע־פירט זאַמד. און איצט . . . ס'האָט אים שטאַרקער אַ טאַטשע געטאָן אין האַרצן. ער איז געבליבן שטיין, אַ רייב געטאָן דעם שטערן, דערנאָך גיך אַ שפּרייז געטאָן און באַשלאָסן: „איצט מוז מען ראַטעווען די קאָמונע! מען מוז שניידן הייַ!" . . . אַ פריילעכער, אַ באַשיינטער, גייט ער אַריין אין קיך. די פאַרזאַמלונג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. ביים טיש זיצט זלאַטקין פון קאָמיוג און די בריגאַדירן ריווקין און בערקע. ריווקין לייענט דעם סאָצ־אָפּמאַך צווישן ביידע בריגאַדעס און רעדט וועגן דער וויכטיקייט פון היי־שניט ביי איצטיקן מאָמענט.

— . . . דאָס פאַראַיאָריקע יאָר איז געווען אַ שלעכטס. ס'איז ניט געווען קיין היי, האַיאָר מוז זיין היי! מ'עט אונטערגיין אָן היי! היי פאַר די בהמות, היי פאַר די פערד — איז ברויט פאַר די מענטשן! — ער עסט זיך איין מיט זיין בליק אין אַ פּנים אויף דער לעצטער באַנק און גיט אַ געשריי:

— ס'איז אַ יאָר . . . ס'איז אַ יאָר, אַ . . . רעשיטעלנע יאָר איז עס! אויפן גאַנצן וויטן מזרח אַזוי . . . פאַרשטאַרקן די גרענעצן דאַרף מען!

די בענק גיבן זיך אַ וויג. דאָס גלעקל אויפן טיש צעקלינגט זיך.

— . . . אונדזערע גרענעצן וועלן זיין געשטאַרקט, ווען מיר וועלן ווערן אַ שטאַרקער פּאַרפּאָסט! . . .

מאיר רובין גיט זיך ביי די ווערטער גיך אַ הייב אונטער אויף זיין בענקל און לאָזט זיך גלייך אַראָפּ צוריק. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט שוין באַשלאָסן און ווערט אין דער מינוט געשטאַרקט אין זיין באַשלוס.

— . . . דירות דאַרף מען . . . — זעצט פאָר דער רעדנער. — פערד געזונטע! . . . מילך דאַרף מען, מילך! פעטע חזירים . . . פליש דאַרף מען! ברויט! . . . אייגן ברויט . . . נייע מענטשן פאַרן אַהער, פון שטעט און שטעטלעך פאַרן מענטשן זיך בויען אַ נייע היים . . . זיבעציק טויזנט פּוד היי אַ גאַנץ יאָר פאַרגרייטן . . . פאַרפעסטיקן . . . מיט צעמענט — די נייע היים . . .

ער בלייבט שטיין אַ ווײַלע איבערגעבויגן איבערן טישל, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף „יאָ", ווי אַן אויסגעשריי־צייכן איבער אַלע קעפּ, און זעצט זיך אַוועק אויף זיין בענקל.

אויף די הינטערשטע בענק רודערט זיך.

— חבר, פאַרשרייבט אַלע נייע פערעסעלענצעס! — דערהערט זיך אַ פרויען־קול. — אַלע, די מאַנצבלען און די ווייבער. יאָ, יאָ, פאַרשרייבט!

— טאַקע פאַרשרייבט — הערן זיך שטימען פון אַלע זייטן.

ריווקין נעצט דעם בלייפעדער אויפן שפּיץ צונג, שאָקלט מיטן קאָפּ און שמייכלט צו די נייע איבערוואַנדערער.

— פאַרסרייב טאַקע, לאָמיר זען, ווי זיי וועלן סניידן היי אויפן אַמור, די סיסערס, — גיט בערקע אַ ברום, און דאָס פּנים פאַרלויפט אים מיט רויטקייט.

— שווייג! — גיט אים ריווקין אַ וואָרן מיט אַ שאַרפן בליק און מעל־דעט: — אַ וואָרט באַקומט דער חבר רובין!

רובין גיט זיך ראַפּטום אַ הייב אויף פון דער באַנק, און גייענדיק צו דער טריבונע, רעדט ער שוין:

— די לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן, איז ניט קיין געזונטע, און מען טאָר ניט פאַרבייגיין אַזוי־אַ גלאַט . . . מען מוז זאָגן, אַז דער אופן פון אויפ־נעמען די נייע איבערוואַנדערער איז זייער ניט קיין אויסגעהאַלטענער מצד אייניקע קאָמונאַרן . . .

די קאָמונאַרן גיבן אַ וואָרף מיט די קעפּ.

— איר אַנטלויפט דאָך פון פּאָסיעוו! — גיט פּיווקע אַ געשריי.

— איר שרעקט זיך דאָך פאַר בערן אין וואַלד!

רובין בייט זיך אין דער פּאַרב, לאָזט עטוואָס אַראָפּ דעם קאָפּ, אָבער ער זעצט דאָך פּאָר:

— די קאָמונאַרן קוקן אויף די נייע איבערוואַנדערער ווי אויף פּרעמ־דע, אויף אַזוינע, וואָס זיינען געקומען אויפעסן זייער פּראַצע. דאָס איז שלעכט, דאָס לייזט די הענט ביי זייער פיל איבערגעגעבענע אַרבעטער. — ער כאַפּט איבער דעם אָטעם, גיט אַ ריב דעם שטערן און בעט, מען זאָל אים פאַרשרייבן צום היי־שניט. — איך וויל אַרבעטן צוגלייך מיט די בעסטע, — גיט ער אַ זאָג און גייט אַוועק צו די בענק. מען באַגלייט אים מיט אַ פּאַטשע־ריי.

— בעט נאָך ווער אַ וואָרט? — פרעגט ריווקין.

— גענוג!

— זאָל מען דערלאַנגען די פּעטשעניע!

ריווקין הייבט אויף די האַנט. די בענק, וואָס האָבן זיך גענומען צערוקן, בלייבן שטיין.

— יאַטן! — גיט זיין קול אַ קלונג. — הערט מיך אויס, מיר גייען אַר־בעטן צום אַמור. יעדערער דאַרף וויסן, אַז די אַרבעט איז אַ שווערע. ס'איז נאָך אַ פאַרפלייצונג, קאָמאַרעס וועלן בייסן, איז זאָל מען וויסן, אַז מען וועט ניט דאַרפן קרעכצן, נאָר אַרבעטן. מיר האָבן אַ פּלאַן אויסצופילן, יאַטן, מיר מוזן דאָס געדענקען! די קאָמונע שטייט אין געפאַר צו בלייבן אָן היי!

די קאָמונאַרן אַפּלאָדירן, די בענק צערוקן זיך, פּיווקע גיט אַ שטעק אַריין צוויי פינגער אין מויל, נאָר מאיר כאַפּט אים אָן צו דער צייט פאַר די הענט.ביידע קוקן זיך אָן מיט געפערלעכן כעס, דערנאָך צעלאַכט מען זיך. מען זעצט זיך אויס ביי די טישן און מען דערלאַנגט טיי מיט ווייסע פלעצלעך.

## 2

פאַרטאָג האָבן די קאָמונאַרן געהאַרעוועט ביים אַרויפשלעפּן די מאַשי־נעס אויפן באַרקאַס, און דער קאַטיער האָט זיך, דורכן אויסגוס, איינגע־שניטן אין דער טונגוסקע. די טונגוסקע האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעטרונ־קען פול איבער די ברעגעס און האָט פאַרפלייצט אַלע פעלדער אַרום זיך. די סאָפּקע, אַרום וועלכער עס בויט זיך דאָס שטעטל, איז ווי אַן אינדזל. דאָס איינציקע ווייסע הויז, וואָס שטייט דאָרט איינגעטונקען אין גרינס, זעט אויס ווי אַ פּאַלאַץ.

די זון גייט אויף אַ פרישע, אַ וואַרעמע און באַלייכט די סאָפּקעס.

מאיר רובין שײַנט. ער וואַרפֿט די אויגן אין אַלע זײַטן און קוויקט זיך:
— וואָס זאָגסטו, פּיוזקע, אַ שײַנקייט, אַ?

פּיוזקע ענטפֿערט ניט. ער זיצט זיך אויף דער שנייד־מאַשין, און דער קאָפּ לאָזט זיך ביי אים לאַנגזאַם אַראָפּ אויף דער ברוסט. ער הייבט אים גלייך אויף צוריק און קוקט אויפֿן וואַסער.

חברה צעלייגט זיך אויפֿן באַרקאַס. מען אָרדנט זיך איין אויף די שנייד־מאַשינעס, אויף די וועגענער, אויף די קאַסטנס און אויף די פּעסער און מען כאַפּט אַ דרעמל. די פֿאַבריקע נאַכט איז מען ניט געשלאָפֿן. עלטערע מענטשן, וואָס וואוינען בשכנות מיט דער קיך, וואו דער אָונט איז פֿאַרגעקומען, האָבן אַ גאַנצע נאַכט געקרעכצט: „וואו נעמט זיך צו זיי אַזאַ כח — אַ גאַנצע נאַכט צו הוליען". דערנאָך איז מען געקראָכן אין וואַסער און געשוויצט ביים שלעפּן די מאַשינעס מיט די וועגענער אויפֿן באַרקאַס ארויף און ביים אַרויס־פּראָווען ריווקינען מיט אַ בריגאַדע, וואָס האָט זיך מיט דער טריקעניש אָוועקגעלאָזט מיט די פֿערד צום אַמור. עטעמט מען איצט אויף די וועגענער, מען כראָפּעט אויף די קאַסטנס, און דער מאָטאָר קלאַפּט אויפֿן וואַסער און שלעפּט דעם כראָפּענדיקן באַרקאַס.

עס שלאָפֿן ניט מאיר רובין און פּיוזקע.ביידע האָבן זיי זיך באַזעצט אויף די שנייד־מאַשינעס. קוקן אין וואַסער אַריין און שווייגן. די זון שײַנט, און זי וואַרעמט און טריקנט די נאַסע הויזן פֿון די קאָמזאָמאָרן. פּיוזקע, וואָס זעט אויס לויט זיין פֿעסטקייט און געבוי פֿון אַ יאָר דרייסיג און איז איינדער־אמתן אַלט ניט מער ווי דריי און צוואַנציק, קוקט זייטיק אויף רובינען מיט איין אויג, דאָס צווייטע אויג דרעמלט.

— זאָג, דו איידעלער בחור, פֿאַרוואָס זיינען דיינע הויזן ניט נאָס? דו ביסט דאָך אויכעט געווען אין וואַסער? — פֿרעגט ער, קוקנדיק מיט איין אויג אויף רובינס גרינע זומערדיקע הויזן און אויף זיין ווייסן העמד מיטן גרויסן זומערדיקן קאַלנער.

— אָט העגגען זיי, מיינע הויזן, כ'האָב איבערגעטאָן אַנדערע, — ענט־פֿערט רובין אָן חשק.

ביידע שווייגן ווידער און קוקן זייטיק איינער אויפֿן אַנדערן. פּיוזקע קוקט אויף רובינס געלאָקטן קאָפּ, אויף זיין קלאָר, זויבער אָנטאָן, אויף זיין ווייסער הויט, און רובין קוקט אויף פּיוזקעס צעקנייטשט היטל, פֿונוואַנען עס העגגען אַפֿיר פֿאַסן האָר איבערן האַרטן, ברוינעם, שלעכט ראַזירטן פּנים. ער קוקט אויף זיין צעכראַסטעטע העמדל און אויף די הויזן, וואָס טריקענען זיך אויף די פֿיס. „ער האָט מיך פֿיינט", טראַכט ער, ס'איז פֿאַר אים קיין שום צווייפֿל ניט, ער פֿילט עס אין פּיוזקעס בליק און אויך אין זיין שווייגן.

רובין שפּאַרט אָן דעם שטערן אויף אַ פּויסט און נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן נעמט ער אים וועקן, פּיוּוּקען, וואָס האָט שוין געהאַט איינגע־דרעמלט.

— פּיוּוּקע, פּיוּוּקע, הער זיך נאָר איין!

— לאָז שלאָפן, — גיט פּיוּוּקע אַ מרוקע.

— וועסט נאָך שלאָפן, דער טאָג איז נאָך גרויס. זאָג, פּיוּוּקע, ביסט שוין לאַנג אין קאָמונע? ביסט, דוכט זיך, פון די סאַמע ערשטע ביראָ־ביד־זשאַנצעס?

— פיר יערלעך, — ענטפערט פּיוּוּקע מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— אויף היי־שניט ביסטו דאָך געווען אַוודאַי?

— פיר מאָל.

— קענסטו גוט מיט דער קאָסע?

אַלס ענטפער צעגיסט זיך אַ שמייכל אויף פּיוּוּקעס פּנים. רובין האָט שוין געהערט, אַז פּיוּוּקע איז דער בעסטער שניטער, אַז ער גיט זיך אַ לאָז מיט דער קאָסע, קאָן אים קיינער ניט אָניאָגן, און רובין טראַכט, אַז גוט וואָלט געווען, ווען ער קאָן זיך מיט אים אויסגלייכן, ווייזן, אַז ער טויג אויך צו עפּעס, און זאָל מען ניט מיינען, אַז ער איז דאָ אַ גאַסט. ער חזרט איבער אין געדאַנק פּיוּוּקעס ענטפער „פיר מאָל", „פיר מאָל", און ער, רובין, וואָס האָט זיך שוין אַפילו געהאַט אַמאָל געלערנט אין אַ טעכניקום און האָט אָבער קיינמאָל קיין קאָסע אין האַנט ניט געהאַלטן, מוז זיך מיט אים אויסגלייכן. ער פאַרבייסט אַ ליפּ, פאַרפעסטיקט עפּעס ביי זיך אין געדאַנק און גיט זיך ווי־דער אַ ווענד צו פּיוּוּקען:

— פּיוּוּקע, לאָמירביידע שליסן אַ סאָצגעוועט.

— אַ וואָס?

— אַ סאָצגעוועט.

— אַז וואָס? — פרעגט איבער פּיוּוּקע.

— אַז צו די צוויי וואָכן וועלן מיר זיך ביידע אויסגלייכן, כאָטש דו ביסט שוין געווען פיר מאָל אויף היי־שניט און ביסט דער בעסטער שניטער פון קאָמונע, און איך האָב נאָך קיין קאָסע אין האַנט ניט געהאַלטן.

פּיוּוּקע האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעעפנט דאָס צווייטע אויג און אָפּ־געמאָסטן רובינען מיט ביידע אויגן.

— עך! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַראָפּטאַנצנדיק פון דער שנייד־מאַ־שין, — דערלאַנג אַ האַנט, איידעלער בחור, שרייב דעם דאָגאָוואָר.

מאיר רובין האָט זיך געזעצט שרייבן דעם אָפּמאַך.

בייטאָג, ווען דער קאַטיער האָט שוין געשניטן דאָס וואַסער פון אַמור

און פּונוויטנס האָט געשיינט די באַרגיקע שטאָט כאַבאַראָווסק, האָבן קאַמו־נאַרן, ביי טעפּלעך סמעטענע מיט שטיקער ברויט, קאָמענטירט דעם אָפּ־מאַך צווישן רובינען און פּיוזקען. אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זיכער, אַז רובין וועט פאַרשפּילן. בערקע האָט פון אים געחוזקט:

— דו וועסט ניסט אויסהאַלטן, דו האָסט דאָך נאָך קיינמאָל קיין היי ניסט געסניטן. ביי די מאַסינדלעך, ביי די מאָטאָרלעך קענסטו זיך זיין אַ סיסער, נאָר ניט אויפן אַמור.

— זאָל ער, וואָס אַרט עס דיך, בערקע, אפשר יאָ, ער איז דאָך, פאַר־געס ניט, געקומען פון לעונינגראַד, ניט פון מאַנאַסטירשטשינע; וואָס קאָן מען וויסן אפשר יאָר, — האָט זיך פּיוזקע געמאַכט קאַלט.

בערקע איז געשטאַנען מיטן טעפּל סמעטענע אין דער האַנט און גע־חוזקט מיט זיינע קליינע אייגעלעך. ער האָט איינגעטונקען אַ שטיק ברויט, עס אַ פּאַק געטאָן אין מויל און אַ געשריי געטאָן מיט פולע באַקן:

— סאַ, סאַ! ווייסט איר גאָר וואָס, חברה, דעם דאַגאָוואָר דאַרף מען פעצאַטעווען אין „בירא־בידזשאַנער סטערן". זאָל ער טאַקע זיין ווי עס דאַרף צו זיין, ניט סתם אַ סטיקל פּאַפּיר . . .

ער איז געשטאַנען מיט אַ ווייסער אויסגעשמירטער מאָרדע און געקוקט אַרויסרופעריש אויף רובינען.

— גוט, — האָט רובין איינגעשטימט, — גוט, מען קאָן עס אָפּדרוקן. אַן אָפּמאַך איז ניט סתם אַ שטיקל פּאַפּיר, ביסט גערעכט, בערקע, גערעכט.

פון אַלע זייטן האָט מען געקוקט אויף רובינען ווי אויף איינעם, וואָס האָט זיך שטאַרק באַנאַרישט . . .

— דו האָסט זיך אַוודאי ניט אויסגעסלאָפן! . . . — זאָגט בערקע מיט אַ שמייכעלע.

— ניין, ניט געשלאָפן. — ענטפערט רובין אָפּגעהאַקט.

— האָסט בעסער געדאַרפט סלאָפן, — פאַרענדיקט בערקע די רייד.

רובין ווישט דאָס טעפּל מיט אַ שטיקל ברויט און קייט אַן אויפגערעג־טער.

דער קאַטיער סאָפּעט אויפן אַמור. פּונוויטנס זעט זיך שוין און דער־נעענטערט זיך אַלץ מער די גרויסע אייזנבאַן־בריק, חברה פינטלט מיט די אויגן.

— איי אַ בריק! קוקט אַן אַ גרייס!

— אין אַמעריקע איז דאָ אַזאַ בריק? — פרעגן יאַטן ביי מאַנען, אַ ייד, וואָס איז אַמאָל געווען אין אַמעריקע און האָט צו דערציילן אַן אַ שיעור מעשות פון דאָרט.

— „שור"1 איז דאָ.
— אַזאַ גרויסע?
— אַ גרעסערע.
— גרעסער? די האַלט דאָך דריי קילאָמעטער.
— פֿאַראַן לענגערע אין אַמעריקע.
— אָבער די איז אויך אַ גרויסע, — בעט זיך זלאַטקין.
— נו, „שור" רעכנט זיך די בריק פֿון די גרויסע בריקן אין דער וועלט.
— מ'עט ביי אונדז מאַכן גרעסערע. ביי אונדז מוז מען מאַכן די גרעס־טע בריק אין דער וועלט . . .
מאַן שמייכלט.
— יאָ, יאָ, לאַכט ניט, אַוודאי וועט מען מאַכן, — היצט זיך דער קליי־נער ברייטער מיט די קורצע הייזלעך און קוקט אויפֿן טאַטן, זאָל ער אויך עפּעס זאָגן אַט וועגן דער דאָזיקער בריק.
— וואָס שפּאַרסטו זיך? — זאָגט דער אַלטער ברייטער, — אַ מענטש איז אַמאָל געווען אין אַמעריקע, מסתמא ווייסט ער בעסער.
— אַמעריקע, אַמעריקע, — קרימט זיך דער קליינער ברייטער,—מיר וועלן אַמעריקע אַריבעריאָגן, ס'ט געלייענט סטאַלינס רעדע?

קיין אָרלאָווקע זיינען די קאָמונאַרן אָנגעקומען פֿאַרנאַכט. פֿישער זיינען געזעסן ביים ברעג און האָבן געטריקנט זייערע נעצן. פֿון די שטיבער זיינען אַרויסגעקומען די איינוואוינער און האָבן היינט קעלטער, ווי אין די פֿריער־דיקע יאָרן, אויפֿגענומען די קאָמונאַרן. לאַפּאַטין, אַן אַלטער פֿישער מיט אַ ווייסער באָרד, האָט זיך געבייזערט, ווי אַ זיידע אויף אייניקלעך, ווען זיי לאָזן זיך אויף אַ געפֿערלעכן וועג.
— וועלכער טייוול האָט אייך היינט אַלע אַהער געבראַכט, נאָך אַ פֿאַר־פֿלייצונג? דער אינדזל איז דאָך פֿאַרגאָסן, און אַ פֿאַרפֿלייצונג וועט דאָך נאָך קומען אַ נייע.
— דאָס וואַסער פֿאַלט, פֿעטער לאַפּאַטין, — רופֿט זיך אָן פֿריד, דער באַפֿולמעכטיקטער פֿונעם פּאַרטיי־קעמערל פֿון דער קאָמונע.
— יאָ, ס'פֿאַלט, — בייזערט זיך אַלץ לאַפּאַטין, — ס'פֿאַלט אויף איין סענטימעטער אַ מעת־לעת. זיץ און וואַרט ביז עס וועט אָפּפֿאַלן, אַז דאָרטן איז אַ מעטער די הייך וואַסער.

---

1 „שור" — געוויס, זיכער.

— סע וועט דאָך אָבער פֿאַלן מיט יעדן טאָג שטאַרקער, מיר זיינען געווען אין שטאָט, די סטאַנציע ווייזט.

— די סטאַנציע האָט מיט צוויי וואָכן צוריק אויך געוויזן, אַז דאָס וואַסער וועט פֿאַלן, צום סוף האָט עס אַריינגעשלאָגן אין די שטיבער, — איז לאַפּאַטין באַשטאַנען אויף זיינס.

— איצט וועט דאָס וואַסער פֿאַלן שטאַרקער, אַז די סטאַנציע ווייזט אַזוי, — האָט זיך צו אַלעמענס איבערראַשונג דערהערט דאָס יונגע דרייסטע קול פֿונעם קליינעם ברייטער.

דער אַלטער ברייטער האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים, מיט אַ פּאַר־שטיקט קול אים אַ זידל געטאָן און אַ צי געטאָן פֿאַרן אַרבל:

— גיי, קליינער ממזר, מיש זיך ניט אַריין, אַז אַן אַלטער פֿישער זאָגט, ווייסט ער מסתּמא בעסער. — ער האָט דערביי אַ פֿינטל געטאָן מיט די אויגן און אַ קריץ געטאָן מיט די ציין.

די קאָמונאַרן זיינען געבליבן שטיין ביים ברעג פֿאַרלוירענע, זיי האָבן זיך דערפֿילט ווי געקומענע אויף אַ יאַריד, וואָס האָבן פּלוצלים דערהערט, אַז דער יאַריד וועט ניט פֿאָרקומען.

פֿריד מיט בערקען זיינען אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט, זיי איז נאָכגעגאַנגען רובין, זלאַטקין און גרוניע. פֿאַר זיי זיינען לאַפּאַטינס רייד געווען גאַנץ פֿאַרשטענדלעך און קלאָר. אין קאַנט־אויספּירקאָם, אין כאַבאַראָווסק, האָט מען זיי וועגן דעם געוואָרנט: דער אינדזל איז פֿאַרגאָסן, און ס׳איז דאָ אַ גע־פֿאַר, אַז מען זאָל דאָרט ניט קאָנען שניידן, האָט מען זיי געזאָגט. מען האָט זיי פֿאַרגעלייגט דעם טאַרעבאַרעווער אינדזל, וואָס געפֿינט זיך ביי די מאַנטש־זשורער ברעג. האַלט פֿריד די דערלויבעניש צו שניידן אויפֿן טאַרעבאַרער אינדזל און פֿרעגט וואָס צו טאָן.

— גלייך אַריבערפֿאָרן קאָן מען ניסט, — זאָגט בערקע.

פֿריד אַליין פֿאַרשטייט עס אויך, אַז באַלד אַריבערפֿאָרן קאָן מען ניט. מען מוז אַ קוק טאָן, ווי עס זעט אויס אַליאָשעס אינדזל. אפֿשר זיינען דאָרט דאָ ערטער ניט קיין פֿאַרטרונקענע, וואו מען קאָן דערווייל שניידן, ביז דאָס וואַסער וועט אָפּפֿאַלן.

— אַליאָשעס אינדזל איז בעסער, — זאָגט זלאַטקין, — ער איז נעענ־טער, ווינטער וועט בעסער זיין צו פֿירן דאָס היי.

— וועט מען לאָזן דעם קאַטיער ביז מאָרגן, און פֿאַרטאָג וועט מען אַריבערפֿאָרן זען, וואָס איז אויפֿן אינדזל, — זאָגט פֿריד.

— דעם קאַטיער דאַרף מען סיים אָפּסיקן, אין קאָמונע איז ניטאָ ניט

קיין פּראָדוקטן און ניט קיין סחורות. און אין כאַבאַראָווסק גיט מען, — טענהט בערקע.

— און די מאַשינעס מיט די פערד?

— אַ קלייניקייט, — זאָגט בערקע, — מען רופט אַרויס פון כאַבאַ־ראָווסק אַ קאַטיער, פירט ער אַריבער די פערד מיט די מאַסינעס.

— ס'קאָן דאָך נעמען צופיל צייט, — מיינט גרוניע.

— איר זייט אַלע דאָס ערסטע מאָל דאָ. איך בין סיים פיר יאָר אויפן אַמור. אין דריי־פיר סאָ קומט אַ קאַטיער, אַז מען רופט אַרויס. דעם קאַ־טיער דאַרף מען אָפּסיקן מיט פּראָדוקטן, — האָט בערקע געזאָגט באַפעלע־ריש, דערפילנדיק, אַז זיין וואָרט וועט איצט זיין דאָס באַשליסנדיקע.

האָט מען דעם באַרקאַס צוגעפּעסטיקט צום ברעג אין אָרלאָווקע, און דער קאַטיער האָט צוריקגעצויגן אין קאָמונע, מיטנעמענדיק פון כאַבאַ־ראָווסק אַ געלאָדענעם באַרקאַס מיט פּראָדוקטן און מיט פאַרשיידענע סחורות.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. די קאָמונאַרן האָבן אָנגעצונדן פייערן ביים ברעג אויף צו פאַריאָגן די קאָמאַרעס.

בערקע האָט זיך אַרומגעדרייט ביים ברעג און זיך געקראַצט אונטערן היטל. ער איז געגאַנגען פון איין פייער צום אַנדערן, אומעטום געכאַפּט אַ שמעק רויך און געלאַכט פון די, וואָס ליגן מיט די קעפּ אין רויך און האָבן מורא פאַר די קאָמאַרעס. נאָר ער אַליין האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן: צי זאָל ער, דער בריגאַדיר, אַריבערשיפן זיך איבערן אַמור מיטן טאָג צו־גלייך אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף אַליאָשעס אינדזל, אָדער זאָל ער וואַרטן, ביז ס'וועט אָנקומען דער צווייטער בריגאַדיר ריווקין, וואָס דאַרף קומען מיט די פערד. קראַצט ער זיך אונטערן היטל, וואַרפט אַ בליק אויפן אַמור, וואָס ליגט אַ מעכטיק צעשפּרייטער און בלאָזט מיט ווייסע בלעזלעך, און ער, דער בריגאַדיר, ווייסט ניט וואָס צו טאָן, וואָס צו באַשליסן. נאָר ער טראַכט, אַז ער פייפט אויף אַלץ. בעסער וועט זיין, אַז ער וועט גיין שלאָפן. גייט ער אַוועק פון ברעג און לאָזט זיך גיין צום אַלטן לאַפּאַטינס דירה, וואו זיין ווייבל האָט זיך איינגעאָרדנט אויף צו באַקן ברויט פאַר די קאָמונאַרן.

— אַ גוטע נאַכט, בערקע, — שרייען אים יאָטן נאָך מיט געקנייטשטע אייגעלעך.

— ס'עט סיים גוט זיין, האָט קיין מורא ניסט, — ענטפערט ער אָפּ צום ברעג און פאַרשווינדט אין דער טיר.

## 3

אינעם בלויען פֿאַרטאָג האָט זיך דערהערט אַ טופּעריי פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס. קאָמונאַרן זײַנען געלעגן בײַם ברעג מיט איבערגעדעקטע קעפּ בײַ גליִענדיקע פֿײַערלעך, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט אַרום זיך דינינקע רויכלעך. אַרום און אַרום האָבן געזשומעט קאָמאַרעס. און בײַם ברעג האָבן געכראָפּעט קאָמונאַרן אין די זעק. בערקע איז געשטאַנען אָן אַ היטל, די הענט אין די הויזן־קעשענעס, און געקוקט צו דער סטעזשקע, וואָס ציט זיך צווישן הויכע גראָזן, לעבנגאָויס דעם ברעג. ער האָט ניט געקאָנט שלאָפֿן און האָט זיך געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט אויפֿן טאַפּטשאַן בײַ לאָפּאַטינען אין קיך. ער איז אַ פּאָר מאָל אַרויס אין דרויסן, געקוקט צום אַמור, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן שטיל, אומבאַוועגלעך, ווי פֿאַרגליווערט שטאָל, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער טײַך שטורעמט, רײַסט די ברעגן, פֿאַרטרינקט די הײַזער און קלײַבט זיך די וועלט צו פֿאַרפֿלייצן . . .

ניט דאָס ערשטע מאָל געפֿינט ער זיך דאָ אויף דעם אָרט, בערקע. שוין פֿיר זומערן האָט ער דאָ מיט דער קאָסע געקלונגען, נאָר די אַרבעט איז אים קיינמאָל ניט געווען אַזוי איבעריק און אַזוי ניט צום האַרצן, ווי הײַנט. נאָך אַ גיי מיט דער קאָסע איז בײַ אים אַמאָל געווען אַ פֿרייד, אויפֿשטעלן נאָך אַ קאָפּנע היי איז פֿאַר אים געווען אַ פֿאַרגעניגן. ער האָט געזען, ווי די קאָמונע וואַקסט. פֿון איין פֿערד ווערט פֿיר, פֿון דרײַ בהמות ווערט צען, און הײַנט זעט ער דאָס ניט. הײַנט איז די ווירטשאַפֿט אַ גרויסע: אַ פֿולע שטאַל מיט פֿערד, אַ פֿולע שטאַל מיט בהמות, מיט קעלבער, אַ גרויסע סטאַדע חזירים. עס וואַקסן אויס נײַע הײַזער, עס קומען צו שפּײַכלערס, וועגענער, מאַשינעס, טראַקטאָרס אַ גאַנצער פּאַרק. הײַנט איז די ווירטשאַפֿט אַ גרויסע, זעט ער ניט, עס זאָל וואַקסן, כאָטש פֿון טאָג צו טאָג קומען צו מענטשן, פֿון טאָג צו טאָג וואַקסן די ווענט פֿון די געבײַדעס און יעדעס יאָר פֿאַרגרעסערט זיך דער פֿאַרזיי־שטח — דאָס זעט ער ניט, ער וויל עס ניט זען און עס גייט אים ניט אָן, ער וועט דערפֿון גאָרנישט ניט האָבן. פֿריִער איז ער געווען אַ פֿיגור אין דער קאָמונע: „בערקע סאַפּירסטיין, ערסטער פּאָרזיצער פֿון דער קאָמונע. דערנאָך פֿאַרוואַלטער. איצט קוים בריגאַדיר, און באַלד סיים דאָס אויך ניט . . .” ער פֿילט עס, מען זעט אים שוין באַלד אינגאַנצן ניט אַרויס. „עט, מען דאַרף ספּייען אויף דעם אַלעם און אַוועקפֿאָרן אויף אַן אַנדער אָרט. בירעבידזאַן איז גרויס און ערד איז דאָ גענוג, נעם, וויפֿל דו ווילסט” — טראַכט ער, קוקנדיק אויף דער חברה, וואָס ליגט צעלייגט בײַם ברעג. „אָנגעפֿאָרן זיך פֿון גאַנצן לאַנד” — בורטשעט ער און טוט אַ שפּײַ.

די טופּעריי פון די פערד דערנעענטערט זיך, און צווישן די הויכע גראָזן הייבן זיך אָן אויסשניידן די סילועטן פון די רייטער. לענגאויס דער סטעזשקע, איינער הינטערן אַנדערן, דערנעענטערן זיי זיך אַהער. דער ערש־טער רייט ריווקין. ער האָט אַרומגענומען „סאָקאָלן" מיט זיינע לאַנגע פיס, דאָס ציימל האַלט ער אין דער לינקער האַנט און ער וויגט זיך צום טאַקט. „סאָקאָל" האָט איינגעצויגן די שפּיציקע מאָרדע און אָנגעבלאָזן דעם שטאָלטנעם האַלדז. ביי ריווקינען איז דאָס היטל פאַרוואָרפן אויפן קאַרק, דאָס העמדל — צעשפּיליעט. ער ווייזט מיט אַ האַנט אויף בערקען, וואָס שטייט און קוקט צו זיי. ער רעדט עפּעס מיט כעס צו די הינטערשטע ריי־טער.

דאָס טופּען פון די פערדישע קאָפּיטעס רודערט אויף דעם עולם. איי־נער נאָכן אַנדערן הייבן זיי זיך אויף, ציען זיך, גלייכן אויס די פּלייצעס, שלעפּן אַראָפּ פון זיך די זעק און באַווייזן די צעקנייטשטע פּנימער.

— העי, יאַטן! וואָס האָט איר זיך דאָ צעלייגט! — שרייט ריווקין, אַראָפּשפּרינגענדיק פון פערד. — וואו איז דער קאַטיער? פאַרוואָס זייט איר ניט אַריבערגעפאָרן אויפן אינדזל? איר רעכנט דעם אָמור צו קאָסיען? וואָס ליגט איר דאָ, קאָסצעס, וואָס פּאַפּט איר? — ער גיט אַ לויף צו די, וואָס ליגן נאָך מיט די קעפּ אין די זעק, און דערלאַנגט זיי מיט די פיס אין די הינטנס אַריין.

ער קאָן ניט איינרוען.

— בערקע, וואָס ליגט מען דאָ? — טוט ריווקין אַ טרעט אין אַ זייט צו בערקען, — וואָס האָט מען זיך דאָ צעלייגט, וואָס פּטרט מען צייט, טעג שטייען שיינע, יעדע שעה איז גאָלד.

בערקע בלאָזט זיך, ווי אַ ברוגזער. ער פילט זיך אין עפּעס שולדיק. אָבער ער וויל עס ניט אַרויסווייזן, פאַרקערט, ער צעבייזערט זיך נאָך:

— וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן, וואָס, אויסטריקענען דאָס וואַסער פון אינדזל?

— פונוואַנען ווייסט מען, וויפיל וואַסער דאָרט איז?

— לאַפּאַטין זאָגט, די פישערס אַלע זאָגן, אַ מעטער וואַסער.

— זיי זאָגן, — קאָן זיך ריווקין ניט איינהאַלטן און שרייט: — מען דאַרף אַליין זען! — ער פאַרבייסט די ליפּן פאַר כעס, גיט אַ קוק אויף דער חברה, וואָס ציט זיך די גלידער, וואַרפט אַ בליק צום באַרקאַס, וואָס שטייט צוגעפּעסטיקט צום ברעג, און בלייבט שטיין אַ פאַרטראַכטער. דערנאָך גיט ער בייז אַ זאָג: — אַ רוח אין דיין טאַטן, פאַרדריפּעטער בריגאַדיר! דעם

קאַטיער האָסטו אָוועקגעלאָזט, איצט שפּרייט אויס דיין ווייבס קליידל און שפּרייז דעם אַמור אַריבער.

— האָסטו אים געקאָנט צוהאַלטן פֿאַרן עק, — גיט בערקע אַ וואָרטשע און גייט אַריין צו לאָפּאַטינען אין כאַטע, וואו ס'הייצט זיך שוין פריילעך דער אויוון.

די זון הייבט אָן אַרויסצוקריכן פון וואַסער און צעשמעלצט איר גאָלד אויפֿן אַמור.

אַ ביסל ווייטער פון ברעג, אויף אַ פּלויט זעצן זיך אויס ריווקין, גרוניע, פריד, רובין און זלאַטקין — די פּאַרטייער און קאָמיוגיסטן פון דער ברי־גאַדע היי־שניטער. ריווקין איז נאָך אַלץ בייז און טענהט מיט כעס:

— פֿאַרוואָס האָט איר אָוועקגעלאָזט דעם קאַטיער?

— די קאָמונע איז געבליבן אָן פּראָדוקטן און אָן סחורה. מען האָט גע־מוזט אָפּפירן, — ענטפערט פריד.

— קיינער וואָלט ניט געשטאָרבן, ווען מען בלייבט אַ טאָג אָן סחורה. איצט ווייסט איר, ווי לאַנג מיר וועלן אַזוי שטיין ביים ברעג אָן אַ קאַטיער? איצט, אין אַזאַ צייט! . . .

— בערקע זאָגט, אַ פּאָר שעה בלויז, — פֿאַרענטפערט זיך פריד, און זיינע אויגן בלאָנדזשען בעת־מעשה אויף די גראָזן.

— וואָס? וויפיל? ווער זאָגט? — גיט זיך ריווקין אַ כאַפּ. — בערקע זאָגט? עד! . . .

ער פֿאַרפרעסט די ליפּן, ריווקין, און בלייבט זיצן אַ פֿאַרביסענער. זיינע קינבאַקן צוקן און דאָס גאַנצע פּנים זיינס פלאַמט אויף פֿאַר כעס. פריד באַ־מערקט עס, פּרוּווט ער אים אָפּקילן:

— דו כעס זיך ניט, ריווקין, מיט כעס וועסטו גאָרניט מאַכן. מיר זיי־נען זיך געקומען באַראַטן, טאָ זאָל מען.

— דאַרף צורופן בערקען, — זאָגט גרוניע.

— ער איז דאָך ניט קיין פּאַרטייאישער, — דערווידערט זלאַטקין.

— ער איז נאָך דערוויל בריגאַדיר, — ענטפערט פריד.

בערקע איז צוגעקומען אַן אָנגעדרודלטער.

— נו, הייסט עס אַזוי, — זאָגט פריד, — קיין סך טענות האָבן מיר דאָ ניט וואָס אָוועקצולייגן, מען דאַרף זען, וואָס אויפן אינדזל טוט זיך און גאָר.

— כדי ניט צו פּטרן קיין צייט, — שלאָגט פאָר ריווקין, — זאָל מען גלייך פאָרן צו ביידע אינדזלען, וועט מען אין איין טאָג וויסן, ווי סע האַלט דאָרט מיט ביידע.

בערקע זאָגט זיך אַרויס קעגן:

— זאָל מען פאָרן צו אַליאָסעס אינדזל, ער איז נעענטער. נאָך וואָס זאָל מען סיקן צוויי סיפּלעך מיט מענטשן?

— אַמער זאָלן די מענטשן בעסער סלאָפּן . . . — פאַרענדיקט ריווקין בייסיק, נאָכקרימענדיק בערקעס ריידן אויפן „סין".

געבליבן איז, אַז מען פאָרט צו ביידע אינדזלען, און פאָרן פאָרט טאָקע די „זיצונג" אין פולן באַשטאַנד, אַלע, וואָס זיצן דאָ אויפן פּלויט: ריווקין מיט זלאַטקינען — צו אַליאַשעס אינדזל, פריד, רובין און בערקע — צום טאַרעבאַרער אינדזל. אין איין טאָג וועלן זיי אויספאָרשן ביידע אינדזלען. גרוניע בלייבט היטן די פערד. באַשלאָסן.

ווי אַ שטאַרקער ווינט וואָלט זיך פּלוצעם אָנגעטראָגן און זיי פון פּלויט אַראָפּגעיאָגט, אַזוי ראַפּטום האָבן זיך אַלע אַ ריס געטאָן פונעם אָרט און זיך געלאָזט לויפן צו די שיפלעך. בערקע איז אַריין אויף אַ מינוט צום ווייבל. און באַלד האָבן זיך די שיפלעך אָפּגעטראָגן פון ברעג און זיך אַ צי געטאָן איבערן אַמור.

ווען ריווקין איז אָפּגעפאָרן אַ שטיק פון ברעג, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויפן שיפל און אַ געשריי געטאָן:

— העי, יאַטן! האַקט אָן די קאָסע און זעצט זיי אָן!

אָנהאַקן קאָסעס און פאַרזעצן האָבן ניט אַלע געקענט. אַפילו די, וואָס זיינען שוין אַמאָל געווען אויף היי־שניט, האָבן אויך ניט געקענט די קונסט פון אָנהאַקן און אַרויפזעצן אַ קאָסע אַזוי, אַז דער שפּיץ זאָל ניט גיין אין דער ערד אַריין און די קאָסע זאָל זינגען אין די הענט. געקענט האָבן עס אַ פּאָר פון די אַלטע קאָמונאַרן, איינער פון זיי איז פּיווקע. ער ווייסט וואויל דעם טייערן ווערט פון אַ גוטער קאָסע. שטייט ער אַ גאַנצן פרימאָרגן, קלינגט מיט די קאָסעס, כאַפּט מיטן שפּיץ אויער דעם קלאַנג פון שטאָל. איין קאָסע ליגט שוין אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, ער פּרואווט שוין אַ צווייטע. ער איז זייער ערנסט, פּיווקע, ער איז פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. ער איז היינט פאַרזיכטיקער ביים קלייבן די קאָסע, ווי יעדעס יאָר, ער זוכט, נישטערט צווישן די קאָסעס. „מען דאַרף גיין אין געווועט", — טראַכט ער, — „דער לעני־נגראַדער רופט מיך אַרויס . . . " — שמייכלט ער צו זיך אין געדאַנק. — עך, איידעלער בחור, צו קורצע הענט", — ער פאַרשלינגט אַ פריילעך זיפצל און כאַפּט אויף מיטן שפּיץ אויער דעם קלאַנג פון שטאָל. ער קלייבט און קלייבט אויס די קאָסע, וואָס דער קלאַנג איז ביי איר אַ שענערער, די, וואָס זינגט בעסער. די נעמט ער. אָפּגעקליבן צוויי קאָסעס, זעצט ער זיך אַוועק ביי דער באַבקע און נעמט זיי אָנהאַקן, קלינגט

ביים ברעג אַמור דער געקלאַנג פון שטאָל און הילכט אָפּ פריילעך אין דער לופט.

— זע, די בעסטע קאָסעס האָט ער אויסגעקליבן, — שרייט דער אַל־טער ברייטער.

— וואָס דאַרף ער עפּעס צוויי? ער פאַרגרייט זיך צוויי, און דעם אַנ־דערן גאָרנישט?

— פּיווקע, וואָס טויג דיר צוויי קאָסעס?

— איינע פאַר מיר, און איינע פאַר מיין ווייב, — ענטפערט ער און קלינגט מיטן העמערל אויף דער קאָסע.

אָנגעהאַקטביידע קאָסעס, נעמט ער זיי שאַרפן. ער גייט אַראָפּ צום ברעג, טונקט איין דאָס שאַרפשטיינדל אין וואַסער און שאַרפט די קאָסעס.

— שאַרף — בריטוועס, ניט קיין קאָסעס, — זאָגט ער צו די דערביי־שטייענדיקע, וואָס רייבן אויך די קאָסעס, — מ'עט זיך קאָנען גאָלן מיט זיי.

— דו מאַכסט צוויי, כ'וועל אויך מאַכן צוויי, טאָמער ווערט איינע צע־בראָכן.

— מאַך, — ענטפערט פּיווקע, — ביי מיר ווערט ניט צעבראָכן.

— טאָ וואָס־זשע פאַרט מאַכסטו צוויי? — שטעלט צו אים צו אַן אויער דער אַלטער ברייטער.

— איינע פאַר מיר, און איינע פאַר מיין ווייב, — רייבט ער אַריין די ווערטער מיטן שאַרפשטיינדל אין דער קאָסע אַריין.

שטעקנס האָט ער אויך אויסגעקליבן צוויי, — גלאַטינקע, פיינע, צו־געפּאַסטע שטעקנס, מיט גוט־אָנגעשטעלטע הענטלעך. ער האָט זיי פאַרזעצט ריכטיק. דאָס הענטל גלייך אָנגעשטעלט מיטן גאַרטל, די קאָסעס פאַרזעצט קרומלעך אַ ביסל, זיי זאָלן ניט גיין מיטן שפּיץ אין דער ערד, גוט פאַרקלי־נעוועט, נאָכאַמאָל איבערגעצויגן די שאַרף, און אַז אַלץ איז געווען גוט, האָט ער פאַרוואָרפן ביידע קאָסעס אויפן אַקסל און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער לאַנקע הינטער לאָפּאַטינס שייער. דאָרט האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט די הענט פון רעכטס אויף לינקס, און די קאָסע האָט זיך צעזונגען — דזשעג... דזשעג . . . דזשעג . . . אַ היפּש שטיק לאַנקע איז ער אָפּגעגאַנגען, אָפּ־געלייגט אַ ברייטן וואַל היי, ניט איבערלאָזנדיק קיין איין גראָז ניט אָפּגע־שניטן. ער האָט אויסגעפּרוּווט די צווייטע קאָסע און איז צוריקגעגאַנגען, האָט נאָכאַמאָל איבערגעצויגן מיטן שאַרפשטיינדל און געמאַכט אַ סימן אויף די שטעקנס. אויף איין שטעקן האָט ער אויסגעקריצט „פּיווקע", און דעם צווייטן האָט ער געלאָזט אַזוי . . . ער האָט ביידע קאָסעס אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים און אַ געשריי געטאָן צו זעלדען:

— קלעטראַק, קאָנסט שוין געבן עסן!

— באַלד ׳עט זיין פאַרטיק! — האָט זעלדע געענטפערט פון אַ וואָלקן רויך אַרויס.

זי האָט געקאָכטביים ברעג צוויי קעסלעך עסן.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען. די נאַכט האָט זיך אָנגעגליטשט מיט בלוי־קייט און פרישקייט. די קאַמאַרעס האָבן פאַרשטאַרקט זייער געזאַנג, און פייערן האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט ביים ברעג, געוויקלט קנוילן רויך איבער די קעפ פון די קאָמונאַרן.

— אָך, — האָט דער אַלטער ברייטער, אַ ייד הויך און שטאַרק ווי אַ דעמב, געזיפצט.

— אָך, אַ קאָפּעטשקע רויך, זיי לאָזן דאָך ניט לעבן, ווי אַזוי וועט מען עס אויסהאַלטן, ס׳דאָך ערגער, ווי אין גיהנום. — ער האָט געקרעכצט, שטעקנדיק דעם קאָפּ אין רויך, ווי אין אַ באָד, בעת מען קריכט אין פאַרע.

— אַלטער קרעכצער, — טוט פּיוזקע אַ שפּיי. — ער האַלט שוין ניט אויס, טאָמער האָט אים אַ קאָמאַר אַ ביס געטאָן, קרעכצט ער שוין.

— אַ קאָמאַר אַ ביס געטאָן, זאָגסטו, נאַ, זע,—און ער האָט אים אויסגעשטעקט אַ צעקראַצטן האַלדז.

— טפוי אַלטע נבלה, דאָס האָבן דיך די לייז צעביסן.

און ברייטער האָט זיך צעזיפצט, שטעקנדיק דעם קאָפּ נעענטער צום רויך.

— איי, איי! כ׳על עס גאָר ניט אויסהאַלטן! דער שוואַרצער יאָר האָט מיך אַהער פאַרטראָגן!

— יידן פּערעסעלענצעס, — גיט עמעצער פון דער זייט אַ וואָרף אַ ווערטעלע . . . — עך, יאָטן, יאָטן . . . צי געדענקט איר דאָס אַכט־און־צוואַנציקסטע יאָר? — זינגט ווער אויס אַ פראַגע איבעם בלויען פאַרנאַכט אַריין.

— ס׳האָט עס דאַצי? — גיט ברייטער אַ פרעג, — אויף דער פראַ־איזוואָדסטווע איז ניט געווען קיין קאָמאַרעס, איז געווען גוט צו אַרבעטן.

— אַ גליק, וואָס דו ביסט דאָרט אויבעט ניט געווען, — לאַכט פּיוזקע.

— וואָסי, כ׳האָב ניט אָפּגעאַרבעט צוואַנציק יאָר אויף דער פראָאיז־וואָדסטווע? כ׳זאָל אַזוי זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער, כ׳האָב אַפילו אָן אָר־דאַרבע ביכל, קאָן זאָגן דער קליינער ממזר מיינער, פרעג ביי אים.

— העי, ממזר, זאָג, ס׳אמת וואָס דיין אַלטער ברייעט? זאָג! — גיט אים פּיוזקע אַ שלעפּ ביי די קורצע הייזלעך, פאַרטשעפּענדיק אַ שטיק הינטן.

דער קליינער ברייטער גיט אַ קוויטש און רייבט מיט די הענט דעם הינטן. ער קוקט מיט כעס אויף פּיווקען און אויפן טאַטן, נאָר מיט מער כעס אויפן טאַטן איידער אויף פּיווקען.

מיט דער סטעזשקע, וואָס ביים ברעג, קומט אָן גרוניע מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. נאָך יעדער פּאָר טריט, וואָס זי מאַכט, גיט זי זיך אַ בייג אַראָפּ און טוט אַ קראַץ די פיס — די פיס זיינען ביי איר אָנגעלאָפן מיט ווייסע בלאָזן און צעקראַצט.

— גרוניע, קראַץ ניט, ס'ט אָנמאַכן אַ צרה אויף די פיס, גרוניע! — שרייען יאַטן, — לאָז עסן, גרוניע, זיי וואַרטן אויף דיר אַ גאַנץ יאָר, די קאָמאַרעס, גרוניע!

— לאָז, ס'אויף מיין רעכענונג. זאָלן זיי עסן . . .

זי קומט צו צום שייטער מיט אַ פאַרקרימטן שמייכל אויפן פּנים, לאָזט זיך אַראָפּ ביים רויך.

— אָ־אָ, ביסט שפּאָר צעביסן, וואו ביסטו דאָס געווען?

— ביי די פערד, וואו בין איך געווען, זיי בריקעווען אַרום, ווי די ווילדע.

— אַ זשענשטשינע . . . — שאָקלט דער אַלטער ברייטער מיטן קאָפּ און קוקט מיט פאַרטרעטע אויגן פון רויך אַרויס אויף גרוניעס צעביסענע פיס.

— וואָס איז, חבר ברייטער, אַ זשענשטשינע איז קיין מענטש ניט? — פרעגט גרוניע מיט אַ שמייכל.

— חלילה, ווער זאָגט דען, ניט מער אַזאַ־אָ אַרבעט . . . כ'וויס . . . שווערלעך אַ ביסל. און אפשר ניט.

— נו, אויב אַזוי, חבר ברייטער, אפשר וואָלט איר זיך טאַקע מטריח געווען און אַריבערגעגאַנגען אויף אַ גאַנצער נאַכט היטן די פערד, זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן. האַ, ווי מיינט איר, חבר ברייטער?

ביי די ווערטער גיבן אירע גרינלעכע לעבעדיקע אויגן אַ טאַנץ איבער אַלע פּנימער.

נאָר אָנשטאָט צו ענטפערן, נעמט זיך גאָר ברייטער איבערבינדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ, פאַרשטעקט זיך טיפער אין רויך און צעקרעכצט זיך ווי אַ יידענע, בעת עס כאַפּן זי אָן גאָר שטאַרקע ווייען . . .

— נו, חברה, מען דאַרף איינשטעלן אַ דעזשורסטווע ביי די פערד, — גיט גרוניע גאַנץ ערנסט אַ זאָג, — צו צוויי שעה.

— גוט, זאָל מען פאַרשרייבן.

— די ערשטע צוויי שעה פאַרשרייב מיך! — מעלדעט פּיווקע.

— די אַנדערע צוויי מיך! — גיט אַ זאָג דער קלײנער ברייטער.

און דער אַלטער ברייטער כאַפּט זיך גיך אויף, גיט אַ שפּיליע פֿאַנאַנ־דער דעם פּאַסעק פֿון די הויזן, פֿאַרוואַרפֿט אים אויפֿן האַלדז און לויפֿט אַוועק הינטער לאָפּאַטינס שייער.

פֿאַרטאָג זײַנען די קאָמאַרעס ווילדער, פֿאַרטאָג בייסן זיי שטאַרקער און פֿאַרטאָג איז נאָך דאָ אַ צוגאָב — מאָשקאָ און מאָקרעץ. ליגט ער אײַנ־געקנוילט, דער אַלטער ברייטער, אויפֿן פֿעלד, אַרום און אַרום אים ברע־נען פֿייערן, און קנוילן רויך וויקלען זיך אַרום אים.

— אַ מיתה־משונה זאָל אויף איר קומען, אויף דער מויד! וואָלט זי כאָטש פֿאַרשריבן די ערשטע צוויי שעה, וואָלט איך איצט מיטן טאָג צוגלייך געקאָנט שלאָפֿן, אָן אויסרייסעניש אויף איר. פֿערד וועל איך איר היטן — אַ מכה! — אָט אַזוי האָט ער אַרײַנגערעדט אין זאַק אַריין, וואָס איז אים געווען אַריבערגעצויגן אַריבערן קאָפּ. מיט דער וואַטאָווקע האָט ער אײַנ־געדעקט די פֿיס, און קרעכצנדיק, האָט ער אָנגעהויבן אײַנדרעמלען.

די פֿערד זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַלע זייטן. זיי זײַנען פֿאַרקראָכן צווישן די קוסטעס, האָבן זיך געריבן אין די הויכע גראָזן, זײַנען געשטאַ־נען ביים ברעג און האָבן געשמיסן מיט די ווידלען איבער די זייטן, גע־וואָרפֿן מיט די קעפּ און געהויבן די פֿיס צו די בייכער, אָפּטרײַבנדיק פֿון זיך די כמאַרע קאָמאַרעס. די לעצטע צוויי שעה האָט קיינער פֿאַר זיי קיין רויך ניט געמאַכט, האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבערן פֿעלד, זוכנדיק אַ שוץ פֿון די קאָמאַרעס.

ווען גרוניע איז געקומען בייטן ברייטערן, איז שוין געווען גרויסער טאָג. קיין פֿערד האָט זי פֿאַר די אויגן ניט געזען, און ביי די טליענדיקע פֿייערן האָט זי געטראָפֿן ליגן ברייטערן אַ שלאָפֿנדיקן, אײַנגעקנוילט אין זאַק.

זי איז אַ מינוט געשטאַנען און געקוקט אויף ברייטערן מיט אירע אויס־געוואַשענע גרינלעכע אויגן, איר פּנים האָט געשמייכלט, די הענט האָט זי געהאַלטן אין די הויזן־קעשענעס, און דער פּאַסעק, וואָס האָט אײַנגעצויגן איר טאַליע, האָט איר יונגע, שלאַנקע פֿיגור געמאַכט נאָך שלאַנקער און יינגער. שטייענדיק אַזוי אויפֿן פֿעלד אין זוניקן פֿרימאָרגן, האָט זי אויסגע־זען לויטער און שטיפֿעריש. זי איז געשטאַנען און געשמייכלט, קוקנדיק אויפֿן קנויל שמאַטעס, וואָס איז געלעגן ביי אירע פֿיס. וואָס־זשע טוט מען מיט אים, מיטן כראָפּענדיקן אַלטן ברייטערן? זאָל זי אים אָפּטאָן עפּעס אַזוינס . . .

זי האָט אַ טאַנץ געטאָן אַרום אים אויף די שפּיץ פֿינגער, גיך אַוועקגע־

נומען די זיך רייכערנדיקע שטיקער האָלץ, צעריבן די פֿונקען אַרום און איז אַוועק מיט די האָלאָוועשקעס אינמיטן פֿעלד. דאָרט האָט זי דאָס פֿייער צעבלאָזן, אויפֿגעקנוילט אַ גרויסן רויך. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט איבערן פֿעלד צונויפֿטרייבן די פֿערד.

די פֿערד האָבן זיך אויסגעשטעלט אַרום רויך און האָבן געגעסן דאָס גראָז פֿון אונטער די פֿיס.

אויסגעשטעלט אַלע פֿערד, האָט זי גיך אַ שפּרונג געטאָן איבערן גראָז צו ברייטערן. זי איז געלאָפֿן און פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל, כּדי איר געלעכטער זאָל זיך ניט צעשיטן איבערן פֿעלד. ס'איז איר געפֿעלן דאָס שפּיצל, וואָס זי האָט פֿאַרטראַכט פֿאַר ברייטערן. זי איז געלאָפֿן מיט דער סטעזשקע. נאָר אַפּלויפֿנדיק אַ שטיק וועג, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און געבליבן שטיין פֿאַרטראַכט. דער שמייכל אויף איר פּנים איז ביסלעכווייז צערונען.

— „ניין, — האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, — ס'עט זיין אַ שלעכ־טערביישפּיל“, — און זי האָט זיך געלאָזט גיין צוריק מיט דער סטעזשקע. פֿונעם פֿאַרטראַכטן שפּיצל אויפֿצושניידן דעם זאַק איבער ברייטערס קאָפּ און אַנלאָזן אַהין קאָמאַרעס, זיי זאָלן אים צעבייסן, איז גאָרניט געוואָרן. זי איז צוגעגאַנגען צו ברייטערן און האָט אים אַ רודער געטאָן ביים אַקסל:

— חבר ברייטער, גייט אַהיים, כ'בין אייך געקומען פֿאַרבייטן.

— האָ! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — פֿאַרבייטן, כ'נאַרוואָס איינ־געדרעמלט, כ'בין ניט געשלאָפֿן, וואו איז דער רויך, וואו זיינען די פֿערד?

— אָט איז דער רויך, אָט זיינען די פֿערד. — האָט זי אים אָנגעוויזן מיטן קאָפּ.

ער האָט געקראַצט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט און געזוכט מיט די אויגן איבערן פֿעלד. „ווי קומט אַהין דער רויך?“ — האָט ער געטראַכט און אַרויסגעגענעצט, אויפֿשטעלנדיק זיך — „אַ מיתה־משונה אויף איר“.

— אויף וועמען? — פֿרעגט גרוניע מיט אַ שמייכל.

— אָט אויף דעם קאָמאַר, האָט מיר צעביסן דעם האַלדז, — האָט ער געענטפֿערט און געמאַכט אַ טריט צו די פֿערד.

— ניין, ביי די פֿערד וועל איך שוין בלייבן. גייט אַהיים, חבר בריי־טער, גייט, שוין פֿאַרטיק עסן, גייט, שעמען מעגט איר זיך, אַ שיינער קאָ־מונאַר זייט איר, — די פֿערד, אייער פֿאַרמעגן, האָט איר געלאָזן אויף הפקר און געלייגט זיך שלאָפֿן. שעמט אייך.

ברייטער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט מיט דער סטעזשקע און געשאָקלט מיטן קאָפּ, גייענדיק. ער האָט געבורטשעט:

— מיין פאַרמעגן . . . נאָך איר טויט זאָל עס בלייבן . . .

גרוניע האָט זיך געלאָזט גיין צו די פערד. דער רויך איז געוואָרן קלע־נער, און די פערד האָבן זיך גענומען אָפּרוקן פון פייער. סאָקאָל האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג.

— קודי? סאָקאָל, קודי? — האָט זי אַ געשריי געטאָן. סאָקאָל איז געבליבן שטיין, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר און האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן. — וואָס ווילסטו, סאָקאָל? — האָט זי אים גע־פּאַטשט איבערן האַלדז. ער האָט אויסגעקערט דעם קאָפּ צום ברעג און האָט זיך געלאָזט גיין צום וואַסער.

— אָ, טרינקען ווילסטו! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און א טרייב געטאָן די פערד צום טייך. — וויאָ, לאַשעקעס, טרינקען, וויאָ! . . .

די קאָסעס זיינען געהאַנגען אויף דיביימער אָנגעהאַקטע, געשאַרפטע און פאַרזעצטע. יעדער איינער האָט זיך געהיט זיין קאָסע, ווי אַ סאָלדאַט היט זיין ביקס פאַר אַ שלאַכט. די קאָמונאַרן זיינען געלעגןביים ברעג און האָבן געזוכט מיט די אויגן.

אינמיטן טאָג האָט זיך אויפן אַמור באַוויזן דאָס ערשטע שיפל פון אַליאָשעס אינדזל. פּאַמעלעך האָט זיך דאָס שיפל געטראָגן איבערן וואַסער, פויל און מידלעך האָבן די וועסלעס געפּאַטשט איבערן טייך. און ווען חברה האָט דערזען דאָס שיפל, האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און אויסגעשריען:

— מע פאָרט!

דאָס שיפל האָט זיך שטיל צוגעגליטשט צום ברעג, און די קאָמונאַרן זיינען איבערראַשט געוואָרן פון ריווקינס און זלאַטקינס אויסזען.

— וואָסי, ס'עפּעס געשען?

— זע, ווי זיי זעען אויס!

— אָן שטיוול!

— זע, ביי ריווקינען איין שטיוול אויפן פוס.

— זע, ווי אויסגעשמירט.

— אוי, אָן אומגליק, וואו איז מען פאַרקראָכן?

זיי האָבן צוגעבונדן דאָס שיפל צום ברעג און האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

— זעלדע! גיב עפּעס עסן! — האָט ריווקין אַ רוף געטאָן און זיך אַראָפּגעזעצט ביים ברעג.

זעלדע האָט זיי דערלאַנגט ברויט, זופּ און שטיקלעך חזיר.

— וואָס צעפּטרסטו די חלה, מען האָט דאָך נאָך ניט אָנגעהויבן אַר־בעטן, — באַמערקט ריווקין.

— עס, עס, — ווער עס אַרבעט ניט, און ווער עס האָרעוועט.

— און עסן, פונדעסטוועגן, עסן אַלע, — האָט זלאַטקין אונטערגעכאַפּט מיט אַ שמייכל.

— אַ צדיק, שוין עסן אויכעט ניט, — האָט דער אַלטער ברייטער אַ וואָרטשע געטאָן.

זיי האָבן געגעסןביידע מיט גוטן אַפּעטיט, פאַרשוואַרצט און פאַרבלאָ־טיקט זיינען זיי געווען פון קאָפּ ביז די פיס.

— פון טאַרעבאַרער זיינען זיי נאָך ניט געקומען? — פרעגט ריווקין קייענדיק.

— נאָך ניט, — ענטפערט פּיזוקע און קוקט אים אין מויל אַריין: „וואָס וועט ער דערציילן?"

— זיי וועלן אַוודאי באַלד אָנקומען, מען דאַרף זיין גרייט צום אַריבער־פאָרן. די קאָסעס זיינען אַלע גרייט?

— גרייט, — זאָגט פּיזוקע און קוקט אויף ריווקינס פיס, — איין פוס אַ באָרוועסער, און אויפן צווייטן זיצט אַ נאַסער שטיוול מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטער כאָלעווע, ווי אַ פאַרמאַכטע האַרמאָשקע, — דו, — זאָגט ער צו ריווקינען, — וואו איז דער צווייטער שטיוול?

— געלאָזן.

— פאַרוואָס עפּעס געלאָזן?

— מען האָט זיך געטרונקען.

— געטרונקען?!

די קאָמונאַרן זיינען אויפגעשפּרונגען, קוקן ריווקינען אין מויל אַריין און הערן אויס מיט אָפענע מיילער זיין דערציילונג.

— ביינאַכט האָבן מיר איבערגענעכטיקט אויפן שיפל. פאַרטאָג גייען מיר אַרויס אויפן אינדזל און לאָזן זיך גיין. וואַסער — ביז די קני, ערטער־ווייז נאָך טיפער, פאַראַן טרוקענע ערטער אויך, ראָלקעס קליינע. גראָזן שטייען הויכע, אַריבערן קאָפּ. גייען מיר, דער אינדזל איז גרויס, משונה, נאָר וואַסער אומעטום. „ווערסט דאָ גאָרניט מאַכן" — זאָג איך. נאָר זלאַט־קין יאָלד וויל ניט אַוועקגיין. „אָט אַ שטיק פעלד אַ טרוקנס" — ווייזט ער. לאָזן מיר זיך גיין, מיר קריכן אין וואַסער. די גראָזן שניידן אין פּנים, און קאָמאַרעס — אַ וועלט. קוים זיך דערשלאָגן צום שטיק פעלד און מיר גיבן זיך ביידע אַ לאָז . . . באַך אין וואַסער אַריין, — ווי דער ברעג וואָלט זיך פּלוצעם אַרונטערגעשניטן. איך כאַפּ זיך אַרויף אויפן וואַסער און זע — ניטאָ זלאַטקין. „שוין", טראַכט איך. נאָר דאָ דערהער איך: פּאַך־פּאַך! — „ריווקין, — שרייט ער, — כ'האָב פולע שטיוול, זיי שלעפּן מיך אַראָפּ!"

„וואַרף אַראָפּ! — שריי איך, — מיט די פיס וואַרף אַראָפּ!" — און איך אַליין וואַרף אויך אַראָפּ איינעם, דער צווייטער שטיוול איז מיר ענג, ניט געקאָנט אַראָפּ. נאַ, שלעפּ נאָר אַראָפּ, פּיווקע.

פּיווקע האָט אָנגעצויגן דעם פּאַסעק, אָנגעשפּיגן אין די הענט אַריין און אַ צי געטאָן ריווקינען איבערן ברעג.

— האַלט זיך!

— בינדט אים צו צו אַ בוים.

— נו, נעם. כ'וועל זיך שוין האַלטן.

— שנייד אים אָפּ דעם פוס.

— ער וועט ניט גיין, ער איז נאַס.

— שלעפּ ניט! — שרייט ריווקין, — דו רייסט מיר דעם פוס אָפּ.

— נעם צעשנייד אים און פּאַרטיק, — עצהט דער אַלטער ברייטער.

— דערלאַנג דעם מעסער, זעלדע.

— ס'אַ שאָד, ער וועט זיך אויסטריקענען, וועט ער אַראָפּגיין, — זאָגט ריווקין, קוקנדיק אויפן שטיוול.

— יאַלד! — שרייט פּיווקע און כאַפּט דעם מעסער, — טרען אויף הינטן דעם נאָט און פּאַרטיק. נאַ! אַ שטיוול — אַ ליאַלקע! . . .

ריווקין האָט זיך אויפגעשטעלט:

— נו, חברה, מען דאַרף זיין גרייט צום אַריבערפאָרן.

— צו וועלכן אינדזל פאָרן מיר?

— צום טאַרעבאַרעווער, אויף אַליאַשעס וועט מען ניט שניידן.

— ער איז שוין גרייט צום פאָרן, — ברומט דער אַלטער ברייטער, — שוין געפּילט דעם טויט ביי דער נאָז און קריכט ווייטער.

— יאָ, יאָ, חבר ברייטער, ביראָ־בידזשאַן איז אייך ניט קיין פּיגעלע אין בוזעם.

— אַ וויסט פאַרשיקעניש. אויסגעפּונען אַ מדינה פאַר אידן,—קרעכצט דער אַלטער.

— ס'עט זיין, ס'עט זיין, חבר ברייטער, נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, און ס'וועלן בליען וויינגערטנער אויף היינטיקע זומפּן. אַז באָלשעוויקעס באַשליסן, ווערט אַלץ אויסגעפירט, — זאָגט ריווקין, שפּרייזנדיק אַ באָרוועסער איבערן גראָז.

ברייטער קוקט אים אָן, דעם „געקומענעם פון יענער וועלט", און ער קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס איז די גדולה מיט אים. „פאַרקראָכן אין דער וויסטער טייגע. שוין קיין בעסער אָרט ניט געפונען פאַר יידן", — טראַכט ער.

— ווער איז ביי די פערד? — האָט ריווקין אַ פרעג געטאָן.

— גרוניע.
— גרוניע? מען דאַרף זי בייטן.
— איך גיי! — האָט דער קליינער ברייטער אַ געשריי געטאָן און האָט זיך איבער דער סטעזשקע געלאָזט לויפֿן צום פֿעלד.
— אומעטום איז ער גרייט, אין דער ערד אַריין, — האָט דער אַלטער אַ שיפּע געטאָן, — נאָך פֿון דער ערד ניט אויסגעוואַקסן און ווייסט שוין די גאַנצע תורה זייערע. קריכט אין פֿייער און אין וואַסער.
די „גאַנצע תורה" ווייסט ער נאָך ניט, דער קליינער פּופּצניאַריקער ברייטער, נאָר אין פֿייער און אין וואַסער איז ער טאַקע גרייט צו גיין.
פֿאַרנאַכט האָט זיך אויפֿן אַמור אָנגערוקט דאָס שיפֿל פֿון טאַרעבאַ־רעווער אינדזל. ביים ברעג האָבן שוין פֿייערן געברענט, און וואָלקנס רויך האָבן צעטריבן די קאָמאַרעס. די קאָמונאַרן האָבן זיך שוין געגרייט אַריינ־צוקריכן אין די זעק, ווען מיט דער סטעזשקע פֿון פֿעלד האָבן זיך אומגע־קערט ריווקין מיט גרוניען. זיי זיינען זיך געגאַנגען געלאָסן און האָבן גאָר ניט געפֿילט קיין קאָמאַרעס . . . באַמערקט דאָס שיפֿל אויפֿן אַמור, האָבן זיי פֿאַרגיכערט דעם גאַנג, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ברעג, האָט ריווקין אויסגעשריען:
— חברה, קריכט אַרויס פֿון די זעק, מען דאַרף פֿאָרן!
— פֿאָרן?
— ביינאַכט?
— יאָ, יאָ, פֿאָרן, פֿאָרן!
— ס׳הייסט פֿאָרן, לאָמיר פֿריער הערן, צי מען קאָן דאָרט שניידן, אפֿשר האָבן זיי זיך אויך געטרונקען, אפֿשר דאַרף מען גאָר פֿאָרן . . . — ער האָט ניט פֿאַרענדיקט, דער אַלטער ברייטער, ער האָט דערזאָגט אין זאַק אַריין צו זיך אַליין, וואוהין מען דאַרף לויט זיין מיינונג פֿאָרן.
יאַטן זיינען אַרויסגעקראָכן פֿון די זעק און האָבן געקוקט צום שיפֿל, וואָס האָט זיך גיך דערנעענטערט צום ברעג.
דאָס שיפֿל האָט זיך געגליטשט איבערן אַמור, וואָס איז געלעגן אַ גלאַ־טער, ווי אַ פֿאַרהאַרטעוועטער, און דער רויש פֿון די וועסלעס איבערן וואַ־סער האָט זיך אין דער שטילקייט געהערט אַלץ דייטלעכער, די לבֿנה האָט זיך נאָכגעגליטשט נאָכן שיפֿל און האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן ברעג.
צום ברעג האָט מען אָנגעטראָגן היי, און סע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַ־קערט אַ פֿייער. אַ גערדיכטער וואָלקן רויך האָט זיך צעקנוילט און געשלאָגן מיט מחיה־דיקער ביטערקייט איבער די פּנימער.
די פּנימער פֿון די געקומענע פֿון אינדזל זיינען געווען צעביסן און גע־

שוואָלן, די אויגן רויט און פאַרלאָפן.

— זיי האָבן געזונט דערלאַנגט, די קאַמאַרעס, — קרימט פריד דאָס פּנים אין אַ שמייכל. — אין די מיליאַרדן זײַנען זיי דאָרט, אָנכאַפּן אַ קעסל אויף אַ מיטיק איז אַ קלייניקייט . . .

— אַ גדולה אויף דיר, שפּיגל אײַן דײַן צורה, וועסטו שטאַרבן פאַר שרעק, — שאָקלט דער אַלטער ברייטער מיטן קאָפּ.

מען האָט באַטראַכט די פּנימער, וואָס זײַנען אין די צוויי טעג פאַרענ־דערט געוואָרן ניט צו דערקענען. רוביִנס פּנים איז רויט און פאַרלאָפן, ווי מען וואָלט עס שטאַרק אויסגעשמיסן מיט קראָפּעוו־בעזעמלעך. פּיוּוקע קוקט אויף אים מיט אַ ברייטן שמייכל, וואָס צעפאָרט זיך אויף זײַן ברוין פאַרהאַרטעוועט פּנים.

— איידעלער בחור, וועסט אַן אייגענער מענטש, — זאָגט ער און קוקט אויף אים מיט אַ גאַנץ הײמישן בליק.

ריווקין איז צוגעקומען און אָפּגערופן אַן אַ זײַט רובינען מיט פרידן.

— מען גייט שוין מאַכן אַ זיצעכץ!

— מען דאַרף מאַכן אַ פאַרזאַמלונג!

— מען דאַרף באַשליסן וואָס צו טאָן!

— וואָס עט מען דאָ זיצן!

— מען דאַרף צוריקפאָרן אין קאָמונע!

— ס׳הייסט צוריקפאָרן, מען איז דאָך געקומען אַרבעטן.

— אַרבעטן? — האָט זיך דער אַלטער ברייטער אַ כאַפּ געטאָן, — קוק אַן זייערע פּנימער, ווי אַזוי וועט מען אַרבעטן.

פּיוּוקע האָט אויף אים זײַטיק אַ קוק געטאָן און אויסגעשפּיגן.

איבערן אַמור איז געשוואומען די לבֿנה און געזילבערט דעם טײַך.

— מען דאַרף זיך לייגן שלאָפן, — באַשליסט דער אַלטער.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, טאַטע.

— דו, ממזר, דו ביסט שוין גרייט שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן, או!

— אַז מ׳עט הייסן!

— אַז מ׳עט באַשליסן . . . וועט מען פאָרן! — האָט עמעצער אַ גע־שריי געטאָן פון רויך אַרויס.

— הערט אויס, יאָטן, — האָט זיך ריווקין אָנגערופן, — אויפן טאַ־רעבאַרער קאָן מען שניידן. זיבעציק טויזנט פּוד קאָן מען אַראָפּנעמען. פאַ־ראַן פאַרגאַסענע ערטער, נאָר ביז דאָס וואַסער וועט אָפּפאַלן, קאָן מען שניי־דן אויף די ראָלקעס. שלעכט איז, וואָס מען קאָן ניט באַלד שניידן מיט די מאַשינעס, וועט מען שניידן מיט די קאָסעס, ביז ס׳וועט קומען אַ קאַטער.

מיטן טאָג גייט אַרויס אַ מענטש נאָך אַ קאָטיער. נו, חברה, מען דאַרף פֿאָרן, ס׳איז אַ שאָד יעדע שעה, שוין פֿינף טעג ווי מיר זיצן דאָ, און מיט קיין קאָסע קיין קלונג נאָך ניט געטאָן, אַ שאָד די צייט. טעג שטייען שיינע, זו־ניקע. נו, יאָטן, דער זייגער איז ערשט אַרום זיבן.

— זיבן?

— אַ שיינער זיבן.

— זע אַ לבנה!

— נו, איז אַכט, איז ניין. די נאַכט איז דאָך אַ ליכטיקע. אין דריי־פֿיר שעה אַרום וועלן מיר זיין אויפֿן אינדזל. פֿאָרן וועלן ניט אַלע. אַ מאַן צוואַנציק. די איבעריקע וועלן קומען מאָרגן, ווען מ׳וועט צוריקברענגען די שיפֿלעך.

— נו, איז געפֿאָרן, וואָס איז די רייד? — האָט זיך פּיוּוקע אויפֿגע־שטעלט און איינגעצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן.

— זעלדע, פּאַק איין די קינד! — האָט זיך דערהערט ריוּוקינס באַפֿעל.

— און פֿאַר די, וואָס בלייבן . . . — האָט זיך דער אַלטער ברייטער אַ כאַפּ געטאָן, שיעור ניט פֿון זאַק ניט אַרויסגעקראָכן.

— די, וואָס בלייבן, וועלן קומען מאָרגן, — האָט ער דערהערט ריוו־קינס ענטפֿער און איז מיט כעס צוריק אַריינגעקראָכן אין זאַק אַריין.

חברה האָט געפּאַקט די קלומקעס און געלייגט אין די שיפֿלעך. יעדער איינער האָט זיך אַראָפּגענומען זיין קאָסע פֿון בוים און געלייגט אין שיפֿל. און דאָ האָט זיך רובין אַ כאַפּ געטאָן, אַז ער האָט קיין קאָסע ניט. ער איז אינמיטן לויפֿן מיטן פּעקל צום שיפֿל געבליבן שטיין אין פֿאַרלעגנהייט: זאָל ער נעמען אַ קאָסע פֿון די, וואָס זיינען פֿאַרזעצט געוואָרן אויף זאַפּאַס, ווייסט ער ניט, וועלכע פֿון זיי איז בעסער, און אַ קאָסע מוז ער דאָך האָבן אַ גוטע, ווי פּיוּוקע.

— ריוּוקין! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — קלייב מיר אויס אַ קאָ־סע. מאָרגן גיי איך מיט פּיוּוקען אין געוועט!

נאָר אָנשטאָט ריוּוקינען איז אונטערגעקומען מיט אַ קאָסע אין דער האַנט פּיוּוקע.

— נאַ, חבר, אַ בריטווע, און קום אין געוועט, מאַך אַ סימן, מען זאָל זי ביי דיר ניט אַוועקשלעפּן.

רובין איז געבליבן שטיין מיט דער קאָסע אין האַנט עפּעס אַ פֿאַר־טראַכטער און געקוקט אויף פּיוּוקעס ברייטן, קורצן קערפּער, וואָס האָט זיך געוויגט צום שיפֿל.

די לבנה האָט זיך געגליטשט נאָך די שיפלעך. איינס הינטערן אַנדערן האָבן זיך די שיפלעך געשניטן אַרויף־וואַסער, זיי האָבן זיך געהאַלטן ביַים ווייט פון ברעג. שטיל איז געווען אויפן אַמור, שטיל זיינען געשטאַנען די גרענעץ־בערג און פלאַטערנדיק האָבן זיך געבויגן די קעפלעך פון די קוס־טעס און זיך געפלאָכטן איינס אינעם אַנדערן.

נאַכט.

שטיל.

די קאַלטע לבנה־שיין זילבערט די פנימער, די אויגן שניידן דעם צווייטן ווייט־ווייטן ברעג, ביי וועלכן מען דאַרף זיך אָפּשטעלן.

פיר פּאָר וועסלעס אַרבעטן צום טאַקט. צוואַנציק פּאָר אויגן שניידן די ווייט, און צוואַנציק הערצער זיינען עפּעס מאָדנע צאַפּלדיק געוואָרן.

פּיוזקע האָט אָנשטאָט, ווי זיין געוואוינהייט איז, אַריינצורוקן צוויי פינגער אין מויל, אַ פּאָר מאָל געבומען פּאַרציען זיין באַליבט לידל:

„או קיטייצעוו גענעראַלי,
ווסיע וואַיאַקי סמעליע . . .״

זיין קול האָט זיך צעשיט איבערן אַמור און אָנגעשלאָגן אין די טונקע־לע גרענעץ־בערג.

— ש . . . ש . . ש . . די גרענעץ־וואַך איז נאָענט . .

בלייבט ער שטיל, פּיוזקע, און שלינגט, ווי אַלע, מיט די אויגן דעם ברעג, וואָס דערנעענטערט זיך.

4

מיטן טאָג צוגלייך איז מען אויפגעשטאַנען נאָך אַ נאַכט ביַיט שלאָפן. וואָך זיינען די קאָמונאַרן געווען אַ גאַנצע נאַכט, ווייל די קאַמאַרעס זיינען זיי באַפאַלן ווי לאַנג אויסגעקוקטע געסט. דאָך האָט ריווקין, דער בריגאַדיר, אַ געשריי געטאָן אין פרימאָרגן אַריין:

— חברה, צייט אויפשטיין צו דער אַרבעט!

ס׳האָט אים אַ ברען געטאָן צווישן די פינגער. די ערד האָט זיך אונטער זיינע פיס אָנגעצונדן. ער האָט געכאַפּט אַ קאָסע און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די הויכע גראָזן אָפּלייגן אַ וואַל היי. ער האָט אויסגעשניטן אַ סטעזשקע, און נאָך אים האָט זיך אַוועקגעלאָזט, איינער נאָכן אַנדערן, אַ גאַנצע ריי שני־טער.

די אַרבעט אויפן אַמור האָט זיך אָנגעהויבן.

צווישן די ערשטע שניטער איז געגאַנגען פּיוּוקע. ער האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דאָס העמדל און אַוועקגעשיקט די צוויי געזונטע הענט זײַנע אין דער אַרבעט אַרײַן, געשניטן ברייטע האַלבע קרייזן. ער איז נאָכגעגאַנ־גען צום טאַקט פון דער קאָסע, און דער קערפּער האָט זיך געקערט פון רעכטס אויף לינקס, פון לינקס אויף רעכטס.

הינטן, צווישן די סאַמע לעצטע, איז געגאַנגען מאיר רובין און געדוי־בעט מיט דער קאָסע אין דער ערד. ער האָט געהאַקט אין גראָז מיט אַלע כוחות. אַ שווייס האָט זיך באַוויזן אויף זײַן פּנים, און די גרעזער, אַנשטאָט זיי זאָלן זיך אַוועקלייגן אָפּגעשניטענע, האָבן זיי זיך נאָר אײַנגעבויגן, ווי זיי וואָלטן מורא האָבן פאַר אַ קלאַפּ, און ווען ער האָט געמאַכט אַ טראָט פאַר־אויס, האָבן זיי זיך צוריק אויסגעגלײַכט און געבליבן שטיין, ווי זיי וואָלטן פון אים געחוזקט . . .

ער איז געבליבן הינטערשטעליק. פאַר זײַנע אויגן האָט זיך אַוועקגע־צויגן אַ לאַנגע־לאַנגע ריי, וואָס איז אַוועק אין זייער אַ שיינעם טאַנץ. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם הערלעכן בילד. דאָס ערשטע מאָל זעט ער אַזאַ טאַנץ: דער טאָג איז אַ שיינער, די זון שיינט און ברענט די קערפּערס, וואָס באַוועגן זיך גראַציעז, צום טאַקט, איינער הינטערן אַנדערן, די הענט שלאָגן ריטמיש אין דער לופט, און די קאָסעס שנײַדן די שטראַלן פון דער זון.

זייער אַ שיינער טאַנץ.

נאָר וואָס־זשע שטייט ער אַזוי פאַרטראַכט און קוקט, ווי פּיוּוקע טראָגט זיך אַוועק ווייט־ווייט, אָט פאַרגייט ער שוין אין האַלבן קרייז און באַלד וועט ער גיין אויפן צוריק, און זיי וועלן זיך באַגעגענען פּיוּוקע אויף צוריקוועגס, און ער, רובין, נאָך אַלץ אַרויפוועגס — אַן אָפּגעשטאַנענער און פאַרשעמ־טער.

נעמט ער שאַרפן די קאָסע, נאָר עפּעס איז עס ניט דאָס, — די קאָסע שאָקלט זיך אים אין די הענט און זי שאַרפט זיך ניט. מיט זײַן רייבן דאָס שאַרפשטיינדל אין דער קאָסע באַקומט זיך ניט דאָס, וואָס עס דאַרף זיך באַ־קומען נאָכן שאַרפן אַ קאָסע. אָבער ער פאַרלירט זיך ניט, רובין, — ס'איז איצט אַן אָנהייב, דער ערשטער טאָג. פון פאַרגלײַכן זיך מיט פּיוּוקען קאָן דערווייל קיין רייד ניט זײַן, און געלאַסן, טראָט נאָך טראָט, לאָזט ער זיך אַרויף־פעלד מיטן ברייטן אויסגעשניטענעם וועג.

דעם ערשטן טאָג האָט מען אָפּגעאַרבעט צעוואָרפן, אָן רעכענונג. ס'איז געווען אַ מין פּרואוו פון אַרבעט. פאַרנאַכט, ווען די צווייטע גרופּע איז אָנ־

געקומען פון אָרלאָווקע, האָט מען פאַרטיילט די פלעצער פאַר די בריגאַדעס און באַשטימט די נאָרמעס.

— דריי מענצן אויף אַ העקטאַר, מ׳עט מער ניט מאַכן, דאָס זיינען דען סניטערס, דאָס זיינען דאָך קוועצערס, — האָט בערקע דערווידערט ריוו־קינען, — דאָס זיינען ניט אונדזערע יאַטן—קאָמונאַרן פון אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר.

— פאַראַיאָרן האָט איין מענטש געמאַכט אַ האַלבן העקטאַר, ס׳זיינען אויך ניט געווען אַזוינע וואַזשנע העלדן, — זאָגט פּיווקע.

— אַנדערע גראָזן געווען, ניט געווען קיין פאַרפּלייצונג, די זון האָט אַנדערש געסיינט, היינט וועט מען ניט מאַכן, — האַלט זיך בערקע ביי דאָס זייניקע.

— דאָס וואַסער וועט אָפּפאַלן, וועט מען היינט אויך מאַכן צו האַלבן העקטאַר, — זאָגט ריווקין, און ער נעמט זיך אויסשניידן צייכנס אויף אַ שטעקן אויף צו מעסטן דאָס וואַסער.

— דער אַמור הייבט זיך! — שרייט אויס דער אַלטער ברייטער, — ס׳האָט זיך היינטיקע נאַכט אויפגעהויבן אויף דריי ווערשקעס.

— אָ, נאַ! ביי ברייטערן הייבט זיך שוין, — האָט זיך חברה צעלאַכט.

— לאָפּאַטין האָט געמאָסטן! איר ווילט ניט, גלויבט ניט! — ער האָט זיך אָפּגעקערט פון דער חברה אַ בייזער. ס׳האָט אים געביסן ניט אַזוי פון קאָמאַרעס, ווי פון פאַרדראָס, און ער האָט זיך געקראַצט מיט סכנות.

טעג זיינען געשטאַנען שיינע, ליכטיקע און הייסע. די קאָסעס האָבן וואָס אַ טאָג ווייטער געקלונגען אַלץ פריילעכער און דרייסטער. די הענט ביי די „ערשטלינגען” האָבן זיך גענומען באַוועגן זיכערער, די ווייטיקן, וואָס זיינען אַריינגעקראָכן די ערשטע טעג, זיינען ביסלעכווייז אַרויס צוריק, און די קאָסעס זיינען געוואָרן גרינגער און געהאָרכזאַמער.

ווען ניט דאָס, וואָס די אויגן האָבן אַנדערש געשפּילט ווי ביי אַלע, וואָלט מען אין גרוניען ניט געקאָנט דערקענען, אַז זי איז „גרוניע”. מען האָט זי געקאָנט אָננעמען פאַר אַ „בחור”. אַ פּאָר הויזן האָט זי געטראָגן ווי אַלע, אַ העמדל ווי אַלע, אַ טיכל אויפן קאָפּ ווי אַלע, און מיט דער קאָסע איז זי אויך ניט געווען פון די ערגסטע. זי איז דאָס ערשטע מאָל אויף היי־שניט. די הענט האָבן די ערשטע טעג געבראָכן מיט סכנות, אונטער אירע אָרעמס האָבן זיך באַזעצט צוויי „קאַרטאָפל” און האָבן געצויגן דעם גאַנצן קערפּער. נאָר גרוניע האָט באַהאַלטן דעם ווייטיק, אַ קרענק וועט זי אים אַרויסווייזן, ווייל אַ סך האָבן געוואַרט אויף אַ קרומער מינע, אויף אַ קרעכץ, אויף איין האַלבן טאָג ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. מען האָט עס אויסגעקוקט. נאָר

זי בייסט די ליפּן ביז בלוט און פּירט די קאָסע, ווי נאָך אַ לאַנגיאָריקער גע־וואוינהייט. זי ענטפֿערט ניט, ווען מען פֿרעגט ביי איר: „וואָס מאַכן עפּעס די קאַרטאָפֿל ביי דער חברטע גרוניע און ווען ווערן זיי שוין פֿאַרטיק? . . .״ זי ענטפֿערט ניט, זי ווייזט ניט אַרויס קיין ווייטיק: פֿאַרקערט, זי איז פֿריי־לעך, אירע אויגן, וואָס זיינען ניט אויסגעשלאָפֿן פֿון ווייטיק, וועלכן זי פֿילט אין די נעכט שטאַרקער ווי אין די טעג, די אויגן די ניט־אויסגעשלאָפֿענע שיסן מיט פֿריילעכע גלאַנצעלעך און גיבן צו מוט רובינען: „שנייד, שנייד, ברודערקע, אָט־אָט, נאָך אַ טאָג, און דו וועסט זיך אויסגלייכן מיטן בעסטן שניטער״.

זיי זיינען אין איין בריגאַדע, זי מיט רובינען. בערקע איז זייער בריגאַ־דיר.

פּיוּוקע איז אין דער צווייטער בריגאַדע. יעדן טאָג פֿרעגט ער זיך נאָך, ווי האַלט מיט רובינען, צי קאָנען זיי שוין אַרויס אין פֿאַרמעסט. ער, פּיוּוקע, גלייבט גוט אין זיינע אייגענע כּוחות, פֿאַרמאַכט ער איין אויג און לאַכט: „צו קורצע הענט, איידעלער בחור״.

אין סאָצגעוועט גייען אויך ביידע בריגאַדעס — ריוּוקינס און בערקעס, פֿאַראויס גייט ריוּוקין מיט זיין בריגאַדע.

— זאָל ער סמייען אַ וועלט, — זאָגט בערקע, — איך האָב ניט וואָס צו לויפֿן.

נאָר פֿריד, גרוניע און רובין, וואָס זיינען אין זיין בריגאַדע, שלעפּן אים, דעם בריגאַדיר.

— אָדער געאַרבעט, אָדער געגאַנגען צום טייוול, — זאָגט פֿריד, פֿילנ־דיק, אַז די קאָסע הייבט אָן גיין זיכערער אין זיינע הענט. אין די מינוטן, ווען מען שטעלט זיך אָפּ רייכערן, כאַפּן זיי אַ שטילן שמועס וועגן בערקען. ריוּוקין שניידט פֿאַראויס. פֿאַרנאַכט, ווען ער קומט צו די ביידלעך, דער־ציילט ער, אַז זיין בריגאַדע וועט איינגיכן אַריינשניידן אין קיטאַי. זיי שטייען שוין נאָענט פֿון די בערג.

טעג שטייען שיינע, גראָזן שטייען שלאַנקע, אָנגעגאָסן מיט פֿולער צייַ־טיקייט און גרינקייט. וואַרטן טאָר מען ניט: וועט די זון כּסדר אַזוי שיינען, וועט דאָס גראָז ווערן געל, — שניידט מען אייליק. מען רוט ניט. אויף גע־ציילטע מינוטן בלויז שטעלט מען זיך אָפּ פֿאַררייכערן און מען שניידט ווייַ־טער. עס רינט דער שווייס פֿון די צעביסענע לייבער און מען שניידט מיט געזאַנג — מען פֿאַרציט אַ ליד און מען טראָגט זיך פֿאַראויס, פֿאַראויס. מען איילט ווי אין אַ גאָר וויכטיקער שליחות. דאָס פֿעלד איז אויסגעלייגט מיט וואַלן היי, שוין צייט אויפֿצושטעלן קאָפּנעס. מען דאַרף טראַכטן פֿון אויפֿ־

שטעלן סטויגן, און די פערד מיט די מאַשינעס שטייען אין אָרלאָווקע אויף דער צווייטער זייט אַמור.

פריד קריצט מיט די ציין, ווען ער דערמאָנט זיך בערקעס פאַרזיכע־רונג: מען רופט אַרויס פון כאַבאַראָווסק אַ קאַטיער, פירט ער אַריבער די פערד מיט די מאַסינעס, אין דריי־פיר סאַ (שעה) קומט אַ קאַטיער, אַז מען רופט אַרויס".

— מיר זיינען ווערט פעטש. פעטש זיינען מיר ווערט, — זאָגט ער צו גרוניען, — ווי האָבן מיר געקאָנט דערלאָזן אַזאַ זאַך . . . ער פילט, פריד, אַז ער וועט דאַרפן צאָלן, צאָלן מיט דערקלערונגען, מיט אַן ענטפער און... אפשר מיט נאָך עפּעס גאָר וויכטיקס. פריד איז דאָך דער באַפולמעכטיקטער פונעם פאַרטיי־קעמערל, ער איז דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער אַרבעט, פאַר דער קוואַליטעט פונעם היי, פאַרן אויספילן דעם פּלאַן. און דאָ שטייען די פערד מיט די מאַשינעס אויף דער צווייטער זייט אַמור . . .

דריי מאָל האָט מען געשיקט מענטשן קיין כאַבאַראָווסק נאָך אַ קאַטיער, און קיין ענטפער איז ניט געקומען. דער קאַטיער פון קאָמונע איז אַרויסגע־שיקט געוואָרן, שטייט ער ערגעץ צווישן די וואַסערן פון דער טונגוסקע און אַמור און כריפּעט מיטן קאַליע געוואָרענעם מאָטאָר.

טראַכט מען און מען קלערט. עס ברענען די מינוטן אויפן אַמור. רופט מען צונויף אַ פאַרזאַמלונג, אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג.

עס פלאַקערן אויף שייטערס און ס'קבוילן אויף וואָלקנס רויך.

— איז אַט וואָס, חברה, פערד מוזן מיר האָבן צו דער אַרבעט, פערד מיט מאַשינעס . . . — אַלע זיינען אויסגעזעצט אַרום רויך און הערן ריוו־קינס רייד. — מיר וואָלטן דעם גאַנצן אינדזל אַרומגעגאָלט און געהאַט אַ טייערן ווינטער. אַלע וואָלטן געווען באַזאָרגט: די פערד, די בהמות און די מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן נאָך אַ מענטשן. מיר האָבן באַשלאָסן שיקן פרידן מיט אַ בריוו צום אויספּירקאָם, אָנשרייבן אַ בריוו מיט אַלע אונ־טערשריפטן, באַשרייבן די גאַנצע לאַגע, אַז מיר זיינען פערציק קאָמונאַרן אויפן טאַרעבאַרעווער אינדזל, אַז די פערד מיט די מאַשינעס שטייען אויפן צווייטן ברעג ניט קיין אַריבערגעפירטע, אַז עס שטייט פאַר אַ געפאַר, מיר זאָלן ניט פאַרגרייטן קיין היי אויף ווינטער . . . ווי מיינט איר, יאַטן? זאָגט זיך אַרויס.

— וואָס איז זיך דאָ אַרויסצוזאָגן, מען דאַרף שיקן און גאָר, מער ווי שיקן מענטשן, אָפּרייסן זיי פון דער אַרבעט קאָן מען דאָך ניט.

— אין צייטונג דאַרף מען אָנשרייבן!

— וועגן דער פאַרוואַלטונג דאַרף מען אָנשרייבן!

— וואָס איז שולדיק די פֿאַרוואַלטונג?
— זי האָט צוגעזאָגט מיט אַלץ צו באַזאָרגן.
— זי האָט באַזאָרגט!
— און אַ קאַטיער האָט זי באַזאָרגט?!
— זי האָט באַזאָרגט! — האָט ריווקין אַ געשריי געטאָן מיט כעס, — דעם קאַטיער האָט מען אָוועקגעשיקט, כדי . . . — ער האָט פֿאַרשלונגען אַ וואָרט און שטיל געבליבן. בערקע איז געלעגן, געצופּט אַ ליפּ און גע־שמייכלט.
— שאַ! איך האָב אַ פּרעדלאָזשעניע.
— שטיל, יאַטן! פּיווקע האָט אַ וואָרט.
— אָט וואָס, מען דאַרף אַריבערפֿירן אַ פּאָר פֿערד אַזוי, אָן אַ קאַטיער.
— אויף די הויזן?
— יאָלד, וואָס קריכסטו!
— שטיל, יאַטן, לאָזט ריידן! זאָג, פּיווקע, וואָס מיינסטו?!
— וואָס איך מיין? פֿאַראַיאָרן האָט מען דאָ געשניטן פֿון קראַסנערעטש־קע? געשניטן. אַריבערגעפֿירט. נו, איז וואָס־זשע גלאָצט איר ווי די גולמס? ביז מ׳עט זיך דאָרט אויסקוועטשן צו שיקן, קאָן מען אויפֿשטעלן אַ פּאָר סטויגן.

מען איז געבליבן שטיל. אַרום רויך האָבן געזונגען די קאָמאַרעס. דער אַמור האָט שטיל געקלאַפּט אין ברעג. מען האָט געקוקט אויף ריווקינען און געשוויגן.

ריווקין האָט אַ מינוט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין:
— סאָקאָל וואָלט אַריבערגעשוואומען, אַ קלוג פֿערד.
— ס׳אַ מורא צו ריזיקירן, — מיינט זלאַטקין.
— גיי שלאָפֿן, אַז דו האָסט מורא. איך פֿיר אַריבער צוויי פֿערד, אַניט גיב איך מיין קאָפּ!
— גוט, פּיווקע, מען קאָן, גוט, איך פֿאָר מיט דיר, — האָט ריווקין איינגעשטימט. — בלייבט עס אַזוי. מיר פֿאָרן נעמען סאָקאָלן, פֿריד גייט אין שטאָט אַריין און דאָ וועט מען שטעלן קאָפּנעס.

מען האָט צעשלעפּט די שייטערס אין די ביידלעך, אין די קאָמאַרני־קעס אַריין, מען האָט זיי אָנגעפֿילט מיט רויך און מען איז אַריינגעקראָכן אין די זעק שלאָפֿן.

די קאָמאַרניקעס זיינען אויפֿגעצויגן אויף נידעריקע שטעקלעך, וואָס זיינען אַריינגעזעצט אין דער ערד. אַרום און אַרום זיינען זיי אַרומגעשיט מיט

ערד. בלויז דורך איין אויפגעהויבענעם עק קריכט מען אַריין, מען נעמט מיט רויך אויף אַרויסצוטרייבן די קאָמאַרעס און מען שלאָפט איין. מען כראָפּעט גוט, געשמאַק ביים ברעג פון אַמור. נאָך זייער אַ לאַנגן טאָג שווערער אַר־בעט שלאָפט זיך זיס, נאָר לאַנג דויערט עס ניט. נאָך אַ פּאָר שעה שלאָפן נעמען זיך די קאָמאַרניקעס רודערן, און קללות שיטן זיך פון דאָרטן אָן אַ שיעור.

— דוכט זיך, גוט פאַרמאַכט דעם קאָמאַרניק, און — אָנגעקראָכן.

— ביי מיר איז געווען אַ רויך דערשטיקט צו ווערן, קיין איין קאָמאַר איז ניט געבליבן.

— דער שוואַרצער יאַר ווייסט עס. ווי מען זאָל אומישנע האָבן אָנגע־לאָזן אַהער די קאָמאַרעס.

— קאָן זיין, אַז ס'איז עמעצנס אַ שטיקל אַרבעט, אַ שפּיצל.

— פּאַקט מען, איז געשלאָגן צום טויט.

— „שור" לאָזט מען אָן. ביי מיר איז געווען אונטערגעהויבן דער קאָ־מאַרניק. מען דאַרף „וואַטשן"[1], — זאָגט מאַן, וואָס וואַרפט זיך ווי אַ וואָרעם און קאָן ניט שלאָפן.

לעבן אים אין אַ קאָמאַרניק ליגט דער אַלטער ברייטער.

— אָט, זעט איר, — שרייט אַרויס מאַן פון קאָמאַרניק, — דער אַל־טער קרעכצער שלאָפט גאָר, אים בייסט גאָר נישט, ער ליגט זיך רואיק.

— זאָלסט אַזוי רואיק ליגן אין קבר, אַמעריקאַנער גנב, — שרייט אַרויס מיט אַ וויינענדיקן טאָן דער אַלטער ברייטער און צעקרעכצט זיך.

— קינדער, — זאָגט מאַן, — מען דאַרף „וואַטשן". איך נעם זיך אונ־טער צו „וואַטשן".

— קוואַטש, — ענטפערט ברייטער, — ווער דערוואַרגן.

מ'איז געפאָרן ברענגען סאָקאָלן. אויף צוצוגעבן ריווקינען מוט דער־ציילט פּייווקע סאָקאָלס חכמות.

— געדענקסט, ריווקין, — הייבט ער אָן און לאַכט, קאַטשעט זיך מיט די וועסלעס אין די הענט, — געדענקסט מיט די וואַרעניקעס. ניין, דו געדענקסט ניט, איז הער־זשע. אין אַ וויכאָדנאָי איז עס געווען. מען האָט גע־מאַכט וואַרעניקעס. מיר זיינען אַלע געלעגן אויפן גראָז ביי דער סטאַלאָווע, ווי הינט אַרום אַ יאַטקע. ביי די יאַטן רינט די סלינע פון די פּיסקעס, און זעלדע קלעטראַק, אַ רוח איר אין פּופּיק, וויל ניט געבן פריער, ביז אַלע וועלן ווערן פאַרטיק. כאַטש גיב איר טויזנט קרענק, וויל זי ניט געבן צו

---

[1] „וואַטשן" — היטן.

פאַרזוכן כאָטש איין וואַרעניקל. און דאָ ליגט שוין אַ שיסל וואַרעניקעס פון אַ שטיק הונדערט. אין פוטער ליגן זיי. פעטע, גלאַנצן, ווי די זון. ליגן מיר און וואַרטן. צו יעדן וואַרעניק, וואָס זי לייגט אין שיסל אַריין, לייגט מען צו אַ קללה. נאָר פאַרפאַלן — זי וויל ניט געבן, וואַרט מען. יאַטן ליגן אַזוי לאַנג אויף די בייכער, ביז מען נעמט איינדרעמלען. איך, ווייסטו דאָך, האָב פיינט צו שלאָפן, בפרט ווען מען מאַכט וואַרעניקעס. ליג איך און קוק אויף די וואַרעניקעס און זע: פון פעלד קומט זיך אָן דער בחור, רב סאָקאָל. ער מאַכט אַ טריט און קוקט זיך אַרום, מאַכט אַ טריט און קוקט זיך אַרום. זעל־דע שטייט ביים פייער פאַרפלאַמט און שוויצט. „אוי, טראַכט איך, דער בחור וועט פטרן די וואַרעניקעס״. איך וויל אַ געשריי טאָן, נאָר עפּעס לאָזט מיך ניט, ער מאַכט עס אַזוי קלוג, ווי אַ געניטער גנב. „עס, טראַכט איך, זאָל דיר וואויל באַקומען״. גייט ער זיך צו צו דער שיסל, גיט אַ שמעק, אַ לייכטן דריי מיטן ווידל און אַ קיי מיט די ליפּן. איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן . . . ער האָט פאַרשלונגען, זאָג איך דיר, אַלע וואַרעניקעס ביז איינעם. די גראָבע זעלדע האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד, זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: „אוי, די וואַרעניקעס!״ נאָר סאָקאָל איז זיך אַוועק מיט אַן אויסגעשמירטער מאָר־דע, כאָטש טראָג אים אונטער אַ סערוועטל אויף אָפּצואווישן די ליפּן. אָט אַ חכם אַ פערד, — פאַרענדיקט פּיזוקע און שפּאַנט איין די הענט, וואָס האָבן זיך אַ ביסל נאָכגעלאָזט ביים דערציילן. דאָס שיפל גליטשט זיך איבערן אַמור, און פּיזוקע פּאַטשט מיט די ווּעסלעס. פריילעך, לעבעדיק . . .

אַ קלוג פערד, סאָקאָל, אַ שיינס, אַ שטאַלטנע פאַרשוין: שוואַרצער סאַ־מעט, טיפע, קלוגע אויגן מיט ציטערנדיקע נאָזלעכער.

גאַנץ אָרלאָווקע איז זיך צונויפגעקומען קוקן ווי סאָקאָל וויל ניט אַרויפגיין אויפן אַמור, ווי ער שטייט מיט אַ פּאָר אָפענע בעטנדיקע אויגן און ציטערט מיט די נאָזלעכער. מען פירט אים אַריין אין וואַסער, טרינקט ער זיך אָן, און ווייטער גיין וויל ער ניט, כאָטש הרגע אים. די בייטשן סווישטשען אין דער לופט, די קולות פאַרהילכן, און סאָקאָל רייסט דעם קאָפּ פון ציימל און ציט זיך אויף צוריק.

— סאָקאָל, — בעט זיך פּיזוקע, — סאָקאָל, — ער גלעט אים דעם האַלדז, ער קושט אים אין דער מאָרדע.

סאָקאָל קוקט אויף אים זייטיק, מיט בעטנדיקע בליקן און בלאָזט מיט די נאָזלעכער. גיין אין וואַסער אַריין וויל ער ניט. דאָס דאַרף שטייט ביים ברעג, טרייבט אונטער, לאַכט, האַלט אָפּ, ציט אויף צוריק און גיט צו חשק.

אַ צייט האָבן זיי זיך אָנגעמאַטערט ביים ברעג, ביז פּיזוקע האָט אַ וואָרף אַראָפּ געטאָן פון זיך די הויזן מיטן העמדל און האָט זיך אַ לאָז גע־

טאָן רייטן ביים ברעג. ער איז אַזוי לאַנג אַרומגעריטן אַרומגעדרייט זיך, ביז ער האָט סאָקאָלן דעם קאָפּ פאַרדרייט און אַ לאָז געטאָן זיך שווימען מיט אים. ווען סאָקאָל האָט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, איז פּיוּוקע פון אים אַראָפּגעשפּרונגען, און האַלטנדיק דאָס ציימל אין האַנט, איז ער גע־שוואומען צום שיפל, וואָס ריווקין האָט געפירט ביים ברעג. ער איז אַריין אין שיפל, פעסט אַרומגעבונדן דאָס ציימל אַרום זיינע קורצע, פאַרהאַרטע־ווטע הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעצויגן מיט בלויע שטריקלעך, ריווקין האָט אַ צי געטאָן מיט די ווּעסלעס, און זיי האָבן אַ שניט געטאָן דעם אַמור.

גיך האָבן זיי געצויגן פון ברעג, אין איילעניש גערודערט, זיי האָבן גע־פיבערט. פּיוּוקע, אָן אויסגעצויגענער אין שיפל אויפן בויך, האָט פעסט געהאַלטן סאָקאָלן ביים ציימל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אויף זיין אויפגע־הויבענעם קאָפּ. סאָקאָל איז באַכגעשוואומען און געקוקט אויף פּיוּוקען מיט געבעט. אַ שרעק איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט אין די צווי קלוגע פער־דישע פּיאַלעטעווע אויגן. ריווקין האָט גערודערט שטאַרק און גיך, זיין גאַנצער קערפּער איז געווען געשפּאַנט. יעדעס אָדערל איז געווען אָנגעצויגן און האָט געאַרבעט. און אויף קיין רגע האָבן זיי ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון סאָקאָלס קאָפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטן העכער איבערן וואַסער.

ביים ברעג האָט מען זיי אויפגענומען מיט אַ פּאַטשערייַ און מיט הוראַ־געשרייען. ס'איז שוין געווען נאָך דער אַרבעט. די נאַכט האָט זיך שוין גע־האַט אַריבערגעגליטשט איבער די מאַנטשזשורער בערג.

די קאָמונאַרן זיינען געשטאַנען ביים ברעג און האָבן געזוכט מיט די אויגן אויפן אַמור. ווען זיי האָבן דערזען דאָס שיפל, האָבן זיי זיך דערפרייט און די פרייד אויסגעשריען.

צום ברעג זיינען זיי צוגעקומען מידע, שוויינדיקע, אָן אָטעם, זיי האָבן געקוקט אויף סאָקאָלן מיט שולדיקע אויגן, ווי זיי וואָלטן קעגן אים באַ־גאַנגען אַ גאַר גרויסע זינד. אַ פּאָר שעה איז ער געשטאַנען ביי אַ קופּע היי און האָט קיין שמעק ניט געטאָן צו דעם. פּיוּוקע איז אויף קיין מינוט פון אים ניט אָפּגעטראָטן און מיט ליבע געגלעט זיין האַלדז. בערקע איז צוגע־קומען און אַ זאָג געטאָן:

— געפּטרט דאָס בעסטע פערד. אַ מיתה־משונה אויף אייך!

פּיוּוקע האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אַז ער האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

מיט סאָקאָלן איז גאָרנישט ניט געשען. ער האָט זיך אָפּגערוט און צו־ריק געוואָרן אַ לייט. נאָר וועגן אַריבערפירן נאָך אַ פערד איבערן אַמור האָט שוין קיינער מער ניט גערעדט.

ביינאַכט קאָן מען ניט שלאָפן. עס העלפט ניט דאָס אַנרייכערן אין די קאָמאַרניקעס, און אין די ביידלעך פאַרן שלאָפן גיין איז צום דערשטיקט צו ווערן. אינמיטן נאַכט כאַפּט מען זיך אויף מיט קרעכצן און מיט קללות, וואָס מען שיקט אויף עמעצנס קעפּ, געניי אויף וועמענס — ווייסט מען ניט. מאַן האָט אָנגעהויבן היטן, איז ער פון מידקייט איינגעשלאָפן. פּרוּווט מען אי־בערוואַנדערן, מען גייט פון די ביידלעך אין די קאָמאַרניקעס אַריין, פון די קאָמאַרניקעס אין די ביידלעך אַריין, נאָר אומעטום ווערט מען געביסן. אַנ־דערע וויקלען זיך אין די קאָלדרעס און לייגן זיך אַוועק אויף די שיפלעך, וואָס שטייען צוגעבונדן צום ברעג. אַנדערע גייען אַרום און קראַצן זיך. קיי־נער שלאָפט ניט. די לופט איז שטיל. אויסערן זשומען פון די קאָמאַרעס הערט מען גאָרניט. דער אַמור ליגט אַ גלאַטער, און די לבנה קריכט אַרום און פאַרבט אים אין אַ גרינעם קאָליר. כמורנע און שטיל שטייען די מאַנטש־זשורער גרענעץ־בערג.

אין אַזוינע שלאָפלאָזע שעהן, וואָס חזרן זיך איבער כמעט נאַכט נאָך נאַכט, קריכט מען סוף־כל־סוף אַרויס פון די ביידלעך, מען פאַרקאַשערט די קאָמאַרניקעס, מען זעצט זיך אויס אַרום אַ גרויסן שייטער און מען דער־ציילט זיך מעשׂות.

אַ סך מעשׂות הערט אויס דער ברעג פון אַמור, און גאָר נייע, קיינמאָל ניט געהערטע מעשׂות, און אויף אַ גאָר ניי, קיינמאָל ניט געהערט לשון ווערן די מעשׂות דערציילט.

דער אַמור איז געוואוינט צו הערן מעשׂות וועגן די העלדנטאַטן פון רויטע פּאַרטיזאַנער, מעשׂות, ווי מען האָט פאַרטריבן די ווייסע באַנדיטן, מעשׂות פון העלדישן אומקום, פון רויטע באַפרייער, מעשׂות פון קאַמף און פון זיגן.

היינט הערט דער אַמור גאַנץ נייע מעשׂות: מעשׂות פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן די אַלטע היימען, פאַרלאָזן שטעט און שטעטלעך און זיינען געקומען צו די ווילדע אַמור־ברעגן קאָרטשעווען די טייגע, טריקענען זומפּן, פאַרטרייבן דעם אייביקן איינוואוינער פון זומפּ — דעם קאָמאַר — און בויען אַ ניי לעבן פאַר באַנייטע מענטשן. און ניט נאָר מעשׂות דערציילט מען זיך אין די שלאָפלאָזע נעכט. מען הערט אויך אויס טענות, און מען גיסט אויס דאָס ביטערע האַרץ.

פאַר די קאָמונאַרן, וואָס זיינען געלעגן אַרום שייטער און האָבן אויסגע־הערט די טענות פון די ניי־געקומענע קיין בירא־בידזשאַן, איז אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. ס'איז זיי אַפילו קלאָר און פאַרשטענדלעך געווען די ניט גאָר קלאָרע און אומפאַרשטענדלעכע מעשׂה פונעם אַלטן ברייטערן,

וואָס האָט עפּעס אָנגעפּלאָנטערט וועגן מענטשן, וואָס האָבן אים פאַרנאַרט, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן און גאָר פאַרפירט אין דער וויסטער טייגע אויף צו שטאַרבן . . . ס׳איז זיי אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. נאָר עפּעס האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרשטיין מאַנס דערציילונג. אין אַ מין מאָדנער שטאָט האָט ער עס אַמאָל געהאַט געוואוינט—לאָס־אַנזשעלאָס רופט מען די שטאָט. אַ גן־עדן איז דאָרט אַ גאַנצער, דערציילט ער. מאַראַנצן, ווייַנטרויבן — אונטערן פענצטער. נעם, צי אויס די האַנט און לייג אין מויל. די מאַגאַזינען זייַנען פול מיט אַלדאָסגוטס, וויפיל דו ווילסט, נאָר . . . גיי, פּרואוו נעם עס . . .

— עך, — זאָגט ער, — חברימלעך . . . קושן דאַרף מען דאָך יעדעס ברעקעלע ערד — אָט אַפילו פון דער ווילדער נאַקעטער טייגע. עס איז טאַקע גאָרנישט ניטאָ דאָ, עס איז נאָך רוי, נאָר עס וועט דאָך אַזוי פיל זיין — עס וועט דאָך אַזויפיל זיין! דאָרט ביסטו געשפּאַנט, געצוימט, געדריקט און געוואָרגן, דאָרט ווערגסטו זיך טיילמאָל מיט ווייסער בולקע מיט פּוטער, דאָרט האָסטו אַפילו די מעגלעכקייט אויפצוהענגען זיך אויף זיידענע טיכער. און דאָ ביסטו פריי, נעם דאָס בעסטע שטיק לאַנד, אַקער, אַרבעט, בוי, שאַף, באַרייכער דיין לאַנד, באַרייכערסטו דיין לעבן . . . נעם די טייגע, בוי אַ נייע היים פאַר יידן, אַ היים פון ערלעכער מי, פון אַרבעט, אַ סאָציאַליסטישע היים.

— נו, וואו נאָך קאָן אַזוינס מעגלעך זיין? — פרעגט ער. און דאָס פּנים פלאַמט אים אויף. די אויגן גלאַנצן, ער איז שטאַרק צעוואַרעמט און צעלויכטן.

— פאַרוואָס בין איך אַוועקגעפאָרן פון לאָס־אַנזשעלאָס, וועט איר פרעגן? איז עס אַ פּשוטע זאַך. פאַרוואָס בין איך אַמאָל פון צאַרישן רוסלאַנד אַנטלאָפן קיין אַמעריקע? — וועל איך אייך פרעגן. איר ווייסט ניט, האַ? און וואָס עס הייסט זיין נע־ונד, ווייסט איר אויך ניט. אָט. און דאָס איז אַן ענין אַ פּשוטער, זייער אַ פּשוטער.

ער האָט גענדיקט, זיך אויסגעצויגן ביים שייטער און געבלאָנדזשעט מיט די בליקן איבער די רחבותדיקע ברייטן פון אַמור, איבער דער טונקעלער גרינקייט פונעם אינדזל און איבער די שטילע גרענעץ־בערג. די קאָמונאַרן זייַנען געבליבן ליגן שווייַגנדיק, פאַרטראַכט. מען האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן תוך פון מאַנס רייד . . . צוגלייך מיטן מאָרגנבלוי איז מען איינגעשלאָפן אַרום שייטער, וואָס האָט געטליעט און געשפּרייט העל־גרויע רויכלעך אַרום די קעפּ.

ווען די זון גיט דעם ערשטן וואַרעמען שמיר איבער די פּנימער, שטייען

שוין די שניטער אויף די פּיס, און די קאָסעס קלינגען ווידער אין די הענט.

פֿאַרביישוויִמענדיקע פּישער האָבן אָנגעזאָגט שלעכטע נייעס: עס פֿאַר־נעמט זיך אויף אַ רעגן, און דער רעגן וועט גיסן לאַנג. און נאָך האָבן זיי דערציילט נייעס, און נאָך טרויעריקער איז די צווייטע נייעס געווען: אַ נייע פֿאַרפֿלייצונג וועט קומען נאָכן רעגן, דער טייך סונגאַרי איז אַרויס פֿון די ברעגן און רייסט זיך אין אַמור אַריין. די מעטעאָראָלאָגישע סטאַנציע ווייזט אויך אויף אַ פֿאַרפֿלייצונג, — האָבן זיי געזאָגט. די נייעס האָט מען אויפֿ־גענומען ביים ברעג פֿון אַמור, ווי אַ נייעס אויף אַ מלחמה, ערב אַ שלאַכט מיט אַ שונא, וועגן וועלכן מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער גרייט זיך גאָר שטאַרק. און אַז דער שונא גרייט זיך, מוז מען זיך גרייטן נאָך שטאַרקער, כדי דעם צוגעגרייטן שונא בייצוקומען. פּיבערט אויפֿן אַמור. די קאָסעס אין די הענט גייען דרייסט און זיכער, און דער אַלטער ברייטער, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן זיין גורל, גייט אויך, כאָטש אַ שווייגנדיקער, מיט דער קאָסע אין די הענט אין דער אַלגעמיינער ריי, און אויף זיין, ווי אַ ריב־אייזן, צעריבן פּנים קרימט זיך אַמאָל אַ שמייכל, ווען די קאָסע אין זיינע הענט זינגט אין אַלגעמיינעם כאָר.

און אַזוי, איבערן גאַנצן גרויסן טאַרעבאַרעווער אײַנדזל, באַוועגן זיך מענטשן מיט קאָסעס, מיט ווילעס און מיט גראַבליעס. גיך פּיבערן די טעג. יעדער איינער פֿלייסט זיך אַרבעטן וואָס גיכער. יעדער איינער טרייבט אונ־טער מיט זיין גיכער אַרבעט דעם שכן זיינעם. אַפֿילו סאָקאָל, אָט דאָס קלוגע, בראַווע פֿערד, דוכט זיך, פֿאַרשטייט אויך און פֿילט די ערנסטקייט פֿון דער לאַגע. אויך סאָקאָל אַרבעט פֿלייסיק. ער ציט די אָדערן אויפֿן האַלדז און שלעפּט די קאָפּנעס היי צום ערשטן סטויג, וואָס ווערט היינט אויפֿגעשטעלט. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די זון איז שוין לאַנג פֿאַרגאַנגען, ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס די קאָמאַרעס ווילדעווען איצט מיטן אָנקומען פֿון דער נאַכט שטאַר־קער. ס׳מאַכט אויך ניט אויס, וואָס דער איינגעצויגענער מאָגן פֿאָדערט עסן. דעם אַנדערהאַלבן־טויזנט פּודיקן סטויג היי מוז מען היינט אויפֿשטעלן, מוז מען היינט ענדיקן.

צוריק גייט מען פֿריילעכע, כאָטש שטאַרק אויסגעמאַטערטע. דער אינדזל צעזינגט זיך מיט שטילע, געפּרעסטע טענער. די גרענעץ־בערג שטייען כמורנע. מען גייט מיט פֿרייד. מען פֿילט ניט די מידקייט. מען פֿילט אויך ניט דעם הונגער. זעלדע די קעכן שטייט דאָרט ביים ברעג אין אַ וואָלקן רויך און קאָכט צווייִ קעסלעך עסן. ברויט ליגט שוין אָנגעשניטן. און באַלד וועט מען זיך אויסזעצן מיט אַראָפּגעהאַנגענע פֿיס צום אַמור און מען וועט קייען געשמאַק, געזונט און מיט אַפּעטיט. דערווייל גייט מען מיט גע־

זאַנג, די טיכלעך אויף די קעפּ פלאַטערן, די קאָסעס אויף די אַקסלען גלאַנצן מיט מאַטער שיין אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער לבנה. עס איז שוין נאַכט, עס איז שוין גוט נאַכט. נאָר קיינער ווייסט ניט פון קיין צייט, קיינער פרעגט ניט, ווי שפּעט ס׳איז, מען ווייסט נאָר, אַז אַזויפיל און אַזויפיל האָט מען געמוזט שניידן. אַזויפיל און אַזויפיל קאָפּנעס האָט מען געמוזט אויפשטעלן און דעם ערשטן אָנדערהאַלבן־טויזנטפּודיקן סטויג האָט מען געמוזט פאַרענדיקן. גייט מען מיט געזאַנג, ס׳קומען אָן שניטער, קאָפּנעס־מאַכער און סטויגן־שטעלער, מען קומט פון אַלע זייטן. ס׳קומען אָן רובין מיט פּיוּוקעז, וואָס האָבן היינט געמאַכט דעם ערשטן אַרויספאָר צו זייער געוועט. ס׳קומט גרוניע, אַ לעבעדיקע, אַ ברוינע, אַ פרישע. זי לויכט מיט די צוויי שפּיצן פון אירע גרינלעכע אויגן. זי האָט היינט אַלעמען איבערגעיאָגט ביים קאָפּנעס־שטעלן. פון אַלע זייטן קומט מען און מען באַגריסט מיט אויפגעהויבענע קאָסעס און ווילעס דעם ערשטן סטויג, וואָס שטייט אויף אַ בערגל אינמיטן אינדזל. אַלע זיינען פריילעך, מען וואַרפט פון זיך דאָס אָנטאָן אַראָפּ און מען שפּרינגט אינעם פרישן קילן אַמור.

עס לעבן אויף די ברעגן פון אַמור.

מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיצט מען אויפן ברעג, מען קייט ברויט מיט שטיקער פלייש און מען הערט זיך צו, אפשר קלאַפּט אַ מאָטאָר, אפשר קומט שוין אַ קאַטיער. ס׳איז יעדנס גרעסטער פאַרלאַנג, עס זאָל שוין אָנקומען דער קאַטיער מיט די פערד און מיט די מאַשינעס, מען זאָל עס קאָנען אַן אַרבעט טאָן גיך און גוט . . . זיצט מען און מען כאַפּט אויף יעדן נייעם גערויש, וואָס דערהערט זיך אויפן אַמור.

די ערשטע טעג האָט אָפּגענאַרט דאָס מאָטאָר־שיפל פון דער גרענעץ־וואַך. פון וויאָרסטן ווייט הערט מען קלאַפּן זיין מאָטאָר, און ווי אַ וויכער פליט דאָס שיפל פאַרביי דעם ברעג. עס צעשניידט דעם אַמור אויף צוויי פּאַסן, וואָס וואַרפן זיך געפּאַלדעוועטע צום ברעג, און ס׳לויפט גיך, גיך צו דער גרענעץ און פון דער גרענעץ. היינט דערקענט מען שוין דעם טומלדיקן רויש פונעם גרענעץ־שיפל אויפן אַמור. אַ פּאָר מאָל אין טאָג לויפט עס פאַרביי דעם ברעג. ס׳איז לעבעדיק אויפן אַמור. שיפן גייען, גרויסע שיפן, מיט ליכט און מיט געזאַנג גייען זיי. מען טאַנצט אויף די שיפן, מען שפּילט און מען זינגט דאָרט, פון ברעג באַגריסט מען זיי מיט אויפגעהויבענע קאָסעס, און פון דאָרטן ענטפערט מען מיט ווייסע טיכלעך.

5

ס'איז געווען נאָך אַ זייער שווערן אַרבעט־טאָג, נאָך אַ טאָג, ווען די מורא פאַר נאָענטע רעגנס און מעגלעכע פאַרפלייצונגען האָט געשפּאָנט די אָדערן שיעור ביז פּלאַצן. איז מען אויפדערנאַכט תיכף נאָכן עסן אָוועקגע־פאַלן שלאָפן. אין די קאַמאַרניקעס איז אויך עפּעס שטילער געוואָרן.

נאָך דעם, ווי מאַן האָט זיך אונטערגעגומען צו היטן, ליגט מען אין די קאַמאַרניקעס און מען שלאָפט. פאַרן איינשלאָפן הענגט מען אָן די שפּיצן פון די אויערן אויפן אַמורס ווייטקייטן, מען איז גרייט אויפצורייסן די אויגן, וואָס קלעפּן זיך, און באַגעגענען דעם קאַטיער, וועלכן מען קוקט אויס מיט אַזויפיל באַגער. נאָר ס'איז שטיל אויפן אַמור. אויסער דעם זינגען פון קאָ־מאַרן קאָן מען נאָר הערן דעם לויף פון וואַסער און ווי אַ צווייג פאַלט פון ערגעץ אויפן אינדזל.

נאָר ריווקין האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. פון תחילת נאַכט ליגט ער אין קאַמאַרניק און דרייט זיך און שילט. גרוניע, וואָס שלאָפט אין אַ קאַמאַר־ניק אין שכנות מיט אים, רופט אים, פרעגט אים, דעם פאַרהאַרטעוועטן בירא־בידזשאַנעץ, וואָס איז דער מער מיט אים, צי לאָזן עס אים אויך ניט שלאָפן די קאַמאַרעס אָדער עפּעס אַנדערס. ענטפערט ער איר, אַז מען האָט אייגנע הינט, וואָס בייסן אין דער שטיל ערגער ווי קאַמאַרן. אַ קאַמאַר, זאָגט ער, איז כאַטשבי ערלעך — ער זינגט ביים אויער און זאָגט דיר אָן: „כ'גיי בייסן, היט זיך, אויב דו קאָנסט." און דאָ בייסט מען דיך אין דער שטיל. זי האָט אים ניט איבערגעפרעגט וועגן די „בייסער אין דער שטיל", ווייל זי האָט געוואוסט, אַז בערקע ליגט דאָ אויך ניט ווייט פון זיי, איינגע־וויקלט אין אַ זאַק, מיט אויסגעצויגענע אויערן.

ער איז היינט ניט געפאָרן צום ווייבל אויף נאַכטלעגער, בערקע. נאָך ברויט קיין אָרלאָווקע זייענדיק אַנדערע געפאָרן, ריווקין האָט אַ געשריי געטאָן, ווען בערקע איז געגאַנגען זיך זעצן אין שיפל: „גענוג געפאָרן צום ווייבל אויף האַלבע טעג!" — האָט בערקע אַ שמיץ געטאָן די ווּעסלעס און האָט זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע.

ריווקינס אויפגערעגטקייט איז געקומען נאָך דעם, ווען אַ פאַרביי־פאָרנדיקער קאַטיער האָט אָפּגענאַרט. מען איז זיך צונויפגעלאָפן צום ברעג מיט געשרייען, מען האָט געמיינט, אַז מען האָט שוין די פערד מיט די מאַ־שינעס. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט באַגריסט גלאַט אַ פאַרבייגייענ־דיקן קאַטיער, און די פרייד איז צערונען געוואָרן. ריווקינס פרייד איז גע־

ווען שטאַרקער פון אַלעמענס, איז דערפאַר זיין פאַרדרוס אויך געווען שטאַרקער.

שוין דער פערטער טאָג ווי מען האָט אָװעקגעשיקט פרידן נאָך אַ קאַטיער. געוואוסט האָט מען, אַז מיט ליידיקן וועט ער ניט קומען, ער וועט קומען מיטן קאַטיער פון דער קאָמונע, אָדער ער וועט באַקומען אין כאַבאַראָווסק אַ צווייטן. נאָר פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? ליגט ריווקין און טראַכט:

„אַט שמועסט מען גאָר פון רעגנס, פון נייע פאַרפּליייצונגען" . . .

— עך, איר! — האָט ער אויסגעשריען, איבערגעדרייט זיך אויפן בויך און אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט אַריין.

ער האָט געפּרואווט אַ טראַכט טאָן, ווי וועט עס אויסזען אַ ווינטער אָן היי. אַט זעט ער שוין די איינגעפאַלענע זייטן ביי די בהמות, ביי די פערד, און ווי די מענטשן פון קאָמונע צעלויפן זיך . . . און דאָ קומען אָן אַלץ נייע און נייע איבערוואַנדערער. מען דאַרף זיי איינאָרדענען, באַזעצן זיי. איז ווי וועט עס זיין, אויב עס וועט גיין, ווי עס גייט?

„עך!" — האָט ער זיך אָן אויפגערעגטער אַ וואָרף געטאָן. ער האָט זיך ניט געקאָנט חברן מיט אַזעלכע פינצטערע געדאַנקען, האָט ער אַ שמיץ געטאָן מיטן פוס דעם קאָמאַרניק און איז אַוועק צום ברעג. עס איז געווען אין דער שטילער שעה, ווען די נאַכט האַלט זיך אין אָפּרוקן פאַרן אָנקומענדיקן טאָג.

ביים ברעג האָט ער געטראָפן שטיין זלאַטקינען מיט אַן אָנגעשטעלטן אויער צום אַמור. זלאַטקין האָט געשמייכלט:

— ס'האָט זיך מיר געחלומט אַ קאַטיער, שטיי איך און הער. הער זיך נאָר איין, ריווקין, דוכט זיך, ס'קלאַפּט טאַקע עפּעס.

ריווקין האָט צוגעשטעלט דעם אויער צום אַמור און האָט אויסגעשפּיגן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט אַראָפּגעשפּיגן פון שפּיץ צונג אַ ביטער מאכל, וואָס מען האָט אים געגעבן צו פאַרזוכן.

— מען האָט דיר אָנגעפייפט אין אויער, דוכט זיך דיר, אַז עפּעס קלאַפּט דאָרט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק מיטן ברעג.

זלאַטקין איז געבליבן שטיין. זיין פּנים האָט יעדע ווײַלע אויפגעשיינט און איז צוריק פאַרגאַנגען. ער איז געשטאַנען און געציטערט פאַר אויפרעגונג: אַט קלאַפּט, אַט קלאַפּט ניט. אַך, ווען ער קאָן איצט, אין דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער נאַכטיקער שטילקייט, אַריינשרייען און אַ וועק טאָן אַלעמען מיט אַזאַ מין פריילעך געשריי: „אַ קאַטיער גייט!" אַך, וואָלט זיך עס אַ רודער געטאָן! נאָר ער שטייט און זוכט מיט די אויגן. אַ קליין רגעלע האָט

זיך אים גאָר אויסגעוויזן, אַז ערגעץ ניט ווייט האָט אַ פּייערל אַ שיין געטאָן, ער האָט שוין געהאַלטן אין שרייען „אַ קאַ . . . ״ נאָר ס׳פּייערל האָט זיך פֿאַרלאָשן, האָט ער זיך אויך פֿאַרלאָשן.

ריווקין איז געלאָסן אַנגעקומען מיטן ברעג. נאָך יעדן טראָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ כאַפּ געטאָן די שטילקייט פֿון אַמור מיט אַ שפּיץ אויער.

— נו, ס׳קלאַפּט, צי ניט? — פֿרעגט זלאַטקין.

— ס׳קלאַפּט און ס׳הערט אויף, דער טייוול ווייסט עס!

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום שיפֿל, מיטנעמענדיק מיט זיך די קאָלד־רע.

— קום כאַפּן אַ דרימל, זלאַטקין, ס׳בלויט שוין.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט אין שיפֿל, וואָס איז געשטאַנען צוגעפּעס־טיקט צום ברעג.

ס׳האָט געבלויט, שטערן האָבן זיך געגליטשט אין אַמור אַריין און האָבן זיך געשווענקט אין די קילע פֿרימאָרגן־וואַסערן. די בערג זיינען אויפֿגע־שטאַנען בלויע, מילדע און האָבן זיך געלייטערט אין מאָרגן־שיין.

ריווקין מיט זלאַטקינען האָבן זיך איבערגעדעקט איבער די קעפּ, נאָר געשלאָפֿן זיינען זיי ניט. זיי האָבן יעדע ווילע אויפֿגעהויבן די קעפּ און זיך איינגעהערט צום אַמור, וואָס האָט געמישט זיינע וואַסערן מיט העלע פֿאַרבן. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ערגעץ ניט ווייט שטייט דער קאַטיער אָדער אַ קאַליע געוואָרענער, אָדער ער וואַרט, ביז ס׳וועט ליכטיק ווערן. „וואָס־זשע קלאַפּט ער? ווען ער וואַרט ביז טאָג, וואָלט ער דאָך פֿאַרשטומט גע־וואָרן. געוויס כריפּעט ער דאָרט מיט די קראַנקע לונגען״, — האָבן זיי זיך געטראַכט.

— קיין רעכטע מאַשין איז ביי אונדז נאָך אַלץ ניטאָ, — זאָגט ריווקין מיט אַ זיפֿצל.

— אַ גוטער קאַטיער מאַכט דעם וועג אין אַכט שעה. און אונדזערער אַז ער פֿאָרט גוט, פֿאָרט ער צוויי מאָל אַכט.

זיי בלייבן שטיל. דערנאָך גיט ריווקין אַ זיפֿץ אין דער קאָלדרע אַריין:

— אוי, וואו מיר וואָלטן שוין איצט געהאַלטן, ווען ער לאָזט ניט אַוועק דעם קאַטיער, דער „סיינער פֿאַרסוין״.

— מיר וואָלטן שוין באַלד געווען פֿאַרטיק מיט די זיבעציק טויזנט פּוד.

— ער וועט קריגן איבערן קאָפּ, בערקע.

— ער וויל אַוועק פֿון קאָמונע, — זאָגט זלאַטקין, — כ׳האָב געהערט, ער האָט גערעדט מיטן ווייב. ער וויל בעטן ערד און צונויפֿקלאַפּן אַ נייע

קאָמונע. פון אַלטע קאָמונאַרן, אָן איבערוואַנדערער.

— אַוועק וועט ער, — זאָגט ריווקין, — נאָר ניט אַליין. מען וועט אים אַרויספירן מיט מוזיק. מיט אַ קנאַק וועט מען אים אַרויסשמייסן די קרעמער־דישע נשמה. אָן איבערוואַנדערער וויל ער, און ער אַליין איז קיין איבער־וואַנדערער ניט געווען? אַ קליין געשעפטל מיט שותפים וויל ער זיך מאַכן, אָט וואָס.

זיי בלייבן ווידער שטיל. זלאַטקינס אויגן נעמען זיך קלעפּן, נאָר ריוו־קין שלאָפט ניט.

— זע, — זאָגט ער, — ווען די מאַשינעס וועלן קומען, זאָלסטו זיך אויסלערנען אַרומגיין אַרום זיי, וועסטו ווערן בריגאַדיר, און אים, — צום טייוול שיקן.

נאָר זלאַטקינס אויגן פאַרמאַכן זיך, און אַ בלוי שמייכעלע שפּילט זיך אַרום זיין מויל. ער שלאָפט איין.

ווען די זון האָט אַ וואַרעם געטאָן, האָט זיך זלאַטקין אויפגעכאַפּט מיט אַ פריילעכן געשריי:

— אַ קאַטיער! יאַטן, אַ קאַטיער פאָרט!

פון אַמור האָט זיך דערהערט אַן איינטאָניק, פריילעך קלאַפּן פון אַ מאָטאָר. צעטראָגענע, אויפגערודערטע זיינען אַלע געלאָפן צום ברעג. מען האָט געריבן די אויגן און געבלאַנדזשעט איבערן וואַסער.

— וואו גייט? ס׳גייט גאָרניט!

— זלאַטקין, מאַכסט חוזק, האַ? האָסט אָפּגענאַרט!

— ער האָט אַליין ניט געקאָנט איינשלאָפן, האָט ער אַלעמען אויפגע־וועקט!

— עך, דו!

— שאַט! ער גייט.

— ער קריכט.

— ער פאָרט!

— שטיל, מען שרייט!

— ווער שרייט?

— פריד!

— יאָ, אָט קריכט ער, אַ געלער, אָט ביים ברעג, לעבן די נידעריקע קוסטעס.

—יאָ, יאָ, הוראַ! הוראַ!

די זון, וואָס איז אַהער געקראָכן פון די בערג, האָט באַשיינט דעם אַמור מיט זיינע ברעגן. פון דער צווייטער זייט אַמור האָט געאָטעמט אַ געלער קאַ־

טיער. מ׳האָט פון דאָרט געשריען צום בויעג. מען האָט דייטלעך געהערט פרידס געשריי. הינטן האָט זיך נאָכגעשלעפּט דער באַרקאַס מיט די מאַשי־נעס.

אויף ריוקינס ניט אויסגעשלאָפענעם פּנים האָט זיך אָנגעצויגן אַ גע־שעפּטלעכער ערנסט. ער האָט שוין געאַרבעט, ער האָט שוין צונויפגעשלעפּט די שטאַרקסטע יונגען און האָט זיי אויסגעשטעלט אין מיליטערישער אָרדע־נונג. די געזונטע הענט זיינען גרייט געווען אַ שלעפּ צו טאָן די מאַשינעס פון באַרקאַס.

דער קאַטיער האָט שוין געשניטן דעם אַמור אין דער ברייט. ער האָט זיך דערנעענטערט צו די ביידלעך. די זון האָט געשיינט און באַלויכטן די גאַנצע וועלט. זעלדע האָט געלייגט אַ פייער און געשעפּט פון אַמור קעס־לעך וואַסער צום אָנבייסן.

גרוניע איז אומגעשפּרונגען אַ פריילעכע, אַ פרימאָרגנדיק־אָפּגעוואַ־שענע. זי האָט אַרומגענומען רובינען און האָט אים אַריינגעלאַכט אין פּנים.

— האָסט מיך גוט ליב, גרוניע? — האָט ער מיר־ניט — דיר־ניט פלו־צעם אַ פרעג געטאָן און האָט אויך אַזוי לייכט, שטיפעריש, ווי זי, גע־שמייכלט.

זי האָט זיך פון אים אַוועקגעדרייט אָן אָנגעפילטע מיט פרייד.

ביים ברעג איז פריילעך.

דער קאַטיער איז אָנגעקומען מיט מאַשינעס, מיט פערד און מיט אַ גאַנצער גרופּע נייע איבערוואַנדערער.

— אַט, נאַ דיר די צווייטע טעג פּורים, — האָט זיך דער אַלטער בריי־טער אַ קראַץ געטאָן. — נייע פּערעסעלענצעס? בערקע! — האָט ער אַ גע־שריי געטאָן צו די ביידלעך. — נייע פּערעסעלענצעס זיינען געקומען. גע־פעלט צום רומל.

— נאָרוואַס פון דער נאָדל, האַ?

— שפּאַגל־נייע, — כאַפּט אונטער אַ בלאָנד בחורל און טאַנצט מיט די באַרוועסע פיס איבער די אָפּגעשניטענע גראָזן.

— פונוואַנען קומען יידן? — פרעגט פּיוּוקע.

— יידן קומען פון בערדיטשעוו.

— פון בערדיטשעוו? זייט איר דאָך אמתע יידן. וואָס־זשע, איר זייט געקומען בויען בירא־בידזשאַן?

— נו, איז וואָס, אַז בויען? ווי דען, צוגאַסט זיינען מיר געקומען?

— מהיכא־תיתא, מהיכא־תיתא, לייגט אַוועק די פּעקלעך און גייט זיך וואַשן, — לאַכט פּיוּוקע און לאָזט זיך גיין צום קאַטיער.

בערקע איז אַרויסגעקראָכן פון אַביידל און איז צוגעקומען צום ברעג.

— אָט, נייע פּערעסעלענצעס, — ווייזט אים ברייטער אויף די איבער־וואַנדערער, וואָס האָבן זיך אָוועקגעזעצט ביים ברעג.

— אַ סך זייט איר געקומען? — פרעגט בערקע און קוקט אויף די איבערוואַנדערער מיט זיינע צוגעזשמורעטע שוואַרצע אייגעלעך. אין זיי איז אַ געמיש פון חוזק און כעס.

— צוויי און דרייסיק פאַמיליעס — ענטפערן אים די איבערוואַנדע־רער — זיינען מיר געקומען צו אייך.

— צוויי און דרייסיק? — וואונדערט זיך בערקע. — מיט קינדער, מיט אַלטע?

יאָ, זיידעס, באָבעס און אָן אַ שיעור אייניקלעך.

— איז פאַרוואָס זייט איר געפאָרן צו אונדז?

— מיר האָבן געהערט, אַז ביי אייך איז זייער גוט.

— נאָך אין בערדיטשעוו האָט איר דאָס געהערט?

— אין בערדיטשעוו. אומעטום ווייסט מען פון אייך. פון אייער קאָמונע שרייבט מען אין די בלעטער.

— אָ, אָ, דאָס איז עס. אַ טומל אָנגעמאַכט, אַ טראַסק. לויפט מען אַהער פון גאָר דער וועלט.

— עס פאָרט נאָך אַ גרופּע צו אייך. זי איז שוין אין וועג, — האָבן זיי דערפרייט בערקעס האַרץ מיט נאָך אַ בשורה.

בערקע האָט אַריינגערוקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס. אַריינגע־צויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און עטוואָס איינגעהויקערט, ווי ער וואָלט זיך פאַרנומען אויף אַ גאָר ווייטן וועג, איז ער אַוועק פון די איבער־וואַנדערער.

— וואו א צרה, קומט זי צו אונדז, — זאָגט דער אַלטער ברייטער, נאָכגייענדיק נאָך בערקען. נאָר קיינער ענטפערט ניט. דער איינציקער, וואָס וואָלט ניט פאַרשוויגן — פּיוּוקע — שלעפּט דאָרט די מאַשינעס פון באַר־קאַס. זיין אייזערנע פּלייצע טרעשטשעט און האַלט אויס שווערע משא, וואָס מען לייגט אויף איר אַרויף.

די ניי־געקומענע האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ ביידל און זיינען אַרויס באַקוקן די וועלט.

זיי זיינען אַרומגעגאַנגען דעם ברעג און האָבן געפּאַטשט מיט די ליפּן:

— פיין, פיין, ס׳איז גאָר גרויסאַרטיק!

אַלץ איז זיי געפעלן: די בערג, דער אַמור, די הויכע גראָזן, וועלכע

גרייכן דעם העכסטן צווישן זיי איבערן קאָפּ, און די זעלטענע העלע, טיפּע ווייט.

— פיין, פיין! — האָבן זיי געזאָגט, — גרויסאַרטיק!

דער טאָג איז געווען זייער אַ פריילעכער, די שטימונג — אַ געהויבענע. ס'האָט זיך געאַרבעט גאָר לעבעדיק. פאַרנאַכט איז ביים ברעג געווען רעשיק. די פּוצן פערד האָבן אַריינגעבראַכט היימלעכקייט אויפן ברעג מיט זייער קלאַפּן פון די קאָפּיטעס און זייער כראָמטשען דאָס גרינע פרישע היי.

דער ברעג האָט אויפגעלעבט. מאַשינעס מיט פערד שטייען גרייט אַרויסצופאָרן. די נייע איבערוואַנדערער לערנען זיך האַלטן אַ קאָסע אין די הענט. פריד גיט איבער די געשיכטע מיטן קאַטיער, וואָס האָט זיך פאַרקילט אויפן וועג און מען האָט געמוזט אַרויסרופן אַ צווייטן קאַטיער פון כאַבאַראָווסק, ער זאָל אים נעמען אויפן בוקסיר, און ווי שווער ס'איז אָנגעקומען, איידער ער האָט דאָס געפועלט.

ס'איז ליכטיק ביים ברעג. שייטערס קנאַקן פריילעך אין אַלע זייטן, וואָלקנס רויך וויקלען זיך אַרום די פערד, אַרום די מענטשן. אַלע זיינען צופרידן.

די אַרבעט איז אַוועק גאָר אַנדערש. עס האָבן געדרוישט די מאַשינעס. די אויסגערוטע פערד זיינען געלאָפן מיט די קאָפּנעס צו די סטויגן, וואָס זיינען געוואַקסן ברייט און הויך.

ביי די שנייד־מאַשינעס פירט אָן בערקע. ער האָט זיך אַלע זיינע יאָרן אין קאָמונע אויסגעצייכנט ביי מאַשינעס. ער האָט ליב געהאַט מאַשינעריע.

— די מאַסינקע איז אַ פיינינקע זאַך, — פלעגט ער זאָגן, — דאַרפסט קיין סך הענט ניט און, דערעיקר, סע גיט פּראָדוקציע.

היינט איז ער צוגעגאַנגען צו די מאַשינעס פויל און אָן איבעריקן חשק. אַז ריווקין האָט אים אָנגעוויזן אויף זלאַטקינען און געזאָגט: „נעם אים נאָר אַזוי אין דער אַרבעט אַריין, ער זאָל זיך גוט אויסלערנען", האָט ער פאַרקרימט דאָס פּנים, בערקע, און האָט אַ וואָרטשע געטאָן:

— אַ יוירעס (יורש) צוגרייטן, ער זאָל מיך יאָרסענען (ירשנען) . . .

ריווקין האָט ניט געענטפערט. אָבער ס'איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס בערקע פילט זיין שולד.

בערקע האָט איבעריקס זלאַטקינען ביי דער מאַשין ניט געהאַלפן. ער האָט אים נאָר געהייסן קוקן. קיין שטאַרק קאָמפּליצירטער מעכאַניזם איז אין דער שנייד־מאַשין ניטאָ, קיין באַזונדערע פיאיקייטן אויף אויסצולערנען זיך גיך אַרבעטן אויף איר פאָדערן זיך ניט. האָט זלאַטקין באַלד דעם ערשטן טאָג אַ שמעק געטאָן, אַ קוק געטאָן און אויף מאָרגן איז ער שוין געזעסן

אויף דער שנייד־מאַשין און לעבעדיק געקנאַקט מיט דער בייטש.

טעג זיינען געגאַנגען פול־אָנגעלאָדענע, קיין איין רגעלע אין טאָג האָט ניט געהאַט אין זיך קיין בלויזעלע פּוסטקייט. יעדעס רגעלע איז אָנגעפּילט מיט זיסער אָנגעשטרענגטער אַרבעט־מי.

איין קליינע בריגאַדע פון די בעסטע שניטער איז געבליבן שניידן מיט די קאָסעס אויף די ערטער, וואו די מאַשינעס קאָנען ניט צוקומען. צווישן זיי געפינט זיך אויך מאיר רובין. ער שטייט שוין איצט ניט אָפּ פון די בעסטע, אַן אָפּשניט פון צוויי מעטער די ברייט מאַכט ער שוין, קיין „וואָנצעס" אין די זייטן לאָזט ער אויך ניט איבער, און ער שפּאַנט מיט דער קאָסע, ווי אַ לאַנגיאָריקער שניטער.

איצט גייט ער גלייך מיט פייוקען.

— זעסט, — זאָגט פייוקע, — האָסט זיך אויסגעלערנט שניידן.

— שוין באַלד דעריאָגט, פייוקע!

— ביסט אַ מאָלאָדיעץ! דעריאָגן — יאָ, נאָר אַריבעריאָגן, ניע סמיי, בראַט! מעגסט זיך זיין קוואַליפיצירט און אַ גרויסער קענער. צוליב דעם האָסטו געדאַרפט קומען קיין ביראָ־בידזשאַן מיט אַ פּאָר יאָר פריער.

און אַ גיי טוענדיק מיט דער קאָסע פּאָראויס (פייוקע גייט שטענדיק דער ערשטער), האָבן זיך זיינע הענט אַזוי צעשפּילט און די קאָסע האָט זיך אַזוי צעזונגען, אַז ניט אָפּשטעלנדיק זיך, איז ער דריי מאָל אַרומגעגאַנגען דעם שטח, וואָס געווייגלעך שטעלט מען זיך יעדעס מאָל אָפּ אָפּכאַפּן דעם אָטעם און פאַרדרייען אַ ציגייער מאַכאָרקע. ווען ער האָט דעם דאָזיקן שטח געענדיקט, האָט ער זיך אומגעדרייט צו דער בריגאַדע מיט אַ שמייכל:

— נו, יאַטן, וואָס הערט זיך, אָנגעמאַטערט זיך, וואָס? נאָך דריי מאָל ווער גייט אַן אָפּשטעל?! — האָט ער אַרויסגערופן, שטייענדיק גרייט זיך אַוועקלאָזן מיט דער קאָסע פּאָראויס. נאָר קיינער האָט אים ניט געענטפערט. מ'האָט געדרייט מאַכאָרקע און אָפּגעעטעמט.

מאיר רובין האָט מיטן קאָפּ־טיכל געווישט דעם שווייס פון פּנים.

— נו, וואָס הערט זיך מיטן אַריבעריאָגן? — פרעגט פייוקע, בלאָזנדיק דעם רויך צום הימל.

— אָבער שניידן קאָן איך שוין.

— יאָ, ביסט אַ מאָלאָדיעץ.

— שאַ, וואַרט צו, איך וועל דיך נאָך אַריבעריאָגן . . .

— פּאַרגעס, ברודערקע, שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ, מעגסט שוין זאָגן, אַז דו האָסט פאַרשפּילט.

— וואַרט נאָר צו, מיר וועלן זען ביי די מאַשינעס.

— ביי די מאַשינעס? — פֿרעגט איבער פּייוקע פֿאַרוואונדערט.

ער האָט פֿאַרשוויגן, רובין, ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט. דער באַשלוס וועגן דעם נייעם צוזאַמענשטעל פֿון די אַרבעטער ביי די שנייד־מאַשינעס איז נאָך ניט געווען פֿאַרעפֿנטלעכט . . . האָט ער אויף פּייוקעס פֿראַגע גאָרניט ניט געענטפֿערט.

ביינאַכט, ליגנדיק אין די קאַמאַרניקעס, האָט מען אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן רובינען און פֿרידן וועגן דעם געוועט. רובין זאָגט, אַז טעכניש האָט ער זיך אויסגעגליכט מיט פּייוקען, נאָר אַריבעריאָגן איז אים ניט מעגלעך. ער ווערט גאָר ניט מיד, — זאָגט ער אויף פּייוקען, ער קען זיך אָוועקלאָזן נאָך אָנבייסן און אָפּגיין ביז נאַכט מיט דער קאָסע אָן אָפּשטעל. איך וועל עס ניט קאָנען.

— אָבער אויפֿגעבן טאָרסטו ניט.

— פֿאַרשטייט זיך, ער האָט שוין היינט געוואָלט מאַכן אַ סוף, נאָר — מיר וועלן נאָך פּרוּוון ביי די מאַשינעס. אויפֿגעבן וועל איך ניט.

— טוסט גוט, — זאָגט פֿריד, — אייער געוועט האָט אַ סך געגעבן, איצט זיינען שוין אַלע אַרומגעכאַפּט מיט סאַצגעוועט, אַפֿילו דער אַלטער ברייטער גייט שוין אויך אין געוועט.

— מיט וועמען?

— מיט דעם בלאָנדן בחורל פֿון די נייע.

בערקעס אויפֿפֿירונג, זיין גאַנצע באַציאונג צו דער אַרבעט האָבן אַ סך באַמערקט. פֿאַרן קעמערל איז שוין די פֿראַגע געווען אַ געלייזטע. נאָר איצט, נאָך אַ פּאָר טעג אָפּאַרבעטן ביי די מאַשינעס, האָבן שוין אַלע דערזען, אַז מיט בערקען איז עפּעס ניט גלאַט. פֿון אַלע זעקס שנייד־מאַשינעס, וואָס זיינען אַרויס צו דער אַרבעט, האָט איין זלאַטקין, דער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעלערנט, אויסגעפּילט די נאָרמע. די איבעריקע זיינען אָפּגעשטאַנען, בערקעס מאַשין האָט זיך פֿון פֿרימאָרגן אָן ניט גערירט פֿון אָרט. די פֿערד האָבן געקייט דאָס גראָז און האָבן געשלעפּט די לייצעס, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין די רעדער. ער, דער בריגאַדיר, האָט אינמיטן טאָג געשאַרפֿט די מעסערס, יעדעס מאָל ביי אַ צווייטן מאַשין, געגעבן עצות אָדער גאָר אויף שעהנלאַנג זיך פֿאַרקליבן אונטער אַ בוים, צעפּלאַקערט אַ שייטער און זיך געזעצט רייכערן. ער האָט זיך געפּלייסט צו דערווייזן, אַז די קאָמונע מוז צעפֿאַלן ווערן.

— אַ קאָמונע, — האָט ער געטענהט, — קאָן נאָר עקזיסטירן, ווען זי איז אַ קליינע, און דאָ איז מען אָנגעלאָפֿן פֿון אַלע עקן וועלט, איינער

קאָן ניט דעם אַנדערן, און קיינער האָט ניט גאָרניט. די קאָמונע מוז אונ־טערגיין.

— וואָס־זשע איז דיין מיינונג, בערקע? — פרעגט אים אַ קאָמונאַר, וואָס האָט זיך גאַנץ ערנסט פאַרטראַכט, אויסהערנדיק די רייד פונעם ערשטן פאַרזיצער.

— מיין עצה איז אַ פּאַסעטע (פשוטע): אַלע אַלטע קאָמונאַרן, די בעס־טע, דאַרפן אַוועקגיין און מאַכן באַזונדער אַ קאָמונע, אַ קליינע קאָמונע, קיין נייע זאָל מען ניט אַריינגעמען.

ער האָט זיי געקוקט אין די פאַרטראַכטע אויגן אַריין מיט אַן אַרויס־רופערישער פראַגע: „איר פאַרשטייט?" און צוגעגעבן:

— ערד איז דאָ גענוג, נעם.

— אין ראַיאָן וועט מען אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן, — זאָגט איינער.

— וואָס הייסט ניט דערלאָזן? — כאַפּט זיך בערקע, — אַ נייע ווירט־שאַפט וועלן זיי ניט לאָזן מאַכן?

— ניין, זיי וועלן ניט דערלאָזן. איצט שטייט די פראַגע די אַלטע צו פאַרפעסטיקן, האָסט ניט געלייענט די באַשטימונג?

ער האָט די באַשטימונג ניט געלייענט, בערקע, נאָר ער האַלט זיך ביי זיינס. ער האָט אַפּילו אַן אויסוועג, אויב ס'איז טאַקע אַזאַ באַשטימונג פאַ־ראַן:

— מען דאַרף אַוועקגיין. מען דאַרף סטעלן דעם ראַיאָן פאַר אַ פאַקט: איר גיט ערד, איז גוט, אַניט, פאָרן מיר גאָר אַוועק. און קיין אַלטע בירא־בידזשאַנצעס וועלן זיי ניט לאָזן אַוועקפאָרן! אָט וואָס מען דאַרף! — ער קוקט אויף זיי מיט אַ שמייכל ווי איינער זאָגט: „טראַכט נאָר אַ קאַפּעלע, אַן עצה קאָן מען געפינען".

זלאַטקין, וואָס איז קיינמאָל ביי די שמועסן אין די רייכער־שעהן ניט געווען, האָט אָבער שטענדיק געזוכט צו דערגיין און איז טאַקע דערגאַנגען דעם פולן אינהאַלט פון יעדן געשפּרעך. ער האָט עס דערפילט אין די שטי־מונגען, אַרויסגעלייענט עס אין די באַזונדערע ספּעציעלע קללות צו די פערד און אין די ווערטלעך, מיט וועלכע מען האָט זיך איבערגערופן פון איין מאַשין צו דער אַנדערער.

פאַרן קעמערל איז אַלץ געווען קלאָר. און די פראַגע איז געווען אַ גע־לייזטע. איצט האָבן עס אַלע דערזען.

ס'איז געווען פאַרנאַכט, נאָך זייער אַ הייסן, שווערן אַרבעט־טאָג, ווען אָנוואַקסנדיקע וואָלקנדלעך איבער די בערג דערמאָנען אין רעגנס און פאַר־פלייצונגען. אַ שרעק איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן ביי יעדן איינעם אין האַרצן

און האָט גייאָגט די הענט. איז מען געקומען פאַרנאַכט מידע, שווייגנדיקע, און מען האָט שוין געטראָפן די שניטער ליגן ביים ברעג אָפּגעבאָדענע, מיט זשעדנע אויגן צו דער קיך. די ערשטע האָט אַ פלאַם אויף געטאָן גרוניע. די אויפרעגונג איז זיך אין איר אַזוי צעוואַקסן, אַז זי האָט אַרויסגעשריען:

— אָט, מען האָט שוין געמאַכט שבת!

איין זלאַטקין איז נאַרוואַס געהאַט אָנגעקומען צו רייטן מיט די פערד. ביים ברעג האָט זיך גאָר שטאַרק געטומלט. די קאָמונאַרן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געהאָפּט אויף די מאַשינען, האָבן געברענט פאַר כעס.

— וואָס הייסט, מען אַרבעט האַלבע טעג?

— פאַרוואָס ווייסט מען ניט, וויפל זיי מאַכן?

— קיין אוטשאָט פון דער אַרבעט איז ניטאָ.

— שאַ, יאַטן, — האָט זיך ריווקין אַריינגעמישט, ווען דער עולם איז שוין געווען גוט צעוואָרעמט, — שרייט ניט. ס'איז דאָ אַן אוטשאָט, מען ווייסט וויפל יעדער איינער מאַכט. איין זלאַטקין מאַכט די פולע נאָרמע, ווייטער קיינער ניט. בערקעס מאַשין אַרבעט איינגאַנצן ניט.

— ווער אַליין בריגאַדיר! — האָט בערקע אַ געשריי געטאָן.

— ניין, ניט איך. — האָט ריווקין רואיק געענטפערט, — אַ בריגאַדיר וועט מען באַשטימען אַ צווייטן.

— וואָס עפּעס בלויז אַ בריגאַדיר, די גאַנצע בריגאַדע טויג אויף כפּרות, אַז זיי פילן ניט אויס די נאָרמעס, — האָט איינער אַ געשריי געטאָן.

אָט בעת די דאָזיקע געשרייען איז עס געקומען צו רייטן זלאַטקין; ער האָט זיך באַוויזן פונקט דאַן, ווען בערקע האָט זיך נאָכאַמאָל צעשריען, אַז די מאַשינעס מאַכן אַנדערע קאַליע און אַז ער מוז זיי פאַרריכטן, די מעסערס מוז ער שאַרפן. דערזען זלאַטקינען, האָבן זיך עטלעכע מיטאַמאָל צעשריען:

— און ער, זלאַטקין, פאַרוואָס קאָן ער? פאַרוואָס ווערט ביי אים ניט צעבראָכן? ווער שאַרפט אים די מעסערס? ער אַרבעט דאָך דעם דריטן טאָג איינגאַנצן!

— וואָס איז דער וואונדער? — האָט זלאַטקין אַ זאָג געטאָן, — אַז מען אַרבעט ניט! מען זיצט גאַנצע שעהן ביים רויך און מען אַגיטירט, מען זאָל אַנטלויפן פון דער קאָמונע. קיינער אַרבעט ניט. די גאַנצע בריגאַדע טויג ניט.

— אָט מערזאַוועצעס!

— סאַבאָטאַזשניקעס!

— אַרויסטרייבן פון קאָמונע!

— איבערגעבן צום געריכט!

דער ברעג האָט זיך צעשטורעמט. די וואָלקנס איבער די קעפּ זיינען אָנגעקראָכן טונקעלע, בייזע און האָבן נאָך מער צערייצט די געמיטער פון די קאָמונאַרן.

ווי פון זיך אַליין איז אַ פאַרזאַמלונג אויסגעוואַקסן. די קעסלען עסן זיינען געווען פאַרטיק, און זעלדע איז געשטאַנען און אויפגעהאַלטן דאָס פייער. פריד האָט ניט געקאָנט בשום־אופן איינזעצן דעם עולם, מען איז גע־שטאַנען און אויסגעהערט דעם צוזאַמענשטעל פון דער נייער בריגאַדע.

— אַלס בריגאַדיר ווערט באַשטימט זלאַטקין!

— ריכטיק! — האָט חברה אויסגעשריען.

— ער איז אַ יאַט!

— אַן אמתער קאָמונאַר, אַן עכטער בירא־בידזשאַנער!

צווישן די ביַיע אין דער בריגאַדע האָבן זיך געפונען פּיווקע און מאיר רובין. זיי האָבן זיך געדריקט די הענט:

— איצט גייט גאָר אַ נייער געווער, הא, פּיווקע?

פּיווקע האָט ניט געהאָט וואָס צו זאָגן קעגן דעם. ער איז שטענדיג גרייט מיט עמעצן זיך צו פאַרמעסטן.

אין דער שטיל האָט נאָך געברויזט, און ס'איז שווער געווען די געמי־טער די צערייצטע צו באַרואיקן.

בערקע האָט זיך פאַרקליבן אין אַ זייט און געשפּיגן אויפן אָמור.

די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אַ טונקעלע און אַ שווערע.

## 6

די מאַשינעס האָבן גערוישט לעבעדיקער. די באַנייטע בריגאַדע איז געווען אַ פעסטע. נאָך אַ פּאָר טעג אָפּאַרבעטן האָבן זיך שטיקער פונעם אינדזל גאָר פיין אַרומגעגאָלט, און אויף העקטאַרן לאַנג האָבן זיך אויסגע־לייגט וואַלן היי. און סטויגן זיינען אויך געוואַקסן. די וואָלקנדלעך זיינען צערונען. האָט מען געיאָגט נאָך שטאַרקער. איצט האָבן אויך די מאַשינעס געיאָגט.

— קיין אָפּגעשניטענע וואַלן היי טאָר מען ניט לאָזן ליגן. קוים פאַלט אַרויס אַ רעגן, — זאָגט ריווקין, — ווערט עס צעפּטרט. ס'וועט אויסקומען אויף אַ טאָג־צוויי אָפּצושטעלן די מאַשינעס און אַלע הענט אַריבערוואַרפן צום אויפקלייבן.

דערווייל רוישן די מאַשינעס לעבעדיקער אויפן אײַנדזל. רובין שײַנט. זײַן מאַשין גייט גוט.

— אַ מאַשין איז גאָר עפּעס אַנדערש, — זאָגט ער צו פּיוּוקען, ווען יענער קאָן זיך קיין עצה ניט געבן מיטן אָנשטעלן די מעסערס אַזוי, אַז ס'זאָלן ניט בלײַבן קיין האַלבע גראָזן ניט קיין אָפּגעשניטענע.

ער כעסט זיך, פּיוּוקע, און טרײַבט די פערד נאָך רובינען, וואָס איז שוין העט אַוועק צו די בערג.

— העי! — שרײַט פּיוּוקע. — צו די בערג קריך ניט, דאָרט שטייט אַ קיטייעץ מיט אַ צאָפּ! . . .

ער קאָן ניט נאָכציען נאָך רובינען, פּיוּוקע.

— האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט בײַ מאַשינעס? — פרעגט ער רובינען.

— געאַרבעט, אָבער בײַ גאָר אַנדערע מאַשינעס; און אַז דו קאָנסט בײַ איין מאַשין, איז דיר גרינגער בײַ אַ צווייטער. — ער שמייכלט אים איצט אין די אויגן אַרײַן, רובין, מיט אַ מינע פון אַ זיגער. — ס'איז אויך־מיר־אַ־מאַשין! — זאָגט ער, — גיב אַהער אַ מאַשין מיט אַ מאָטאָרל, מיט רעדעלעך, מיט שרײַפעלעך, אַ מאַשין מיט אַ מעכאַניזם, אָט דעמאָלט וועסטו זען!

ער איז שטאַרק צופרידן, רובין, עס טוט אים גאָר גרויס הנאה. עס געפעלט אים דאָס זיצן אויף דער שנייד־מאַשין און אָפּלייגן די העקטאַרן היי.

— אָט מייסטערס, — זאָגט פּיוּוקע, וואָס פאַרט פון הינטן, — בײַ מאַשינען זײַנען זיי קנאַקערס. העי! — שרײַט ער צו רובינען, — העי! מיינסטו, אַז אונדזערע יאַטן קאָנען ניט אויף קיין מאַשינעס?

— כ'ווייס, אַז זיי קאָנען, אָבער דו קאָנסט נאָך ניט, דו דאַרפסט זיך לערנען אויף מאַשינעס, דו מוזט זיך לערנען אויף מאַשינעס אַרבעטן.

— איך קאָן ניט? פאַרדריפּעטער פאַרשוין! — שרײַט שוין פּיוּוקע אײַנגאַנצן אַ צערייצטער. ער גיט אַ טרײַב די פערד, די בײַטש צעקנאַלט זיך און ער לויפט נאָך רובינען.

— העי! פּיוּוקע! — שרײַט זלאַטקין דער בריגאַדיר, — לאָז אַראָפּ די מעסערס, לאָז ניט איבער קיין האַלבע גראָזן!

שטעלט ער אָפּ די מאַשין, פּיוּוקע, קריכט אַראָפּ פון זיץ און, אַ דריק טועבדיק אויפן שאָטן, זאָגט ער צו זיך אַליין:

— אויף מאַשינעס וועל איך זיך אויך אויסלערנען, נישקשה! מיט אַ מאָטאָרל, מיט רעדעלעך, מיט אַ מעכאַניזם, — רעדט ער נאָך רובינס רייד, און עס צעקנאַלט די לופט מיט דער בײַטש: — וויאָ, לאָשעקעס, וויאָ!

די בערג הילן זיך שוין אַ פּאָר טעג אין גרויע נעפּלען — אַן אָנזאָג

אויף רעגנס. די לופט איז שטיקנד, שווער און הייס. די גראָזן חלשן, בייגן זיך שלאַבעריק צו דער ערד. און פון די סטויגן־שטעלער ריננט דער שוויס. נאָך אַ באַוויז איז דאָ, אַז עס האַלט פאַר אַ רעגן — די קאָמאַרעס זיינען ווילד געוואָרן און מאָקרעץ איז אַנגעקומען — קליינע, פיטשינקע פליגע־לעך, קוים מערקבאַרע חיהלעך, וואָס קריכן אין די פילבאַרסטע ערטער פון לייב און בריען ביז האַרץ־פאַרקלעמעניש.

פון די נייע, וואָס קומען צו הילף, הערט מען קרעכצן:

— ס׳בייסט! . . .

זיי אַרבעטן מיט צעביסענע פנימער ווי אין פאָקן, די אויגן זיינען זיי רויט און פאַרלאָפן.

אַנדערע קלאָגן זיך:

— איז עס, זעט אויס, ניט קיין ליגן, וואָס מען האָט גערעדט וועגן די קאָמאַרעס.

ריוווקין טרייסט זיי:

— ס׳איז נאָר פון אָנהייב שווער. איר וועט זיך צוגעוואוינען, די הויט וועט פאַרהאַרטעוועט ווערן, וועט איר זיך אויסלאַכן פון זיי.

אַזוי רעדט מען זיך דורך אין די מינוטן, ווען מען כאַפּט אַ רייכער. איצט שטעלן שוין קאָפּנעס אַלע, אויסער די סטויגן־שטעלער. די שנייד־מאַשינעס האָבן אויסגעלייגט דעם אינדזל מיט וואַלן היי. אַרבעט מען אָנגע־שטרענגט ביים אויפשאַרן און ביים אויפשטעלן דאָס היי אין סטויגן. פּיזוקע מיט די געזונטע הענט שטעלט סטויגן, און רובין מיט גרוניען — קאָפּנעס. זיי אַרבעטן שותפות, שמייכלען צואַנאַנדער, און די קאָפּנעס וואַקסן ביי זיי אומבאַמערקט.

— מיט דיר איז גוט צו אַרבעטן שותפות, — זאָגט גרוניע.

— גוט, מיר קאָנען שליסן אַן אָפּמאַך.

— דו ווילסט ביי מיר אויך געווינען? — פרעגט זי און שמייכלט.

— דו ווילסט דען, אַז איך זאָל ביי דיר ניט געווינען?

שווייגן זיי. אַרבעטן נאָך גיכער און זיינען צופרידן.

איבער דעם גאַר גרויסן אינדזל וואַקסן אַן בערגלעך מיט וואונדערלע־כער גיכקייט, די פערד שלעפּן זיי צוזאַמען, און עס וואַקסן אויס גרויסע סטויגן־בערג.

די אַרבעט גייט הייס, פיבערדיק, מען אַרבעט מיט היץ און מען קוקט מיט חשד אויף די וואָלקנס, וואָס הילן די בערג ווי אין גרויע ליילעכער.

היינט איז מען פון דער אַרבעט געגאַנגען אַן געזאַנג. די שטימונג איז געווען אַ שווערע און האָט געפּרעסט דאָס געמיט, ווי די וואָלקנס — די

בערג. הונדערטער קאָפּנעס און צענדליקער העקטאַרן היי ליגן אָפּגעשניטע־נע צום אויפקלייבן. און די בערג שטייען אָנגעכמורעטע. דער הימל איז גע־פּאַנצערט מיט שווערע וואָלקנס, וואָס ווערן פון שעה צו שעה געדיכטער און פינצטערער. ס׳איז אומעטיקלעך ביים ברעג. מען עסט וועטשערע שווייגנ־דיק. ריווקין גייט אַרום ביי די פערד, וואָס שטעלן אָן די אויערן צו די בערג, פונוואַנען ס׳טראָגט זיך אַ קראַכן, ווי שווערע שטיינער וואָלטן זיך גיך אי־בער פעלדזן געקוילערט.

— ביינאַכט וועט רעגענען, — זאָגט ריווקין טרויעריק, און פון זיינע ווערטער ווערט פינצטערער ביים ברעג.

דער אַמור שפּילט מיט ווייסע בלעזעלעך און טונקלט זיך אין מוטנער שיין.

שלאָפן גייט מען שווייגנדיקע, מיט שווערע געמיטער, ווי ערב אַ ניט־גוטער דערוואַרטונג.

ביינאַכט האָט אַ שלאַקסרעגן אַ גאָס געטאָן. פון די קאָמאַרניקעס איז מען געלאָפן ווי אונטערגעשאָסענע. מען האָט זיך געשפּאַרט אין די ביידלעך אַריין, געצויגן די קאָלדרעס איבער די קעפּ און שווער איינגעשלאָפן.

צו דער אַרבעט איז מען ניט אויפגעשטאַנען, אינדערפרי האָט מען ניט געוועקט. ניט געשלאָפן זיינען בלויז די בריגאַדירן. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ביים ברעג אונטערן גוסרעגן. די בערג האָבן זיך פאַרטראָגן ערגעץ־וואו צום וייטן גרויען האָריזאָנט. דער הימל איבערן אַמור האָט זיך געשפּרייט אַ גע־שוואָלענער און אַ טריבער. דער טייך האָט געשטורעמט און געבלעזלט מיט ווייסע שוים־קעפּלעך אונטערן שלאַקסרעגן.

ס׳האָט געפּלייצט אויפן אינדזל. דער רעגן האָט געגאָסן מיט ווילדער קראַפט. די בריגאַדירן זיינען אַרומגעגאַנגען שווייגנדיקע; זיי האָבן זיך צו־געקוקט צום גוסרעגן, וואָס וואַשט די פעלדער. די פערד זיינען געשטאַנען נאַסע אונטער די רעגן־בייטשן און האָבן געקוקט מיט אומעטיקע אויגן.

— אָט, די פערד וויקן זיך, — האָט ריווקין אַ זאָג געטאָן, — פון אַ שאַלאַש האָט מען גערעדט. זיך האָט מען באַזאָרגט, פאַרהיט, און די פערד האָט מען פאַרגעסן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף בערקען, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אָן אויסגעשלאָפענער און געגומען אויסשעפּן דאָס וואַסער פון שיפל. ער האָט זיך געגרייט, בערקע, אַריבערצופאַרן צום ווייבל קיין אָרלאָווקע, פאַרברענ־גען די רעגן־צייט.

ריווקין האָט זיך דורכגערעדט מיט פרידן, און באַלד האָט זיך דער־הערט אַ געקלאַנג פון שטאָל, וואָס האָט עפּעס מאָדנע אומגעריכט אָפּגעקלונ־

געגן איצט, אין רעגן־גוס.

די קאָמונאַרן האָבן געהויבן די קעפּ פון די קאָלדרעס און געבלאָנד־זשעט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, מען האָט זיך איינגעהערט צום דרויסן, אפשר האָט אויפגעהערט דער רעגן. נאָר ניין, ס׳גיסט. וואָס־זשע קלינגט מען? — גיט אַ בליץ אַ פראַגע ביי יעדן איינעם אינעם האַלב־פאַרשלאָפענעם מוח.

— ווער קלאַפּט דאָרט?

— וואָס פאַר אַ קלאַפּעריי?

— לאָזט שלאָפן!

— ווער פּראָווועט דאָרט פּוילע שטיק?

— ס׳רעגנט דאָך!

געשרייען מיט קללות האָבן זיך געריסן פון דיביידלעך. אַלס ענט־פער האָט זיך דאָס קלינגען פאַרשטאַרקט, און ריווקינס קול האָט געקלונגען נאָך הילכיקער.

— אויפשטיין! פאַר זיך האָט מען געמאַכט ביידלעך, און פאַר די פערד אַ שאַלאַש האָט מען פאַרגעסן . . . די פערד שטייען אונטערן רעגן, די מאַ־שינעס זשאַווערן אין דער נעץ. אויפגעשטאַנען! אַ שאַלאַש מוז מען שוין מאַכן!

אין די ביידלעך איז אויף אַ רגע געוואָרן שטיל. דורך די געדאַנקען האָט זיך עפּעס דורכגעמישט, אַז מען האָט שוין טאַקע געהאַט גערעדט וועגן די פערד, וועגן אַ שאַלאַש . . . נאָר איצט גאָר, אין אַזאַ גוסרעגן? און שלאָפן ווילט זיך אַזוי שטאַרק . . .

— ס׳רעגנט דאָך! — שרייט מען אַרויס פון די ביידלעך.

— נו, טאַקע, ווייל ס׳רעגנט, — ענטפערט מען פון דרויסן.

— איז וואָס־זשע, וועט מען דען קאָנען אין רעגן?!

— סט׳ניט צעגיין!

— און די פערד וועלן צעגיין?

— איך אַרבעט ניט אין רעגן! — שרייט אויס דער אַלטער ברייטער.

— סט׳שוין געהערט? אין רעגן זאָל מען אַרבעטן, אויף אַ פאַסטרויקע אַר־בעט מען אין רעגן? איך גיי ניט! — ער האָט זיך איבערגעדעקט איבערן קאָפּ און זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט.

אין די ביידלעך האָט זיך אָנגעהויבן רוהערן.

— אַז גיין, זאָלן אַלע גיין.

— וואָס הייסט עפּעס, ער גייט ניט?

— ער איז ניט קיין קאָמונאַר? ס׳ניט זיינע פערד?

אין אַ ווילדן כעס איז אַריינגעפאַלן מאַן. ער איז שוין געשטאַנען מיט די שלייקעס אויף די אַקסלען.

— וואָס הייסט דו גייסט ניט, ס׳דאַך דייןווירטשאַפט, דיין פאַרמעגן, די פערד!

ער האָט פון אים אַ ריס געטאָן די קאָלדרע און האָט זיך צעשריען מיט אַזאַ מין קול, אַז מען האָט זיך גענומען צונויפלויפן פון אַלעביידלעך, און מאַן, ווי ער וואָלט איצט געפּאַקט די געלעגנהייט אויסצולאָדן עפּעס אַן אַנגעזאַמלטן כעס, האָט דעם אַלטן אַ זעץ געטאָן אין די ציין.

דאָס ביידל איז פול געוואָרן מיט געשרייען. דער אַלטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מאַנען מיט אַ ווילד ברומען, און זיי האָבן זיך ביידע אַ וואַלגער געטאָן אין נאַסן היי.

— וואָס פאַר אַ שלאָגן זיך!

— דערלאַנג אים, דעם אַלטן!

— אָט אַזוי, גיב אים, דעם „אַמעריקאַנעץ”!

ס׳האָבן זיך אַ וויקל געטאָן הענט אַרום זייער קנויל. מ׳האָט זיי צענומען, און זיי זיינען געבליבן שטיין ווי צוויי צערייצטע הענער.

— דו, ממזר, שלאָגן ווילסטו?

— ס׳ט גיין אַרבעטן, ספּעקולאַנט?!

— דו ווילסט שלאָגן אַ סאָוועטישן בירגער? ווער ביסטו דאָס?

— געקומען צום גרייטן, דו!

— דו האָסט עס אַלץ צוגעגרייט, אַלטער, אַן אַרבעטער ביסטו!

— האָסט אַ סך געסטראַדאַיעט, „אַמעריקאַנעץ!”, נעמסט זיך אָן פאַר די פערד, פאַר די מענטשן נעם זיך אָן. חזיר דו!

איבערן ביידל האָט געזעצט דער רעגן, ווי מען וואָלט איבער דעם שטיינער געוואָרפן. די קאָמונאַרן זיינען גרייט געווען צו דער אַרבעט. מען האָט זיך אָנגעטאָן אין רעגן־מאַנטלען. ווער ס׳האָט ניט געהאַט קיין רעגן־מאַנטל, איז אַרויס כמעט הויל, אין די „טרוסיקעס”.

אין ביידל איז געבליבן דער אַלטער ברייטער מיט אַ פול מויל קללות. מאַנען האָט פריד געוואָרנט, אַז פאַר כאַפּן זיך שלאָגן וועט דער חברישער געריכט אים משפּטן, אַזוי ווי מען משפּט ברייטערן פאַר ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט.

דרויסן האָט געפּלייצט דער רעגן. די בערג זיינען פאַרשוואונדן, די וואָלקנס האָבן זיי פאַרהילט מיט געדיכטע טונקעלע געוועבן. דער אַמור שטורעמט, בערגלעך מיט ווייסע קעפּלעך וואַקסן אויף און גייען אונטער. קיין פישער־שיפלעך זעט מען ניט. אין אַזאַ וועטער איז ניט גאָר באַקוועם

צו שיפּן זיך אויפן אַמור. בערקע האָט מיט ווֶעסלעס אָפּגעשטופּט דאָס שיפל פון ברעג, אַ צי געטאָן זיך איבערן אַמור, און דערפילנדיק אַ ציטער אונטערן האַרצן, האָט ער דאָס שיפל צוריק צום ברעג צוגעבונדן און איז אַוועק העלפן מאַכן דעם שאַלאַש.

מען שפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס און מען שלעפּט ביימער, צווייגן, מען גראָבט גריבער, וואָס פילן זיך גיך אָן מיט וואַסער, און די העק האַקן מיט טעמפּע קלעפּ און שפּריצן אין פּנים אַריין. די אַרבעט גייט שווער. די העק גליטשן זיך פון די הענט אַרויס. דער רעגן שלאָגט איבער די לייבער, פון וועלכע עס זעצט אַ פּאַרע. מען איילט, מען יאָגט. די פערד שטייען מיט אומעטיקע בליקן, און ס׳רינט פון זיי, ווי מען וואָלט איבער זיי אָן אויפהער געגאָסן עמערס וואַסער.

די רעגן־מאַנטלען זיינען שוין ביי אַ סך דורכגענעצט געוואָרן, זיי שטערן אין דער אַרבעט, שלעפּן זיך נאָך און זיינען צוגעפּאַלן צו די לייבער ווי נאַסע שמאַטעס. וואַרפט מען זיי אַראָפּ צוזאַמען מיטן אָנטאָן און מען בלייבט כמעט נאַקעט. איצט באַוועגן זיך די הענט גרינגער. ס׳איז בעסער צו קריכן אויף די אַריינגעזעצטע דרענגער און פאַרלייגן דעם דאַך. רייט מען אויף די דרענגער, און טעמפּע, גיכע קלעפּ הילכן אָפּ אין רעגנדיקן אַרום.

דער שאַלאַש וואַקסט, מען אַרבעט אָנגעשטרענגט. שווייגנדיק. גרוניע האָט זיך איינגעשפּאַנט אין צוויי לאַנגע צווייגן, וואָס זיינען פאַרלייגט ביי איר אונטער די אָרעמס, ווי האָלאָבליעס, און זי שפּאַנט אַ נאַסע, די הויזן זיינען צוגעקלעפּט צו אירע פיס, און דאָס העמדל אויפן לייב צייכנט בולט די יונגע שטייפע בריסט און איר גלייכע, שטאַרקע פּלייצע.

אויף אַ דראַנג, רייטנדיק, מיט טשוועקעס אין מויל זיצט מאיר רובין.

— דערלאַנג! — שרייט ער פריילעך אַראָפּ צו גרוניען, און די פייכטע בליקן זייערע באַגעגענען זיך, און זיי שמייכלען. ער כאַפּט זיך, אַז ווען ער דערזעט גרוניען, קלאַפּן זיך אים גיכער און פריילעכער די טשוועקעס אין די באַלקנס אַריין. דערפון ווערט אים נאָך פריילעכער, און ער פאַרציט עפּעס אַ געשמאַק און מונטער לידל. מיט דער ליד גייט די אַרבעט נאָך גיכער.

ריווקין מיט פּיווקען קוקן זיך איבער און ווייזן אָן אויף רובינען.

— ער ווערט אַ נאַש־בראַש, דער יאַט, — זאָגט פּיווקע.

ריווקין ענטפערט ניט. עפּעס האָט ער זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף גרוניען, ווי לייכט זי שלעפּט די צווייגן צום שאַלאַש; אויף רובינען, ווי פריילעך ער האַקט די טשוועקעס אין די באַלקנס.

די לעצטע קלעפּ הילכן אָפּ אין רעגן.

— באַלד, באַלד! — שרייט פּיווקע, אַראָפּטאַנצנדיק פון דאַך און

קלאַפּנדיק סאָקאָלן איבערן האַלדז.

— באַלד, באַלד וועט איר האָבן אַ דירה, פּערדעלעך. וואָס איז, — קוקט ער סאָקאָלן אין די אויגן אַריין, — וואָס איז, פּערד זיינען דען קיין מענטשן ניט. — און די פערד פאַררייסן די קעפּ, קוקן, ווי נאַסע, נאַקעטע לייבער פּאָרען זיך אונטערן גוסרעגן ביי די ברעגן פון אַמור, און עס דאַכט זיך, אַז די פערד פאַרשטייען די מענטשלעכע אַרבעט און זיינען דאַנקבאַר פאַרן שאַלאַש, וואו זיי וועלן זיך קאָנען באַלד אַ טריקן טאָן.

דאָס מאָטאָר־שיפל פון דער גרענעץ־וואַך שניידט, ווי פריער, צוויי מאָל אין טאָג דעם אַמור. אין גוסרעגן לויפט עס דורך ווי דורך אַ נעפּל, צע־שניידט דעם אַמור אויף צוויי פּאַסן, וואָס וואַרפן זיך דערנאָך אַ לאַנגע צייט צו די ברעגן, לאָזט איבער אַ הענגענדיקע קלאַפּעריי אין דער לופט און פאַר־שווינדט.

שוין דעם צווייטן טאָג, אַז סע גיסט דער רעגן. אַ סך טייכלעך רוישן אויפן אינדזל, און די העקטאַרן אָפּגעשניטן היי ווייקט זיך אין וואַסער. זלאַטקין גייט אַרום אַ פאַרוויטעקטער:

— אַזויפיל היי, אַזויפיל אַרבעט!

אַ סך קאָמונאַרן האָבן זיך פאַרוויקלט אין קאָלדרעס, אין וואַטענע לייבלעך און זיי שלאָפן זיך אויס פאַר אַלע ניט־דערשלאָפענע נעכט. ווען איינער כאַפּט זיך אויף, שטעלט ער אָן דעם אויער צום דרויסן, גיט אַ זיפץ, אַזאַ מין נאָסן, פייכטן זיפץ, און שלאָפט ווידער איין. גרוניע מיט רובינען האָבן זיך גאָר אויסגעבעט אַ שותּפותן געלעגער, ליגן אין אַ ווינקל און שעפּטשען.

— ווי ווערט עס זיי גאָר ניט נמאס, — דרייט זיך דער אַלטער ברייטער און קאָן ניט איינשלאָפן, — רק מע סודעט זיך.

זיי ענטפערן אויף זיינע רייד מיט אַ שותּפות געלעכטערל, אַ פאַר־שטיקטס.

דאָס מאָטאָר־שיפל שניידט דעם אַמור, און פון די ביידלעך פאָלגט מען נאָך דאָס גיכע קלאַפּן פונם מאָטאָר. אינדערפרי האָט עס געשניטן דעם אַמור אַראָפּ־וואַסער, פאַרנאַכט לויפט עס צוריק צו דער גרענעץ. אין די ביידלעך איז מען שוין אויף. דעם טאָג איז מען אָפּגעשלאָפן. איצט ליגט מען און מען הערט זיך צו צום קלאַפּן פונם מאָטאָר. דאָס קלאַפּן שטייגט, וואַקסט אָן, פאַלט און פאַרשווינדט.

פאַרנאַכט, אויפן צווייטן טאָג רעגן, ווען ביי די ביידלעך האָט זיך דער־הערט דער באַקאַנטער רויש פונם מאָטאָר־שיפל, האָבן זיך די קעפּ ביי אַלע גלייך אויפגעהויבן. דאָס קלאַפּן פון מאָטאָר האָט זיך היינט געהערט אַנדערש

ווי יעדעס מאָל. די קלעפּ זיינען ניט געפאַלן, ניט געלאָשן זיך, — זיי האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן און דערנעענטערן זיך. די פערד האָבן זיך צע־הירזשעט.

— זיי פאָרן צום ברעג! — האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן.

— כאַפּ אַ בליק!

— וואַרט!

— יאָ.

— צו די פערד! — האָט ריווקין אַ געשריי געטאָן.

די פערד האָבן געריסן די ציימלעך און שיעור דעם שאַלאַש ניט צע־טראָגן.

דאָס שיפל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ברעג.

— זדראַוואָ, רעביאַטאַ!

— זדראַוואָ!

דריי מענטשן אין גרינע היטלען, באַפּוצטע מיט רויטע שטערנס זיי־נען אַרויס אויפן ברעג. פון די ביידלעך זיינען אַלע אַרויסגעקראָכן. דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן. די דריי מענטשן האָט מען אַריינגענומען אין אַ קרייז, אויף אַלעמענס פּנימער איז געלעגן די זעלבע פראַגע: „וואָס אַזוינס האָט זיי אַהער געבראַכט אין אַזאַ רעגן?"

זיי פרעגן: ווי מען פילט אויס דעם פּלאַן, צי זיינען אַלע אַרומגעכאַפּט מיט סאָצגעוועט, וויפל זיינען פאַראַן שלאָגלער און וואָס פאַר אַ קולטור־אַר־בעט זיי פירן דאָ אויפן אַמור.

— קולטור־אַרבעט? אין אַזוינע באַדינגונגען?

יאָ, זיי פרעגן אויף דער וואַנטצייטונג, די וואַנטצייטונג ווילן זיי זען.

איצט גייען זיי אַרום, די דריי מענטשן, באַקוקן די ביידלעך.

— פאַרוואָס זיינען די געלעגערס אַזוי נידעריק ביי דער ערד?—פרעגן זיי.

זיי באַקוקן די פערד, די מאַשינעס. זיי פרעגן, פאַרוואָס זיינען די מאַ־שינעס ניט צוגעדעקט מיט קיין ברעזענט. זיי שטעלן זיך אָפּ ביי אַ קעסטל טשוועקעס. ריווקינען, וואָס האָט זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַלס בריגאַדיר, מאַכן זיי אַ זייער איידעלע באַמערקונג, אַז טשוועקעס האָבן אַ טבע צו זשאַ־ווערן אונטערן רעגן.

כאַפּט ער גיך דאָס קעסטל טשוועקעס און טראָגט עס אַוועק צו זיך אין ביידל אַריין.

אַלע זיינען זייער איבערראַשט פון די געסט. אַ לאַנגע צייט ציען זיך די געשפרעכן אין די ביידלעך, דער חידוש איז זייער גרויס דערפון, וואָס אַזוי־

נע מענטשן, וועלכע היטן די גרענעץ, האָבן צו טאָן מיט טשוועקעס . . . מיט סאַצגעוועט . . . מיט קולטור־אַרבעט . . .

— אָך און ווי וואָלט אונדז געווען, ווען זיי טרעפן די מאַשינעס מיט די פערד אונטערן אָפענעם הימל, — זאָגט ריווקין, ווישנדיק די נאַסע טשווע־קעס מיט אַ שמאַטע, — אָט ביי וועמען מען מעג זיך לערנען . . .

די געסט האָבן געמאַכט אַן איינדרוק. יעדן איינעם ווילט זיך ריידן וועגן זיי, אַרויסזאָגן זיין מיינונג, דערציילן, וואָס ער ווייסט וועגן זיי און וועגן זייערע חברים. ריווקין, אַשטייגער, וואָס האָט לאַנג אַריינגעטראַכט אינעם נאַסן קעסטל טשוועקעס אַריין, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און פּאַסמאַקעוועט:

— אָט, אַזאַ ביסל פּערעסעלענצעס ווען מען שיקט אונדז אַריין, וואָלט מען געקאָנט עפּעס אויפטאָן!

— מיט זיי קאָן מען בויען אַ קאָמונע! — זאָגט זלאַטקין.

— אַ קאָמונע? אַ שטאָט אַ גאַנצע קאָן מען מיט זיי בויען!

— אַ גאַנצע וואָלט אַ נייע, ברודערקע, ניט נאָר אַ שטאָט! — גיט צו מאַן.

— אָט דאָס זיינען יאָטן! . . .

און עס גיט זיך אַ שאָט אַ בינטל מעשות וועגן העלדישע טשעקיסטן, וועגן זייערע מעשים, וועגן דער אויסערגעוויינלעכער וואַכזאַמקייט זייערער. די מעשות ציען זיך אַוועק ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין. מיט פאַרקלעפּ־טע אויגן הערט מען זיך צו. די פעדעמלעך רייסן זיך, מען קניפּט זיי צוריק צונויף, נאָר סוף־כל־סוף שלאָפט מען איין, דער רעגן קלאַפּט אין די בייד־לעך.

אונטערן רעגן באַפאַלן שלעכטע שטימונגען. פוילע געדאַנקען קריכן אין קאָפּ אַריין, ווי נאַסע ווערעם. פון אונטער די קאָלדרעס הערן זיך ברור־מערייען:

— וואָס וועט מען ליגן און פוילן?

— ס'ציט אין די ביינער די פייכטקייט.

— מיר דרייט שוין אַ פּוס.

— די פלייצע ברעכט.

אין קאָמונע וואָלט מען עפּעס געטאָן, אַרבעט פעלט דאָך ניט.

— ליגט מען אין דער בלאָטע און מען פוילט.

— מען דאַרף אַהיים פאָרן! — פאַרענדיקט דער אַלטער ברייטער מיט אַ געשריי.

— העי, איר! יידן פּערעסעלענצעס! — דערהערט זיך פייווקעס פּאַר־

דומפּענער געשריי פון אונטער דער וואָטאָווקע, — איר מיינט, ס׳איז גרינג?..
ס׳איז ניט גרינג צו בויען בירא־בידזשאַן. שוין פיר יאָר, אַז מיר אַרבעטן
דאָ. היינט איז גאָלד. איר האָט געזאָלט זיין אין אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר.
ס׳איז געווען שווערער, נאָר געקרעכצט האָט מען ניט.

— ס׳זיינען אַנדערע מענטשן געווען, — קרימט זיך בערקע, — מיט
אַזוינע־אָ יידן ווערסטו עפּעס מאַכן?

— מיט אַ וועלכע יידן? — פרעגט איבער פריד.

— אָט מיט אַזוינע־אָ יידן, אָ, — נעמט ער אַרום מיט די הענט אַלע
ביידלעך, וואָס שטייען דאָ אויסגעשטעלט ביים ברעג.

— פונדעסטוועגן האָבן די דאָזיקע יידן עפּעס אויפגעטאָן, — זאָגט
פריד גאַנץ רואיק, — ווען איר זייט געווען אַ קאָמונע פון אַ וועלכע פּופּצן
חברה, האָט איר געהאַט דריי קי מיט צוויי פערד, קיין חזירים האָט איר ניט
געהאַט, קיין טראַקטאָרן האָט איר ניט געהאַט, און איצט האָבן טאַקע די־אָ
יידן געשאַפן אַ גרויסע ווירטשאַפט, און זי וועט נאָך וואַקסן!

— אוי־וואַ! אַ גרויסע ווירטסאַפט, אָבער וואָס האָט דער קאָמונאַר פון
דעם? וואָס גרעסער ס׳ווערט די ווירטסאַפט, אַלץ ווינציקער באַקומט דער
קאָמונאַר.

— אמת.

— טאַקע, יאָ, פאַרוואָס?

— דער קאָמונאַר האָט היינט אַ קרענק, — האָבן אים אייניקע אונ־
טערגעהאַלטן. ביי בערקען האָבן די אייגעלעך געגלאַנצט.

— פריער האָט מען גוט אָפּגעגעסן. פריער האָט מען געהאַט אַ פּאָר
קערבלעך אין קעשענע, און איצט גריזע די מאַסינעס.

פון אונטער דער קאָלדרע האָט זיך באַוויזן ריווקין. אָן אויסזען האָט ער
געהאַט, ווי ער וואָלט אין כעס געווען, וואָס מען לאָזט אים ניט שלאָפן. נאָר
לאָזט מען ניט שלאָפן — האָט ער חשק נעמען אַ וואָרט.

— וואָס דרשנט עפּעס רב בערקע? — פרעגט ער, אַראָפּווישנדיק דעם
שלאָף פון פנים. — שלעכט דעם קאָמונאַר היינט, האַ? פריער איז געווען
בעסער, וואָס? יאָ. ווען ס׳איז פריער געווען גוט, און ווען ס׳איז איצט
ניט שלעכט, — זאָגט ער, קוקנדיק בערקען אין די אויגן אַריין. — פאַר
דיר, בערקע, פאַר אַזאַ „מענצל״, ווי דו, איז פריער געווען בעסער . . .
פריער, ווען ס׳איז געווען אַ געשעפטל מיט פּופּצן שותפים, איז דיר געווען
בעסער, האָסט געדאַרפט אַ הונדערטער, האָסטו גענומען, מען האָט ניט גע־
פרעגט, צי האָסטו פאַרדינט, צי קומט דיר געלט, מען האָט אַפילו אין קיין
בוך ניט פאַרשריבן. „נעמט אייך, קינדערלעך, געלט, וויפל איר ווילט, און

בויט בירא־בידזשאַן פאַר יידן . . . ” היינט איז עפּעס אַנדערש. פריער האָט מען אויסגעמאָלקן די בהמה און די מילך האָט מען אויסגעטרונקען, היינט דאַרף דער קאָפּ דאַרן, וואָס איז בעסער צו מאַכן, קעז צי פּוטער, היינט ביסטו פּונקט ווי אַ באַלעבאָס, וואָס בויט זיך אַ שטוב און פאַר דער מילך פון דער קו דאַרף ער צאָלן די אַרבעטער, דאַרף ער קויפן טשוועקעס, גלאָז, ער דאַרף ענדיקן די שטוב. נו, קאָן דען אַ באַלעבאָס איינפאַלן נעמען אויס־טרינקען די מילך אָדער נעמען דאָס געלט, וואָס ער האָט אָפּגעלייזט פאַר דער מילך, און קויפן זיך אַ פּאָר שטיוועלעך מיט אַ סקריפּ און קיין דאַך אי־בערן קאָפּ ניט האָבן? אָט אַזוינע באַלעבאַטים זייט איר פריער געווען. האָסט געזען? — ווייזט ער אים אויפן קעסטל טשוועקעס,—אַז דו וועסט זיך אַרומ־בויען, דעקן דעם דאַך, פאַרקיטעווען די שויבן, וועסטו שפּעטער ערשט אויסרעכענען, וויפל דאַרף מען פירן פאַר דער שטאָט, וויפל מעגסטו אויס־טרינקען מילך און וויפל מוזטו האָבן פאַר דער ווירטשאַפט. און שפּעטער, אַז דו וועסט גוט אַרבעטן, וועסטו זיך פאַרדינען אויף אַ פּאָר שטיוועלעך מיט אַ סקריפּ . . . היינט איז קיין צייט ניטאָ, ס'איז ערב יום־טוב, מען מוז די שטוב ענדיקן צום סאַמע יום־טוב.

ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אויסגעצויגענעם קין, וואָס האָט צו יעדן איינעם געטייטלט: „נו, וואָס וועסטו עפּעס זאָגן? און וואָס וועסטו עפּעס זאָגן? און דו? עפּעס פרעגן? אַ פראַגע?”

קיינער האָט גאָרניט געזאָגט, גאָרניט געפרעגט. ס'איז געווען שטיל. מען איז געלעגן אויף די געלעגערס און זיך איינגעהערט צום קלאַפּן פונעם רעגן אין ביידל. די שטילקייט האָט איבערגעריסן בערקע:

— קאָן זיין, אַז ס'איז גוט, קאָן זיין, אַז ס'איז בעסער, נאָר פאַר מיר איז דאָ סיים ניט קיין אָרט. איך קום פון היי־סניט, פאָר איך אַוועק אין סטאַט אַריין. געגוג געווען אין קאָמונע.

— פאַר דיר איז שוין אפשר פון לאַנג דאָ קיין אָרט ניט, — זאָגט ריוור־קין.

— אַרבעטן פאַר יענעם וויל איך ניט, אַז אַרבעטן — איז פאַר זיך.

— עפּן אַ קרעמל אויפן אַמור, — לאַכט פּייוקע, — ווי אַמאָל דיין טאַטע אין דער היים.

די קאָמונאַרן האָבן פאַר זיך געשמייכלט. דער רעגן האָט אַלץ געקלאַפּט אין ביידל.

דריי טעג האָט דער רעגן געגאָסן. אויפן דריטן טאָג, פאַרנאַכט־צו, האָבן די בערג אויפגעהויבן די קעפּ, די גרויע געוועבן זייער העלער געוואָרן און האָבן זיך, געשפּאָלטענע, ביסלעכווייז גענומען גליטשן אַראָפּ. דער רעגן

איז קלענער געוואָרן, דריבנע טראָפּנדלעך האָבן זיך דורכגעזיפּט. דער הימל האָט זיך געגנומען אויסליידיקן און לייטערן. דער אַמור האָט זיך גענומען באַרואיקן. די שוימיקע קעפּלעך אויפן וואַסער זיינען געוואָרן קלענער און זיינען צו ביסלעך פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך, און אַ ציטערנדיקע, געפאַלדעוועטע, פאַרשיידנקאָלירטע דעק האָט זיך אויפן טייך צעשפּרייט.

די ביידלעך האָבן זיך גערודערט. די קאָמונאַרן זיינען אַרויסגעקראָכן פון דאָרט צעקנייטשטע, ווי נאָך אַ לאַנגן שלאָף, אין אַנטועכץ.

דער הימל איז אויפגעגאַנגען אַ העלער. איבער די בערג איז געשטאַנען אַ רויטער פלעק פון אַן אָפּגעדעקטער פאַרגייענדיקער זון. די ברעגן פון אַמור האָבן זיך אויפגעכאַפּט.

— העי! — האָט זיך גרוניע צעשריען, — ס'לויטערן זיך די הימלען, ס'עפענען זיך די בערג. העי, יאַטן! נעמט די ווילעס, שאַרפט די קאָסעס, שפּאַנט די פערד! — האָט זי מיט איר הילכיקער שטים אַריינגעזונגען אין דעם זיך לייטערנדיקן פאַרנאַכט.

אויסגערוטע, מיט נייער קראַפט, זיינען די יונגען געשטאַנען ביים ברעג. מ'האָט געקוקט, ווי די ווייסע וואָלקנדלעך שוועבן אַרום אויף די בערג, ווי זיי צעגייען זיך ביסלעכוויז און די בערג באַווייזן זיך גרינע, לויטערע, אויסגעצוואָגענע. דאָס, וואָס די בערג זיינען לויטער, איז זייער גוט. דאָס איז אַ גוטער באַוויז: קיין רעגן וועט שוין מער אַזוי גיך ניט זיין. נאָר דער אַמור האָט זיך אויסגעברייטערט, ער האָט זיך אָנגעטרונקען איבער זאַט און איז אויפגעגאַנגען ווי אין געשווילעכץ. זיינע זייטן האָבן זיך אויך גאָר שטאַרק אויסגעברייטערט. די אַלטע קאָמונאַרן, די וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל געווען דאָ, קוקן אויפן אַמורס געשווילעכץ מיט קאָנטיקער שרעק. עס קומט אויפן געדאַנק דער אָנזאָג פון פאַרבייפאָרנדיקע פישער, אַז דער אַמור וועט זיך אויסגיסן נאָכן רעגן, אַז דער טייך סונגאַרי איז שוין אַרויס פון די ברעגן...

— ווער ווייסט, ווי לאַנג מ'עט נאָך דאָ קאָנען אַרבעטן, — האָט ריווקין טרויעריקלעך געזאָגט צו פרידן, קוקנדיק אויפן ברייטן פאַרנעם פון אַמור און אויף די פיל טייכלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויפן אינדזל גופא. — די יאַטן מאַכן שוין אַ פּאַניקע. ס'וואָלט ניט געשאַדט צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג און דורכריידן זיך. אין פאַל, אויב דער אַמור וועט זיך צעגיסן, זאָל מען קאָנען וואָס מער היי ראַטעווען.

— יאָ, — איז פריד מסכים, — מען דאַרף צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג. מען דאַרף אויך באַהאַנדלען דעם ענין מאַן—ברייטער. ס'זאָלן זיך מער אַזעלכע מעשים ניט איבערחזרן.

— דער מאַטעריאַל איז גרייט?

— אַלץ איז גרייט!

— טאָ רופֿט צונויף, — און אַליין איז ער, ריווקין, אַוועק אַ קוק טאָן צו די קאַפּנעס, זען, ווי טיף דער רעגן האָט זיי דורכגענעצט.

פֿריד האָט גענומען צוגרייטן די מאַטעריאַלן צום באַהאַנדלען.

גרוניע, אַ צעשטראַלטע, אַן אויסגעלייטערטע, האָט פֿריילעך געזשור־מעט ביים ברעג. זי האָט מיט אַ שטיק אייזן געהאַקט אינעם שטיק שטאָל, וואָס איז אויפֿגעהאַנגען אויף אַ דראָט, הילכיק געקלונגען, גערופֿן אויף דער פֿאַרזאַמלונג.

מען האָט זיך אויסגעזעצט ביים ברעג. די נאַכט האָט זיך אַנגעגליטשט מיט קילקייט און לויטערער פֿרישקייט.

דער חברישער געריכט האָט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן. אויף אַ קאַסטן, וואָס איז צוגעדעקט געווען מיט אַ רויט קאַפּטיכל, האָט מען אויסגעלייגט מאַטעריאַלן פֿון דער אויספֿאָרשונג און דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

שטורקאַצן האָבן אויפֿגעפֿלאַמט ביים ברעג, און מיט זייער שיין האָבן זיי אַריינגעבראַכט פֿייערלעכקייט אין דעם אַרום.

דער פֿאַרזיצער פֿון געריכט האָט אין אַ געהויבענעם טאָן איבערגע־לייענט דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די קאָמונאַרן מאַן און ברייטער. מאַן ווערט באַשולדיקט אין שלאָגן ברייטערן, און ברייטער — אין ניט וועלן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, ווען מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרהיטן פֿון רעגן די פֿערד מיט די מאַשינעס.

איינער נאָכן אַנדערן זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן די עדות, וואָס האָבן זיך אונטערגעשריבן, אַז אַלץ, וואָס זיי וועלן דערציילן, וועט זיין אמת. די באַשולדיקטע האָבן זיך אונטערגעשריבן אויסצופֿילן די שטראָפֿן, וואָס דער חברישער געריכט וועט אויף זיי אַרויפֿלייגן.

צווישן די עדות איז אויך געווען דער קליינער ברייטער. ער האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון צווישן די קאָמונאַרן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פֿאַרזיצער. דער קליינער האָט אַרומגעטאַנצט מיט זיין בליק איבער אַלע פּנימער.

די קאָמונאַרן האָבן געקוועטשט מיט די אַקסלען, געהויבן די קעפּ: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עדות? וואָס וועט ער דערציילן, דער קליינער?"

דער קליינער ברייטער איז געשטאַנען, געהאַלטן די הענט אין די קע־שענעס פֿון די קורצע הייזלעך, דאָס קעפּל האָט ער אויפֿגעהויבן הויך און שטאָלץ, און איידער מען האָט עפּעס געפֿרעגט ביי אים, האָט ער אַרויסגע־שאָסן:

— מיין טאַטע בענקט נאָך די אַלטע צייטן! ער איז אַ שלעכטער עלע־

מענט פאַר אַ קאַמונע! — דאָס יאַטל האָט זיך פאַרהאַקט. ער האָט געפילט, ווי אַלע קאַמונאַרן קוקן אויף אים שטאַרק פאַרחידושט און דאָס האָט אים געשטערט צו ריידן ווייטער. אָבער ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, דער קליי־נער, פאַרגעסן אָן די קאַמונאַרן און ווידראַמאַל אַרויסגעשאָסן:

— די קאַמאַרעס אין די קאַמאַרניקעס אַריין האָט ער אַנגעלאָזט! איך האָב אַליין געזען . . . איך האָב אים נאָכגעקוקט . . . — און ער איז גע־בליבן שטיין אַ צעטומלטער פון די אייגענע ווערטער.

קאַמונאַרן האָבן געריבן די אויגן, געהויבן די אַקסלען, ס׳איז געווען שטיל ביים ברעג. די שטורקאַצן האָבן געוואָרפן געלע פלעקן אויף די פּנימ־ער. דער קליינער האָט צעטומלט געשוויגן, נאָר דער אַמור, האָט זיך געדוכט, הילכט אָפּ, חזרט איבער דעם יאַטלס ווערטער.

דער אַלטער ברייטער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט. הייזעריקע קלאַנגען האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון זיין האַלדז:

— דו, ממזר, אַז . . . כ׳על דיר!

ער האָט געקריצט מיט די ציין, און דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פאַר בושה. ער האָט זיך היינט אויף אַלצדינג געריכט, נאָר ניט אויף אַזאַ זאַך. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ פויסט און איז זיך גרייט געווען אַ וואָרף טאָן אויפן קליינעם:

— כ׳על דיר די ביינער צעברעכן, ממזר! כ׳על דיר אַ טויט מאַכן! — האָט ער מיט די ציין געקריצט.

נאָר ער האָט דערזען אַרום זיך די אויפגעהויבענע קעפּ פון די קאַמו־נאַרן, און זיין פויסט איז שלאַבעריק געוואָרן. ער האָט בלויז באַוויזן מיט קלעמעניש אַ ברום טאָן אין זיך: „אַ שונא האָבן זיי מיר אויסגעכאַוועט, אָנ־געזאָפּט אים מיט זייער טריפהנער תורה״.

די קאַמונאַרן האָבן ערשט איצט געכאַפּט דעם באַדייט פונעם יאַטלס ווערטער. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. דער פאָרזיצער האָט געקלונגען אין שטאָל. דער קלאַנג האָט זיך געשיט אויף די קעפּ און איינגעשטילט דעם עולם.

אויפן אַמור האָט זיך אָנגערוקט אַ פּאַסאַזשיר־שיף מיט ליכט און גע־זאַנג. ווען די שיף איז אָנגעקומען אַנטקעגן די ביידלעך, אַנטקעגן דער פאַר־זאַמלונג, האָט דאָס זיך צעלייגט ביים ברעג פון אַמור. ס׳איז געווען אין דער מינוט, ווען דער „פּראָקוראָר״ האָט געהאַלטן זיין פייערלעכע באַשולדיקונגס־רעדע קעגן מאַנען, וואָס וויל מיט אַזעלכע אומקולטורעלע מיטלען, ווי שלאָגן, איבערדערציען אַן אַלטן, אָפּגעשטאַנענעם, אומקולטורעלן קאַמונאַר, און קע־גן ברייטערן, וואָס באַציט זיך שעדלעך און פאַרברעכעריש צו דער קאַמונע.

די פּאַסאַזשירן פון דער שיף האָבן אויסגעצויגן די קעפּ, אָנגעשטעלט די אויערן, געסטאַרעט זיך אויפכאַפּן יעדעס וואָרט, ווי לאַנג די שיף האָט זיך פּאַמעלעך געגליטשט איבערן רואיקן אַמור פאַרביי דער הייסער פאַר־זאַמלונג.

7

זיבעציק טויזנט פּוד — דאָס איז געווען דער פּלאַן. אַרום דעם דאָזיקן ציפער האָט זיך איצט אַלצדינג געדרייט. דער פּלאַן האָט געמוזט אויסגע־פילט ווערן. איז מען געגאַנגען אין וואַסער און מען האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס נאַסע היי צום טריקענען. מיטן אויספילן דעם פּלאַן האָט מען זיך גע־דאַרפט צואײַלן, באַזונדערס איצט, ווען די ידיעות וועגן אָנקום פון דער פאַרפלייצונג זײַנען שוין ניט געווען בלויז קלאַנגען, וואָס פאַרבײַפאָרנדיקע פישער האָבן פאַרשפּרייט: אין די אַרומיקע קאָרייִשע ישובים איז שוין גע־גאַנגען אַ גיכע פאַרהיטונג־אַרבעט. אַ סך פון די אײַנוואוינער האָבן שוין איבערגעטראָגן די געלעגערס פון די הײַזער אויף די בוידעמער אַרויף.

— עס קאָן אַ ליאַדע מינוט אַזאַ פּלייץ טאָן, אַז זאָלסט ניט באַווייזן די הויזן כאַפּן! שפּילט זיך ניט מיטן אַמור, קינדערלעך! איי איז דאָס אַ וואַסערל, איי אַ וואַסערל! — האָט געוואָרנט דער אַלטער פישער. — איך בין דאָ אויפן אַמור געבוירן געוואָרן, איך וועל שוין דאָ אויפן אַמור שטאַרבן. איך קאָן אָט דאָס קליין ביסל וואַסער . . . אין די פאַלדן דערקאָן איך, אַז ער וועט באַלד אָנהייבן שפּילן . . . אין די קנייטשן, זע איך, האַלט ער זײַן כעס פאַר־שטעקט . . . נעמט, קינדערלעך, פּאַקט באַצייטנס די פּעקלעך איין, שיקט אהיים, ס'קאָן דאָס וואַסערל אַ שפּיל טאָן, קינדערלעך . . . איי איז דאָס אַ וואַסערל, איי אַ וואַסערל! . . .

ווערט אומעטיק ביים ברעג. דאָס שטילע קאָרייִשע ניגונדל יאָגט אַ פּחד אָן. נאָר אַנטקעגן פּחד שטייט אַ ציפער, אַ פּלאַן, און עס דאַכט זיך, אַז דער ציפער באַפאַלט דעם פּחד, גייט מיט אים אַוועק אין אַ געראַנגל און רײַסט מיט אַלע קאָמונאַרן . . .

די קאָסעס שטייען שוין פון לאַנג, ווי סאָלדאַטן אויף דער וואַך, מיט די שאַרפן אויסגעשטעלט צום אַמור. איצט שטייען שוין די שנייד־מאַשינעס אויך. זיי האָבן אין די פּאָר שיינע זוניקע טעג, וואָס האָבן זיך געשטעלט נאָך די רעגנס, אַנגעוואַלגערט גענוג היי, האָט מען אַלע הענט איבערגעוואָרפן צו די סטויגן.

— נאָך אַכט גוטע, זוניקע אַרבעט־טעג, און מיר זיינען געראָטעוועט,
— זאָגט ריווקין, שטייענדיק אין דער הייך אויפן סטויג און אַרומנעמענדיק מיט זיין בליק אַלע סטויגן, וואָס וואַקסן אָן מיט איבערראַשנדיקער גיכקייט, און ער קוקט דאָך מיט פּחד אויפן ברייטן, אויפגעשוואָלענעם, אָנוואַקסנדיקן בויך פונעם אַמור.

בערקע, וואָס שטייט אויך אויפן סטויג און איז איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט אונטער ריווקינס אָנפירונג, קוקט אָפּט צום אַמור און זעט גאָרניט. ער פילט נאָר דעם פּחד, וואָס וואַקסט אין זיין האַרצן צוזאַמען מיטן וואַסער אויפן טייך. אויסהערנדיק ריווקינס טרוקענעם חשבון וועגן טעג, באַפאַלט אים אַ העלישער כעס. די באַקן צוקן פון פאַרדריקטער ציין־קריצעניש:

— דו וועסט אַטוועצייען.

— געוויס וועל איך אַטוועטשייען, ווער דען, דו?

— פאַר די מענטשן, פאַר די קרבנות וועסטו אַטוועצייען.

— וואָסערע קרבנות!? — ער פאַלט אויך אַריין אין כעס, ריווקין, נאָר ער באַהערשט זיך באַלד.

פון אונטן דערלאַנגט מען אַרויף די ווילעס היי צום פאַרענדיקן דעם סטויג. מער ווי זייביידע איז אויפן סטויג קיינער ניטאָ. אונטן הערט מען ניט זייערע רייד, ציט ריווקין יעדע ווילע אויס די לאַנגע הענט, כאַפּט דאָס היי פון דער ווילע אַראָפּ און כעסט זיך ווידער.

— קרבנות גאָר! ס׳באַלעבעסל האָט זיך דערשראָקן. דו! גיב ניט קיין נאַסע היי! — שרייט ער אַראָפּ פון סטויג. — ס׳איז מלחמה. אַלצאיינס ווי אַ אַ מלחמה. ס׳האָט נאָך אַפילו קיין שאָס ניט געטאָן, און ער האָט שוין אָנגעמעלאָכעט אין די הויזן.

— דו ביסט אַ סיסער! געקומען צום גרייטן.

— דיך פאַרבייטן, — ענטפערט ער קורץ און האַקט אָפּ.

בערקע פאַרבייסט אַ ליפּ, און דאָס פּנים ציטערט זיך אים אָן פון כעס. אין די נעכט קאָן ער שוין ניט שלאָפן. ער זיצט ביים ברעג און קוקט אויפן אַמור, וואָס פליסט שטאַרקער ווי שטענדיק. ער וואַרט אויף דער כוואַליע, וואָס דער אַמור דאַרף אַ שליידער טאָן אויפן ברעג, דאַן וועט ער שוין קאָנען כאַפּן אַ שיפל און אַנטלויפן. ער וואָלט שוין פון לאַנג אַנטלאָפן, ער וואָלט ניט געוואַרט אויף דער כוואַליע, וויל ער אָבער אַוועק ניט אַליין, ער וויל אַ שלעפּ טאָן מיט זיך אַ כאַפּטע אַלטע קאָמונאַרן . . . זאָלן זיי וויסן . . . זאָלן זיי רודערן דערנאָכדעם. אָן אַזוינע־אָ מענטשן . . . און די פאַרפלייצונג איז אַ גוטער מאָמענט דערצו. זאָל נאָר ריווקין טאָקע בלייבן פאַרעקשנט און ניט אָפּלאָזן דעם עולם, ביז דאָס וואַסער וועט אָנקומען . . .

און אַט האָט זיך דער אַמור אין איינעם אַ פאַרטאָג טאַקע אַ הייב געטאָן. דער אַמור האָט דאַן אויסגעזעזן, ווי מען זאָל אין אים ביינאַכט האָבן אַריינגע־גאָסן אַ ים וואַסער. ער איז ברייט אויסגעוואַקסן און האָט זיך באַדעקט מיט אַ שטורעמדיקער שוים. אַ פּחד האָט שוין איצט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. ס׳האָ־בען זיך דערהערט געשרייען. לויט ריווקינס חשבון איז נאָך געבליבן אַרבעט אויף זעקס טעג. און טעג זיינען דווקא געשטאַנען שיינע, זוניקע. דער הימל איז געווען לויטער, נאָר וואו־ניט־וואו האָבן נאָך איבער די בערג אַרומגע־שוועבט ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן פון צייט־צו־צייט אָנגענומען אַ דראָענדיקן אָראַנזשעווען קאָליר. געאַרבעט האָט מען איצט נאָך מער אָנגע־שטרענגט. מינוטן בלויז האָט מען אָפּגערוטביים פאַרציען מאַכאָרקע. מ׳האָט געשוויגן און געלויערט מיט אָנוואַקסנדיקער שרעק אין די אויגן. מ׳האָט געאַרבעט פון גאָר פרי ביז טיפער נאַכט. איין פאַרלאַנג איז ביי אַלעמען גע־ווען — ענדיקן וואָס פריער דעם פּלאַן, אַרויספירן די קאָמונע פון געפאַר און אַוועקפאָרן, איידער ס׳וועט אָנקומען די פאַרפלייצונג. אַז די פאַרפליי־צונג וועט אָנקומען — אין דעם האָט שוין איצט קיינער ניט געצווייפלט. דער פּחד פאַר דער נאָענטער פאַרפלייצונג האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען דאָס שיפל מיט ברויט האָט זיך אומגעקערט פון אַרלאָווקע און חברה האָט אָפּגעגעבן אַ גרוס, אַז לאָפּאַטין, דער אַלטער פישער, שלאָפט שוין אויך אויפן בוידעם און אַז אַלע איינוואוינער זיינען זייער אומרואיק, זיי זאָגן, אַז די פאַר־פלייצונג קומט גיך און וועט דאָס מאָל זיין זייער אַ שטאַרקע, און דאָס האָט דעם אַלטן ברייטער אין אַ פּאַניק אַריינגעשליידערט:

— מען דאַרף אָפּשיקן די מענטשן! אומקומען וועט מען דאָ! קאַטאַרזש־ניקעס זיינען מיר, צי וואָס!

ער איז אַ מטורפער אַרומגעלאָפן איבערן ברעג און געבראָכן די הענט. ער האָט געהאַט אַ ווילדן אויסזען, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שרעק.

בערקע איז פון דעם אַלטן ניט אָפּגעשטאַנען. ער האָט אויך געליאַרעמט:

— גענוג געלעגן אויפן אַמור! — מען דאַרף סיים אָפּסיקן די מענצן! ער וויל קרבנות ברענגען! — האָט ער אָנגעוויזן אויף ריווקינען.

ס׳איז געווען פאַרנאַכט. נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג. מען איז געזעסן ביי שיסלעך עסן און פויל געקייט. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבערן אַמור. דער טייך האָט בייז געטראָגן זיינע צעווילדעוועטע, שטורעמדיקע וואַסערן, ער האָט געשפּיט מיט ריזיקע שטיקער ווייסן שוים, וואָס דערציילן ניט פון קיין טריקעניש.

זאָגט פּיווקע שטיל צו רובינען (זיי זיינען לעצטנס געוואָרן גאָר גוטע־ברידער):

— דאָס באַווייזט, אַז אַרויף־וואַסער רייסט דער אַמור די ברעגן.

דער ווייסער שוים האָט אויפגעריסן ביי אַלעמען די מיילער. ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שרעקלעכער טומל. אַלע האָבן געשריען. יעדער איינער האָט געוואָלט אַלע איבעריקע איבערשרייען. און דעמאָלט האָט זיך ריווקין אויפגעשטעלט. ער האָט געקוקט אויף די טומלער און געוואַרט. אַלע האָבן געזען: ריווקין וויל עפּעס זאָגן. ער איז געשטאַנען און געדולדיק געוואַרט, ביז ס׳איז ביים ברעג געוואָרן שטיל. ס׳האָט זיך נאָר געהערט דעם אַמורס רעווען און דאָס אָפּגעהאַקטע, פוילע כראָמטשען פון די פערד. ריווקין האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, אַז אַלע קוקן אויף אים. ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואָס איז דער טומל? אַכט און דרייסיק סטויגן שטייען שוין אויפגעשטעלטע, נאָך צען — און מיר זיינען פאַרטיק מיטן פּלאַן . . . פאַרזיכערט מיט היי אויף אַ גאַנץ יאָר.

בערקע האָט דערפילט, אַז מען טאָר אים, ריווקינען, איצט ניט לאָזן ריידן. מען הערט אים, ריווקינען, און ער קאָן נאָך טאַקע איינריידן. האָט ער זיך הויך צעשריען:

— קרבנות וויל ער ברענגען! מענטשן פּטרן, נאָך צען סטויגן וויל ער אויפסטעלן, אַז מ׳קאָן דאָ איין נאַכט אויך ניט זיין מער, מען דאַרף סיים אָפּסיקן די מענטשן!

ריווקין איז איצט דווקא געווען רואיק.

— מ׳עט קיינעם ניט אָפּשיקן, קיין מענטשן וועט מען ניט פּטרן. צו קיין קרבנות וועט מען ניט דערלאָזן. שיפלעך שטייען גרייט. צו יעדער מינוט קאָן מען זיך אַריינזעצן אין זיי, און מען איז געראַטעוועט. ניטאָ וואָס צו בונטעווען! — ער האָט גערעדט שטיל, קלאָר און איבערצייגנדיק. נאָר דער אַלטער ברייטער, וואָס האָט די גאַנצע וועלט שרעק אויף איין מאָל אויסגעטרונקען, האָט זיך שיעור ניט צעוויינט:

— און אַז ס׳וועט זיין ביינאַכט, און אַז מ׳וועט פּונקט אין דער שעה שלאָפן? . . .

ריווקין האָט אַ שמייכל געטאָן. גרוניעס קולכל האָט זיך אַ ברעקל געטאָן און צעשאָטן זיך אין אַ הילכיקן געלעכטער. דאָס האָט ברייטערן נאָך מער צערייצט:

— איז זאָל דאָ בלייבן די מאָלאַדיאָזש! די סעמיינע זאָל מען אָפּשיקן אַהיים.

פּיווקע האָט געשוויגן. ער האָט בלויז קרום אַ קוק געטאָן אויף בערקען,

ביטולדיק אַ שמייכל געטאָן צו אים, אויסגעשפּיגן און אָפּגעקערט זיך. בער־קע האָט אַרומגעשפּאַנט ביים ברעג און געברענט.

ווען אַלע זיינען אַריינגעקראָכן אין די קאַמאַרניקעס, האָט זיך דאָס קעמערל אויסגעזעצט אין איינעם פון די שיפלעך, וואָס זיינען געשטאַנען צו־געבונדענע צום ברעג, און אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג.

דאָס שיפל האָט זיך געהוידעט אויפן וואַסער, און די מענטשן זיינען גע־זעסן פאַרטראַכט. עפּעס האָבן אַלע געשוויגן. ס'האָט אויסגעזען, ווי יעדער איינער זאָל וואַרטן, דער צווייטער זאָל אָנהייבן. פריד זיצט און קוקט אויפן אַמור, וואָס לויפט מיט רעש צו די כמורנע בערג, און שווייגט. ריווקין זיצט אויך פאַרטראַכט. ער איז ניט צופרידן מיט פרידס שווייגן. נאָר זיין בליק שטויסט זיך אָן מיט גרוניעס, און דאָס צערייסט די שטילקייט.

— נו, הייסט עס, איז עס אַזוי, יאָ . . . די פאַרפלייצונג רוקט זיך אונ־טער, און דעם פּלאַן מוזן מיר אויספילן. אַזאַ ווינטער, ווי דער פאַראַיאָריקער, טאָר זיך ניט איבערחזרן. פינף גוטע אַרבעט־טעג פון אַלע מענטשן אָדער אַכט אַרבעט־טעג פון אַ העלפט מענטשן, און דער פּלאַן איז אויסגעפילט.

— דאַרף מען, הייסט עס, אַ טייל אַהיים שיקן? — האָט זיך פריד אַ כאַפּ געטאָן.

— אומבאַדינגט, — האָט ריווקין געענטפערט, — נאָר . . . מען דאַרף עס טאָן אָרגאַניזירט.

— מען דאַרף באַהאַנדלען וועגן בערקען, — האָט זיך זלאַטקין אַ שטעל געטאָן און אויסגעגלייכט דעם דאַשעק.

— וואָס באַהאַנדלען? — פרעגט ריווקין רואיק.

— ער מאַכט פּאַניק! ער אַגיטירט, מען זאָל אַנטלויפן אַהיים.

— לאָז אָפּ, זלאַטקין! — האָט אים ריווקין איבערגעריסן, — קיינער וועט ניט לויפן. און וועגן בערקען וועלן מיר באַהאַנדלען, ווען מיר וועלן אַהיים קומען. די גאַנצע קאָמונע וועט וועגן אים באַשליסן.

— אַ פּאַדלע אַזאַ! — האָט זיך זלאַטקין געקילט מיט אַ „מאַמע", וואָס ער האָט אָפּגעשיקט אין דער זייט פון בערקעס קאַמאַרניק.

— הייסט עס, אַז די מענטשן וועלן מיר ווי־עס־איז באַזאָרגן, — האָט ריווקין ווייטער גערעדט, — די מאַשינעס קאָן מען אויך גוט פאַרזיכערן. אַז מען וועט זיי צובינדן צו אַ בוים, אָדער צו אַ סטויג, וועלן זיי אַזוי בלייבן שטיין. און די פערד? פופצן פערד . . . וועגן אָט דער „קלייניקייט" האָט קיי־נער ניט געטראַכט . . . יעדער איינער טראַכט נאָר ווי זיין אייגענעם הינטן צו ראַטעווען, און אָן דאָס איבעריקע פאַרגעסט מען.

— מען פאַרגעסט ניט. ס'איז נאָך ניט געווען ווען צו טראַכטן, — האָט

זיך אָנגערופן פריד, ווי פאַרענטפערנדיק זיך. — לאָמיר הערן, וואָס זאָגט גרוניע.

גרוניע מיינט, אַז דאָס קעמערל דאַרף באַשליסן, ווען מען אַהיים צו שיקן און וועמען ס׳זאָל בלייבן. קיין פּריווילעגיעס דאַרפן דאָ ניט זיין, ווייל בלייבן דאַרפן די שטאַרקסטע, די אויסגעהאַלטנסטע.

נאָר ריווקין דערווידערט.

— ווער ס׳וועט אויפהייבן אַ האַנט, דער וועט בלייבן אַרבעטן. יענע וועלן זיין די בעסטע און די שטאַרקסטע, וואָס וועלן פּריווילעגיע זייערע הענט אויפהייבן אויף צו בלייבן דאָ אַרבעטן.

ער גיט אַ קוק אויפן אויפגעשטורעמטן אַמור און גיט אַ זאָג:

— מען מוז שיקן אַ מענטשן קיין כאַבאַראָווסק נאָך אַ קאַטיער מיט אַ באַרקאַס. אַ מענטשן דאַרף מען שיקן שוין, ווי נאָר ס׳וועט טאָג, ווען די פישערס פאָרן אין שטאָט אַריין, זאָל עמעצער מיטפאָרן, איצט מוז מען האַנדלען ענערגיש און שנעל. מען דאַרף פילן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אונדז.

דערמיט שליסט ער די זיצונג. ער שטעלט זיך אויף און גיט אַ זאָג:

— נו, איז אָן קווענקלעניש . . . צו דער אַרבעט.

ווען די זיצונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיך שוין שטערן געלאָשן. ריווקין איז אַראָפּ צום וואַסער, אַ קוק געטאָן אויפן וואַסער־מעסטער. „ס׳הייבט זיך" — האָט ער מיט ווייטעק צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק פון ברעג. ער האָט אַ צי געטאָן זיינע הענט און אָפּגעזיפצט: „נו, מילאָ!" דערנאָך האָט ער רואיק אַ טראַכט געטאָן: „פאַראַן דאָ ביי אונדז אַ בינטל געזונטע, האַרעפּאַשנע הענט . . . מיט זיי וועלן מיר בייקומען דעם צעיושעטן אַמור אויך . . . נו, מילאָ!"

אין דער מיטיק־שעה האָט זיך דער געקלאַנג פון שטאָל צעשאָטן איבערן אינדזל. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן אַלע געוואַרט מיט אומגעדולד. פרידס פלוצלינגער פאָרן אין שטאָט אַריין איז פאַר אַלעמען געווען אומדערוואַרט און האָט געוועקט די נייגעריקייט. האָט מען געאיילט פון אַלע זייטן צום סטויג, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געקלאַנג און וואוהין מען האָט געבראַכט די קעסלען עסן.

ביים עסן האָט מען לעבעדיק געשמועסט פון די סטויגן, וואָס זיינען היינט אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן. אויך די קאָפּנע־שטעלערס גרייסן זיך היינט מיט זייער אַרבעט. גרוניע פאַרקלינגט דעם אינדזל מיט איר געלעכטער. זי האָט היינט רובינען פאַרמאַטערט. זי לאַכט, און ער ברוגזט זיך, כלומרשט. אינדעראמתן האָט ער אַ מאָדנע הנאה פון איר לויטער געלעכטער.

— צום טייוול, אַזאַ כח ביי איך, ביים שניידן האָט מיך פּיווקע פֿאַר־מאַטערט, און ביי די קאָפּנעס — גרוניע. נאָר כ'וועל דיך בייקומען, גרוניע, — זאָגט ער שטילער אַ ביסל, און זיי לאַכן ביידע, קייענדיק מיט אַפּעטיט. זי ווייזט אים דערביי אַ פול מויל געזונטע ציין, וואָס חנדלען זיך מיט זייער ווייסקייט.

לאַנג זיצן נאָכן עסן און רוען איז איצט קיין צייט ניטאָ. אַנטקעגן די אויגן לויפֿט דער אַמור און שפּיט מיט ווייסע שטיקער שוים. וואָלקנדלעך קריכן אַרום איבער די בערג. די לופֿט איז פֿול מיט שטורעם־אָנזאָג. האָט זיך ריווקין אַ שטעל געטאָן און אָנגעהויבן דערפֿון, אַז דער אַמור וואַקסט פֿון שעה־צו־שעה, נאָך אַ פּאָר טעג — און ער וועט דורכרייסן די ברעגן פֿונעם אינדזל. פֿרידן האָט מען אָוועקגעשיקט נאָך אַ רעטונגס־קאַטיער פֿאַר די פֿערד מיט די מאַשינעס. די מענטשן וועלן זיך אַריבערשיפֿלען איבערן אַמור און וועלן זיך אַהיים לאָזן צופֿוס. לאַנג בלייבן דאָ קאָנען מיר ניט, — זאָגט ער, — די פֿישערס וואָרענען, און מיר מוזן זיך צו זייערע רייד צוהערן. זיי זיינען דאָ שטענדיקע איינוואוינער און ווייסן שוין פֿון פֿאַרפֿלייצונגען. זיי זאָגן, אַז פֿון בלאַגאָוועשטשענסק איז אַרויס דער ערשטער וואַל וואַסער, אין צוויי טעג אַרום וועט ער זיין ביי אונדז. נאָכדעם וועט קומען אַ צווייטער וואַל, וואָס וועט דעם גאַנצן אינדזל פֿאַרגיסן. נאָר דאַן וועלן מיר שוין דאָ ניט זיין. מיר וועלן אונדזער אַרבעט פֿריער ענדיקן. פֿאַר דער פֿאַרפֿלייצונג האָבן מיר קיין מורא ניט. אונדזער פּלאַן וועט זיין אויסגעפֿילט. די סטויגן וועט דאָס וואַסער ניט שאַטן. זיי שטייען אויף הויכע ערטער. — ער רעדט איצט גיך. ס'איז יעדע רגע אַ שאָד. אַלע קוקן אים אָן, און ער זעט ווי עס וואַקסט דער צוטרוי צו זיינע רייד. בלויז איין בערקע ברומט עפּעס מיט כעס דעם אַלטן ברייטערן אין פֿאַרוואַקסענעם פּנים אַריין. ריווקין ווייסט אויף אויסווייניק, וואָס בערקע קאָן וועגן אים זאָגן. פֿאַרהאַלט ער זיך ניט אויף בערקעס שושקעריי און רעדט ווייטער:

— האָט דאָס קעמערל באַשלאָסן אַהיים שיקן די מענטשן, וואָס פֿילן זיך שוואַך ביי איצטיקן מאָמענט און האָבן מורא צו בלייבן אויפֿן אינדזל, ווען ס'שטייט פֿאַר אַ געפֿאַר. מיר דאַרפֿן נאָך אַרבעטן, נאָר מיר צווינגען ניט קיינעם. יעדער איינער איז אַ קאָמונאַר, און יעדן איינעם דאַרף זיין ליב זיין ווירטשאַפֿט, יעדן איינעם דאַרף זיין ליב זיין נייע היים, וואָס ער בויט זיך אין טייגע מיט זיין שוויס, מיט זיין ערלעכער מי. דעריבער וועלן מיר שטע־לען צום אָפּשטימען: ווער איז פֿאַר בלייבן אויפֿן אַמור, ביז מיר וועלן ענדיקן די אַרבעט?! . . . ווער איז קעגן? . . . דאָס הייסט, ווער וויל שוין אַוועק־פֿאָרן? . . .

ס'האָבן זיך אויפגעהויבן צווײ הענט, וואָס האָבן זיך גיך־גיך פאַרשעמט צוריק אַראָפּגעלאָזט.

— נו? — פרעגט ריווקין, — מער וויל קײנער ניט אַהײם פאָרן? אײן ברײטער בלויז?

— הינטערן סטויג שושקעט מען זיך, און אויף אַ סאָבראַניע דער־שרעקט מען זיך! — צעפלאַמט זיך דער אַלטער ברײטער.

בערקע האָט זיך אויך ניט איבעריק גוט געפילט, ער האָט געמײנט, אַז זײן האַנט וועט זיך אויפהײבן די דרײסיקסטע, אָבער זײן אַ צווײטער האָט אים איצט קײן מוט ניט געקלעקט.

פון דער פאַרזאַמלונג גײט מען מיט געפילדער, מען שרײט, מען קריגט זיך און מען לאַכט. רובין גײט אַרומגענומען מיט גרוניען. די ווילעס האָבן זײ פאַרלײגט אויף די אַקסלען. ער שעפּטשעט איר שטיל אין אויער אַרײן, אַז אַ שטיבל וועלן זײ זיך אויסבויען אַ וואַרעמס, ליכטיק וועט דאָרטן זײן, די ראַדיאָ וועט שפּילן, ברענגען נײעס פון גאַנצן גרויסן לאַנד. און בריוולעך וועלן זײ שרײבן שותּפותּע צו די אַלטע טאַטע־מאַמע זײערע.

גרוניע לאַכט. זי צעשיט איבערן אינדזל איר קלינגענדיקן זילבער.

— דרײסיק שטיק ביז נאַכט, רובין! — שרײט זי אויס צו אים מיט די שמײכלענדיקע, גרינלעכע אויגן, וואָס אַט צעשיסן זײ זיך אין אַ געלעכ־טער, זאָל ער נאָר פּרוּוון זאָגן „נײן".

נאָר רובין באַשטײט:

— גוט! — שרײט ער. — קום, גרוניע, מיר גײען אין געוועט.

אין געוועט גײען אַלע. עס אַרבעט זיך איצט מיט נאָך מער ברען, יעדע רגע איז אויפן וואָגשאָל. איצט האָבן זיך אַלע פאַרמאָסטן: ענדיקן אײדער דער אינדזל ווערט פאַרגאָסן.

קלײנע טײכלעך האָבן גענומען אויסוואַקסן אונטער די פיס. פאַרטאָג איז דאָס וואַסער געוועזן נאָר ביז די קנעכלעך, און פאַרנאַכט — אַריבער די קני. די טאָלן אויפן אינדזל פילן זיך אָן. דאָס וואַסער שלאָגט אַרויף ווי פון אַ סך אונטערערדישע קוואַלן. פלוצלינג וואַקסן זײ אָן, די טײכלעך, און אַלע וואונדערן זיך: „פונוואַנען נעמען זײ זיך אַזויפיל? וויאַרום גיסן זײ זיך אָן?"

גײענדיק פאַרנאַכט צוריק פון דער אַרבעט און אָנשטויסנדיק זיך אויף די נאַרוואָס אָנגעגאָסענע טײכלעך, ווײזט רובין אַרויס זײנע קענטענישן פאַר פּײווקען, ער דערצײלט אים, פונוואַנען און וויאַזוי זײ וואַקסן דאָס אויס, די טײכלעך, דורך וועלכע קוואַלן זײ שלאָגן אַרויף פון אונטער דער ערד.

— ביסט אַ געלערנטער יאַט, — זאָגט פּײווקע, — וואָלסט געקאָנט זײן אַן אַגראָנאָם.

— אַן אַרבעטער דאַרף אויך זיין געלערנט. אַז דו ביסט געלערנט, איז דיר גרינגער ביי אַלע אַרבעטן.

— מיר איז אַזוי אויך ניט שווער.

— ביסט געלערנט, איז דיר ביי אַ מאַשין נאָך גרינגער, — שמייכלט ער צו אים זייטיק. — צו וואָס, מיינסטו, איז די טעכניק מיט דער מעכאַניזאַציע? האָסט דאָך שוין געזען, וויפל העקטאַרס סע שניידט אַ מאַשין און וויפל אַ מענטש. דו ביסט אַ יונגער יאַט, פּיוּוקע, וואָלסט געדאַרפט לערנען, וואָלסטו אויסגעוואַקסן אַ לייט, וואָלסט נאָך געקאָנט ווערן אַן אַגראָנאָם, אַ טעכניקער אָדער אַן אינזשעניער, אַ געלערנטער וואָלסטו געקאָנט ווערן, פּיוּוקע.

— דאָס ווייס איך אָן דיר. ס׳קאָן טאַקע זיין, אַז איך וועל זיך גיין לערנען.

זיי גייען מיט די ווילעס אויף די אַקסלען. זיי שפּרייזן ביזן האַלבן קערפּער אין וואַסער. איצט איז שווער צו דערקענען, ווער פון זיי טראָגט דעם נאָמען „איידעלער בחור", און פּיוּוקע אַליין באַנוצט שוין אויך גאַנץ קנאַפּ די דאָזיקע צונעמעניש. זיי שיידן זיך אונטער בלויז אין די רייד. רובין האָט ליב געבן גוטע עצות, און פּיוּוקע ענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז דאָס ווייסט ער אָן אים אויך.

זיי גייען אַלץ טיפער און טיפער אין וואַסער. אייניקע ערטער מוזן זיי אינגאַנצן אויסמיידן.

— דו ווייסט, — זאָגט פּיוּוקע, — מען מוז זיך שוין אָפּטראָגן. דער אַמור האָט זיך שוין צעקאָטשעט.

— ווייזט אויס, — ענטפערט רובין און פאַרקרימט זיך, דערפילנדיק וואַסער ביים בויך.

זיי האָבן זיך פאַררעדט, אָנגעלייגט אַ סך וועג און געקומען די לעצטע צו די ביידלעך.

ביים ברעג האָט זיך געטומלט. צו זייער איבעראַשונג האָבן זיי דערהערט, אַז אַ העלפט פון דער גרופּע שיקט מען אָפּ, און טאַקע שוין, ביי־נאַכט.

— ניטאָ וואָס צו נעכטיקן, — שרייט ריווקין. — דער וועג פון יענער זייט ברעג איז אַ גלייכער און איז נאָך איצט טרוקן, די נאַכט איז אַ ליכטיקע, מיטן טאָג צוגלייך וועט איר זיין אין קאָמונע, אַרבעט איז דאָרט פאַראַן גענוג.

— וואָס איז געשען? — פרעגט רובין, — וואָס עפּעס אַזוי פּלוצלינג?

— ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס מאָטאָר־שיפל איז ווידער צוגעפאָרן צום ברעג, די גרענעצלער האָבן געגעבן די מענטשן אַן עצה וואָס צו טאָן און זיינען

אויפגיך אָפּגעשוואומען צו דער גרענעץ.

קיינער האָט ניט איבערגעפרעגט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, ס'האָט קיי־נער אָפילו ניט געפּרואווט טרעפן, ווייל ס'איז יעדן איינעם געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. מען האָט איצט אויך קיין פאַרזאַמלונג ניט געמאַכט, מען האָט איצט קיין הענט ניט געהויבן, און וועמען ריווקין האָט געהייסן, דער האָט געפּאַקט דאָס פּעקל.

גרוניע האָט באַגעגנט רובינען מיט אַ פאַרלוירענער מינע.

— ליידער מוז מען זיך צעשיידן איצט, אין אַזאַ שווערן מאָמענט, — האָט זי זיך אַ חנדל געטאָן. — ריווקין שיקט מיך אָפּ אַהיים, ער וויל אונדז צעשיידן . . .

— פּאַר, פּאַר, גרוניע, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן מיר זיך זען אין קאָמונע, וואַרט אויף מיר „ביי די טויערן פון דער שטאָט" . . .

זיי זיינען געשטאַנען ביים ברעג, געהאַלטן זיך ביי די הענט, געקוקט זיך אין די פרייע, ברוינע, צעשמייכלטע פּנימער, און ווען מען האָט פון שיפל אַ רוף געטאָן: „גרוניע, דו פאָרסט?" — האָבן זיי זיך צעקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן, פּראָסט, פּשוט און געזונט.

די שיפלעך האָבן זיך געהוידעט אויפן אַמור. די געבליבענע ביים ברעג זיינען געשטאַנען און נאָכגעקוקט, ווי דער אַמור טראָגט זיך מיט קראַפט, ווי מען וואָלט אים ערגעץ אויפגעהויבן, איבערגעקערט און אויסגעגאָסן. כוואַ־ליעס יאָגן און פאַרטראָגן די שיפלעך.

— גוט, וואָס ביי די וועסלעס זיצן געזונטע יאַטן.

— אָבער ס'פאַרטראָגט זיי פאָרט.

— קיין אַרלאָוקע וועלן זיי אָנקומען ריכטיק.

— ס'קאָן זיי פאַרטראָגן קיין כאַבאַראָווסק אויך.

— איז וואָס איז דער אומגליק, וועלן זיי אַהיים פאָרן מיט דער באַן.

— ניין, ס'וועט זיי ווייט ניט פאַרטראָגן, — זאָגט ריווקין, — גוט, וואָס זיי שניידן אַריף־שטראָם, וועט עס זיי ווייט ניט פאַרטראָגן.

די שיפלעך זיינען פאַרשוואונדן פון די אויגן. די ברעג האָבן זיך פאַר־צויגן מיט גרויע געוועבן. דער הימל האָט זיך געכמורעט.

— ס'זאָל כאָטש ניט רעגענען — זאָגט ריווקין שטיל, ווי צו זיך אַליין, און אַלץ פאַרגייט אין שטילן שווייגן.

ביינאַכט איז ריווקין ניט געשלאָפן. ער איז געזעסן און געקוקט צו די בערג, וואָס הילן זיך אין גרויען, צום אַמור, וואָס טראָגט זיינע וואַסערן מיט ווילדער גיכקייט. איין ברעג פון אינדזל איז שוין דורכגעריסן, און דאָס וואַ־

סער האָט זיך ברייט צעגאָסן און פֿאַרשלונגען אַ שטיק פֿעלד. דאָס איז געשען ממש פֿאַר ריווקינס אויגן. „גוט, וואָס ניט אין דער צווייטער זייט, — טראַכט ער, — דאָרט דאַרף מען נאָך מאָרגן גיין אַרבעטן, דאָרט שטייען נאָך קאָפּנעס אויפֿגעשטעלטע, דאָרט דאַרף מען נאָך סטויגן שטעלן . . .‟

רובינען האָט זיך אויך ניט געשלאָפֿן. ער איז אויך אַוועק צום ברעג. דערזען דאָרטן ריווקינען, איז ער צו אים צוגעגאַנגען.

— ס׳הייבט זיך? — פֿרעגט רובין.

— דורכגעריסן דעם ברעג.

— וואָס?! וואו?

— אָט, לינקס.

— נו?

— גאָרניט.

— אַרבעטן וועט מען נאָך קאָנען?

— אַרבעטן איז שוין איצט אַ קלייניקייט. וועט זיין מיט דריי טויזנט פּוד היי וויניקער. און אפֿשר וועט מען זיי נאָך קאָנען מאָרגן פֿרי אויפֿשטעלן. נאָר מיך באַאומרואיקט, וואָס פֿריד איז נאָך ניטאָ, די פּופּצן פֿערד שרעקן מיך. דאָס וואַסער גייט מיט געיעג . . . מען מוז וואָס פֿריער אַוועק פֿונדאַנען. ס׳קאָן זיך ענדיקן שלעכט. פֿונעם מאַטאָר־שיפֿל האָט מען געוואָרנט . . .

ער בלאָנדזשעט מיט די אויגן איבערן אַמור, איבערן אינדזל, וואָס גלאַנצט אויף דאָ און דאָרט מיט מאַטער וואַסער־שיין, און ער לאָזט זיך גיין צו די פֿערד. די פֿערד שטייען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. זיי זיינען איצט אין דער נאַכט זייער פֿילבאַר, זיי הייבן די קעפּ ביי יעדן שאָרך און קוקן שטום. סאָקאָל פֿאָלגט נאָך יעדן קער, וואָס ריווקין טוט, און אַז ער קומט צו צו אים, בלאָזט ער אויף אים מיט זיינע ציטערנדיקע נאָזלעכער און קוקט אויף אים מיט מאַטע, שטומע אויגן.

— פֿערד דערפֿילן אַ געפֿאַר, מעג זי זיין מיילן־ווייט, — זאָגט ריווקין צו רובינען, וואָס גייט אים נאָך אַ פֿלאָטערנדיקער. עפּעס פֿילט ער זייער אומאַנגענעמס אין ריווקינס שווייגן און אין זיין שווערער שטימונג, וואָס ער באַמערקט איצט אין ריווקינען צום ערשטן מאָל.

— יאָ, פֿערד דערפֿילן אַ געפֿאַר, — גיט ער צו צו ריווקינס רייד, — האַלטסטו טאַקע, אַז די געפֿאַר איז אַזוי נאָענט?

— פֿאַר די פֿערד איז אַ געפֿאַר, יאָ. אויף שיפֿלעך קאָן מען זיי ניט ראַטעווען. אויב דער צווייטער וואַל זאָל אָנקומען, איידער ס׳קומט אַ קאַטיער, זיינען די פֿערד פֿאַרלאָרן, און דאַן . . . — ער האָט ניט פֿאַרענדיקט די

רייד און נאָך שווערער געמאַכט די שטימונג אַרום זיך.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט ביים ברעג און האָבן זיך צוגעקוקט צום לויפן פונעם וואַסער: כוואַליעס האָבן געיאָגט איינע די אַנדערע, אַנגעוואַל־גערט זיך איינע אויף דער אַנדערער, אויפגעשטעלט ריזיקע וואַסער־בערג, געגראָבן גריבער און תהומען, צעשפּאַרט די זייטן פונעם ברייטן שטורעמ־דיקן אַמור.

— וואָס עפּעס שלאָפסטו ניט? — גיט ריווקין פּלוצלינג אַ פרעג, ניט קוקנדיק אויף רובינען.

— ווייל עס שלאָפט זיך ניט, — ענטפערט ער אַ פּאַרטראַכטער. עס וואונדערט אים און עס פאַרדריסט אים ריווקינס פראַגע, וואָס קלינגט האַרט און גראָבלעך, פונקט ווי ער, רובין, וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער מענטש. — טראַכט ער מיט ווייטעק . . . ווען ער האָט איצט לעבן זיך גרוניען, וואָלט ער פאַר איר דאָס האַרץ אויסגעגאָסן. זי איז אַזאַ פשוטע, אַ האַרציגע . . .

— גרוניע איז אַהיים געפאָרן? — הערט ער פּלוצלים ריווקינס פאַר־טראַכט שטיל קול.

— דו האָסט זי דאָך אַליין אָפּגעשיקט.

— אַ, יאָ . . . כ׳האָב פאַרגעסן.

פון ריווקינס פראַגע ווערט רובין צעטומלט. ער קוקט אויף אים מיט אַן אומקלאָרן פאַרדאַכט. עפּעס דערקאָנט ער אים איצט ניט . . . ניט דער אייגענער, וואָס נעכטן. וואָס איז דער מער מיט אים? וואָס האָט אויף אים אַזאַ שלעכטע שטימונג אָנגעטריבן?

— יאָ, איך האָב זי אַהיים געשיקט, — זאָגט ריווקין נאָך אַ ווײַלע טראַכטן. — וואָס האָבן שוין איצט פּרויען צו טאָן אויפן אַמור, כאָטש גרו־ניע איז אַ יאַטעכע אַ געזונטע, אַ לעבעדיקע און — זייער אַ וואוילע.

רובין קוקט אויף אים זייטיק און עפּעס פאַרשטייט ער אים ניט, צו וואָס רעדט ער דאָס? ער דערפילט זיך מיטאַמאָל ניט גאָר גוט לעבן ריווקינען. לאָזט ער אים זיצן ביים ברעג און קריכט אַריין אין קאַמאַרניק.

ריווקין קוקט אים נאָך מיט שטאַרע בליקן און קאָן זיך ניט באַפרייען פון די געדאַנקען, וואָס קריכן אים אין קאָפּ אַריין וועגן רובינען. „צי האָט ער, דער דאָזיקער אײדעלער בחור, ניט באַוויזן זיין גאַנצע העלדישקייט בלויז צוליב גרוניען? — טראַכט ער, — צי איז ער ניט געוואָרן אַ שלאָגלער, ווייל געמיינט האָט ער גרוניען דערמיט נעמען? צי האָט ער זיך ניט פאַרמאָסטן מיטן שטאַרקסטן, ווייל איר, גרוניען, איז עס געפעלן?" — נאָר ריווקין קאָן ניט פאַרגעסן רובינס אַרבעט. די אַרבעט לייקנט אָפּ זיינע שלעכטע געדאַנ־קען וועגן רובינען: „ער האָט דאָך געשלאָסן מיט פייווקען דעם אָפּמאַך, נאָך

איידער ער האָט גרוניען ווי רעכט איז באַמערקט. און צום היי־שניט האָט ער זיך דאָך געמאָלדן אַליין, פֿרייוויליק". ער דערמאָנט זיך אָן רובינס אויס־זען, ווען ער איז באַלד אין די ערשטע טעג צוריקגעקומען פֿונעם אײַנדזל, מיט אַן אויסגעשמיסן פּנים, מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגן. ניין, רובין האָט דער־וויזן, אַז קיין שלעכטס טאָר מען ווען אים ניט טראַכטן. נאָר וואָס איז שייך רובינען און גרוניען, טראָגט ער עפּעס אַ פֿאַרדראָס אין האַרצן. דער שניט פֿון אירע גרינלעכע אויגן האָט אין אים שטענדיק אַרויסגערופֿן אַזאַ מין זיסן צאַפּל, נאָר ער האָט קיין צייט ניט געהאַט דעם זיסן צאַפּל צו צערטלען און כאַוען. פֿילט ער טאָקע אַ פֿאַרדריסלעכן ווייטעק.

איצט איז שוין שפּעט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערפֿילט אויפֿן קאַרק דעם וואַרעמען אָטעם פֿון פֿערדישע נאָזלעכער.

— סאָקאָל! — האָט ער פֿריילעך אויסגעשריען. ער האָט זיך אויפֿגע־שטעלט און אַרומגענומען סאָקאָלס ברייטן שטאַלטנעם האַלדז. ער האָט אים געקלאַפּט אין די זייטן, געפּאַטשט אים אין דער מאַרדע אַריין. סאָקאָל האָט געפֿינטלט מיט די אויגן און אויסגעצויגן די מאָרדע. ער האָט דערפֿילט אַ וואַרעמקייט אין ריווקינס האַנט און איז צופֿרידן געווען פֿון דער באַגעגע־ניש. זיי קאָנען זיך איינס דאָס אַנדערע זייער גוט. סאָקאָל איז דאָס ערשטע פֿערד אין דער קאָמונע. עס האָט שוין זייער אַ סך כּחות דער קאָמונע אָפּגע־געבן. איצט איז דאָס פֿערד אומעטיק, עס שלאָגט מיט פֿאַרנעפּלטער טונקל־קייט פֿון זײַנע אויגן, די אויערן זײַנען דעם אָנגעשפּיצט, און די פֿילבאַרע נאָזלעכער צאַפּלען־צאַפּלען.

פֿאַרטאָג איז דער אַמור געוואָרן רואיקער. דער גרויער נעפּל פֿון די בערג איז צעגאַנגען, און די זון איז אַרויסגעקראָכן פֿון הינטער די בערג. ריווקין האָט זיך אויפֿגעזעצט אויף סאָקאָלן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ קוק טאָן, צי קאָן מען נאָך אַרבעטן. זיצנדיק אויפֿן פֿערד, האָט ער דערזען די טייכלעך, וואָס זײַנען איבער נאַכט צוגעקומען אויפֿן אײַנדזל: די, וואָס זײַנען פֿון פֿריער געווען, האָבן זיך אַזוי פֿאַרגרעסערט, אַז נאָך איין טאָג — און זיי וועלן זיך אַלע פֿאַראייניקן און פֿאַרגיסן דעם גאַנצן אײַנדזל.

צו די קאָפּנעס האָט שוין געפֿירט אַ וואַסער־וועג. דאָס וואַסער האָט גע־גרייכט סאָקאָלן ביזן בויך. די קאָפּנעס זײַנען געווען האַלב פֿאַרטרונקען. נאָך איין טאָג, און זיי וועלן אינגאַנצן דערטרונקען ווערן. ער האָט גיך אַ טאָפּ געטאָן מיט די אויגן דעם אַרום, אַרומגעריטן דעם פּלאַץ, און אויסגעפֿינענ־דיק דאָס העכסטע אָרט, וואו דאָס וואַסער איז נאָך ניט צוגעקומען, האָט ער אַ דריי געטאָן סאָקאָלן אויף צוריק און צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: „מען

דאַרף אַרויסראַטעווען וויפל ס׳וועט זיך לאָזן". ער האָט זיך צוריק אָוועקגע־לאָזט צו די ביידלעך, אויפגעוועקט די קאָמונאַרן, און אויף די פּופּצן פערד האָבן זיך אָנגעזאָטלט פּופּצן יונגען און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אָפּאַרבע־טען דעם לעצטן טאָג.

— קיין נאַסע ניט לייגן! — האָט ריווקין אויסגעשריען. — אַראָפּנעמען ביזן נאַסן שיכט, פאַרלייגן אַ פונדאַמענט פאַר אַ סטויג פון דריי טויזנט פּוד!

די פּופּצן יונגען זיינען געווען די בעסטע, די שטאַרקסטע, די איבער־געגעבנסטע. רובין מיט פּייוקען האָבן זיך אויך דאָ צוזאַמענגעטראָפן. איצט האָבן זיי זיך געטראָפן מיט ווילעס אין די הענט. ערשט דאָ, ביים טראָגן די פּולע, שווערע ווילעס היי צום סטויג, גייענדיק אַ גאַנצן טאָג אין וואַסער און אַרבעטנדיק מיט גוואַלדיקער איינגעשפּאַרטקייט, ערשט דאָ האָט פּייוקע אַ טראַכט געטאָן וועגן רובינען:

„אָט אַ יאַט, געקומען מיט אַ ווייסן קאָלנער, מיט אַ ווייס פּנים, מיט ווייסע הענט, מיט אַ דינער הויט, ניט געוואוינט צו קיין שווערער אַרבעט. און אָט ווי ער גיט עס פּלייצע, ווי אַן אמתער נאַש־בראַט". ער האָט נאָכגע־קוקט רובינס אַרבעט. ס׳איז אים, דעם גרויסן מבין אויף שווערער אַרבעט, זייער געפעלן געווען דער אופן, ווי רובין זעצט מיט אימפעט די ווילע אין דער קאָפּנע. ער זעצט זיך דערביי אַראָפּ, די צוויי הענט גיט ער אַ שפּאַר אונטער און טוט אַ נעם די קאָפּנע איבערן קאָפּ און טראָגט זי צום סטויג, דערביי ווערט דאָס פּנים זיינס רויט, די אָדערן אונטער די אויערן ציען זיך אָן, ווי די שטריק אויף אַ פערד, ווען דער וואָגן איז זייער אַ שווערער. און ער רוט ניט, רובין, ער אַרבעט פלייסיק. די הויזן זיינען איבער די קני פאַר־שאַרט, ער שפּרייזט אין וואַסער מיט די אָנגעביסענע פּיס און אַרבעט גיך, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ זייער שטאַרק געאיילט. פּייוקע אַרבעט לעבן אים און ער גייט מיט אים שטיל אין געוועט: ווער וועט פריער אָננעמען אַ ווילע היי און ווער וועט זי פריער דערלאַנגען צום סטויג. און ער איז פול מיט פרייד פון רובינען, פונעם „איידעלן בחור", וואָס איז געוואָרן אַ „נאַש־בראַט". און ניט נאָר רובין מיט פּייוקען אַרבעטן איצט אַזוי, איצט אַרבעטן אַלע מיט די לעצטע כחות. די אָדערן אונטער די אויערן זיינען ביי אַלעמען אָנגעצויגן, און די קאָפּנעס זיצן אויף די ווילעס ווי גרויסע ריזן־קעפּ אויף באָרוועסע פּיס, וואָס שפּרייזן אין וואַסער צום גרויסן סטויג היי אויף צו פאַראייניקן זיך מיט אים, אויסוואַקסן אין אַ באַרג און ניט לאָזן זיך צעש־ווענקט ווערן פון דער פאַרפלייצונג.

אָפּגעאַרבעט האָט מען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן. די פּיס זיינען שוין איצט געווען ווי וואַסער־מעסטערס.

איצט האָט שוין יעדער איינער געשעפּט פולע קעשענעס וואַסער, און די פערד האָבן אויפן וועג צו דיביידלעך געצויגן די בייכער און געהויבן די קעפּ.

ביי די ביידלעך האָט מען זיך אָפּגערוט. מען האָט זיך אָפּגעטרייסלט ווי פערד, ווען זיי קומען פון אַ גאַר ווייטן וועג. חברה האָט זיך דערפילט ווי פרי געקומענע געסט, וואָס זיינען געפאָרן ערגעץ אויף אַ חתונה. געיאָגט די פערד, געאיילט זיך ניט צו פאַרשפּעטיקן. איצט ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז זיי זיינען געקומען די ערשטע. די מחותנים מיטן חתן זיינען נאָך ניטאָ . . .

— איז וואָס־זשע האָט מען זיך געדאַרפט איילן? — פרעגט זלאַטקין,

— דער חתן איז דאָך נאָך ניטאָ.

— קוק ניט אויף דעם, וואָס דער אַמור שפּילט איצט ניט. ער קאָכט איצט פון אינווייניק, ער זעצט אַרויף דאָס וואַסער, זע, ווי דער אינדזל האָט זיך אָנגעפּילט, זע, וויפל טייכלעך ס'זיינען אויסגעוואַקסן. איבער נאַכט קאָנען מיר זיין אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט וואַסער.

— דאָס גייט נאָך אַלץ דער ערשטער וואַל?

— ביים צווייטן וועסטו שוין ניט גיין.

— וועסט שוין ליגן ווי אַ פּגירה.

— וועסט שוין שווימען.

— חברה! — שרייט ריווקין, — ווייניקער חכמות! ס'פאַרגיסט דעם שאַלאַש. דאָס וואַסער קריכט פון די זייטן. די מאַשינעס לאָמיר צושלעפּן צו די ביידלעך. ביי די פערד דאַרף מען אַ וואַך אָוועקשטעלן.

שלעפּט מען די מאַשינעס צו די ביידלעך און מען קוקט מיט חשד אויפן אַמור; און דער אַמור איז רואיק, שטורעמט ניט, אַ גלאַטע אויבערפלאַך ליגט צעשפּרייט ווי אַ שטיק אומעטיק־גרוי פלאַכלאַנד. נאָר די זייטן ווערן אָנגעשוואָלן. איצט דאַרף מען שוין ניט אַראָפּגיין צום ברעג אויף צו נעמען וואַסער אָדער אויף איינצוואַשן זיך, איצט איז גענוג אויסצוציען די האַנט, דערלאַנגט מען דעם אַמור.

ביינאַכט האָט די וואַך אָנגעזאָגט:

— דער אַמור האָט זיך צעשטורעמט, ס'רייסט שטיקער פון ברעג. ווילדע ציגן קומען אָן צו לויפן פון די בערג. דער אַמור האָט דורכגעריסן דעם צווייטן ברעג. דאָס וואַסער שטייגט און פאַרגיסט דעם גאַנצן אינדזל! . . .

דער אַמור האָטווירקלעך געריסן די ברעגן. פון די דורכגעריסענע ברעגן האָט דאָס וואַסער זיך געצויגן צו די ביידלעך. דער גאַנצער אינדזל האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גרויסער טייך, און אויפן טייך שטייען סטויגן היי. די קאָמבײַנען, מיט די פערד, מיט די מאַשינעס זיינען געבליבן אויף אַ

שמאָל פאַסעקל ערד. אַרום און אַרום איז וואַסער. אָט דאָס פּיצל ערד איז דאָס העכסטע אָרט פונעם אינדזל, נאָר סע ווערט אַלעמאָל שמעלער און קירצער. פון דריי זייטן קריכט דאָס וואַסער, און פון דער פערטער זייט רייסט דער אַמור דעם ברעג.

פון די פּאַרטייער און קאָמיוגיסטן זיינען געבליבן ריוועקין, רובין און זלאַטקין. זיי האָבן באַשלאָסן תיכף אָפּשיקן אַלע מענטשן. בלויז זיי דרייען און פּיוועקע בלייבן דאָ וואַרטן אויף אַ רעטונגס־קאַטיער. מיט די אַוועקגעשיקטע מענטשן האָט מען איבערגעגעבן: דער טאַדעבאַרעווער אינדזל איז כמעט ווי פאַרפלייצט. אויפן אינדזל זיינען געבליבן פיר קאָמונאַרן מיט פּופּצען פערד. זיי געפינען זיך אויפן לעצטן פּיצל טריקעניש. אַרום און אַרום איז וואַסער. דער אַמור שטורעמט. עס גייט דער צווייטער וואַל. אויב מען וועט ניט אָננעמען קיין עקסטרע מיטלען, וועלן די מענטשן מיט די פערד אומקומען.

— ציט גיכער! רודערט אויף די פאַרוואַלטונג! גיט איבער דעם אויספּירקאָם, — האָט ריוועקין נאָכגעשריען די שיפלעך, וואָס האָבן גיך געצויגן צום צווייטן ברעג, וואו אַ שטעגל דורך דער טייגע פירט צו דער קאָמונע.

דאָס מאָטאָר־שיפל שניידט ווי געווינלעך צוויי מאָל אין טאָג דעם אַמור. נאָר איצט איילט עס גיכער. איצט מאַכט דער מאָטאָר אַ גרעסערן רויש אויפן אַמור. דאָס שיפל לויפט מיט גאָר וואַזשנער פאַרנומענקייט. ס'זעט אויס, אַז צו די וויכטיקע שליחותן איז צוגעקומען נאָך איינע עפּעס אַ גאָר וויכטיקע שליחות. די קאָמונאַרן, וואָס זיינען געבליבן זיצן אויפן פאַסעקל ערד, וואָס ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער, קוקן נאָך דעם גיכן לויף פונעם מאָטאָר־שיפל און הערן זיך צו מיט בענקשאַפט, ווי דער מאָטאָר־רויש פאַלט און לעשט זיך, ווי דאָס שיפל פאַרשווינדט אין דער ווייט. די קאָמונאַרן וואַכן ביינאַכט אַלע פיר. בייטאָג שלאָפט מען לויט דער ריי.

כ'האָב באַטראַכט אָט־וואָס, — זאָגט ריוועקין, — די פערד וועלן מיר צובינדן צום סטויג, און מיר אַליין וועלן אַרויפקריכן אויפן סטויג.

— דו פאַרנעמסט זיך דאָ צו ווינטערן? — פרעגט פּיוועקע.

— ניין, ניט ווינטערן, נאָר די פערד וועלן מיר דאָ ניט לאָזן.

— געוויס ניט.

בלייבט מען זיצן און מען קוקט אויפן אַמור. און דאָס פאַסעקל ערד ווערט אַלץ שמעלער און שמעלער. דער אַמור רייסט שטיקער פון ברעג. אַ פּעסל זאַלץ איז פלוצלינג פאַרשוואונדן. האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער אַמור האָט עס פאַרשלונגען מיט אַ היפּשן שטיק ברעג. און פריד איז ניטאָ . . . און קיין קאַטיער זעט מען ניט. הינטער די בערג שפּאַלטן זיך הימלען, און די בערג ציטערן.

פאַרנאַכט האָט מען באַמערקט אַ רויך אויפן טייך. אַ שיף האָט געשניטן דעם אַמור אַראָפּ־וואַסער צו כאַבאַראָווסק־צו. רובין האָט געגעבן אַן עצה: אַריינלייגן אַ צעטעלע אין אַ פלאַש און לאָזן שווימען צו דער שיף . . .

— דיין עצה, — האָט פּיוּוקע געזאָגט, — איז אַ גרויסשטאָטישע און גאָר אַ וואַזשנע, נאָר אויפן צעטעלע שרייב אָן דעם אַדרעס פון דער שיף, די פלאַש זאָל ריכטיק אָנקומען . . .

פּיוּוקע האָט געפונען אַן אַנדער מיטל. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיקל בלעך, גיך אויסגעדרייט אַ טרובע, אַ נעם געטאָן ריוּוקינען אויף די אַקסלען און געהייסן אַריינשרייען:

— איבערגעבן אין קאָנטאָרויספּירקאָם, שיקן אַ קאַטיער, ראַטעווען פיר קאָמונאַרן און פופצן פערד! . . .

ס'האָט אויסגעזען ווי די שיף וואָלט פאַרקלענערט דעם גאַנג און אָנגעשפּיצט די אויערן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין פאַרשוואונדן פונעם אויג . . .

אינמיטן טאָג האָט מען דערהערט דאָס אייגנטאָניקע, נאָר זייער פריילעכע אָטעמען פון אַ קאַטיער, ווען אויפן אַמור האָבן זיך ווידער באַוויזן שטיקער שוים, — אַ באַווייז, אַז דער טייך סונגאַרי האָט שוין איבערגעגאָסן דעם צווייטן וואַל וואַסער און דער אַמור רייסט שוין ווידער די ברעגן. דאָס וואַסער האָט שוין געהאַט אונטערגענעצט די ביידלעך. לענגער בלײַבן אויפן פּאַסעקל ערד, וואָס איז שוין אויך באַלד פאַרטרונקען געוואָרן, האָט מען ניט געקאָנט, און די קאָמונאַרן האָבן זיך געגרייט אַרויפצוקריכן אויפן סטויג . . .

— ס'קלאַפּט אַ קאַטיער! — האָט זלאַטקין, וואָס האָט נאָכגעשפּירט אַלץ אַרום און אַרום, מיטאַמאָל אויסגעשריען.

אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן. די פערד האָבן אויך אויפגעהויבן די קעפּ און אָנגעשטעלט די אויערן.

— אַ קאַטיער!

— מען איז געראַטעוועט!

— ציימלען די פערד!

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פערד און זיינען גרייט געווען קושן זיי אין די אויסגעשטרעקטע מאָרדעס אַריין. די פריילעכע קלאַפּעריי האָט זיך דערנענטערט.

— העי! העי! — האָט זיך געטראָגן פון קאַטיער אַ געשריי.

— פריד . . .

— יאָ, ער . . .

— צושלעפּן נעענטער די מאַשינעס! — שרייט ריוּוקין, און ער גיט זיך

אַליין אַ שפּאַן איין אין אַ שנייד־מאַשין און שלעפּט זי צום ברעג.

זיי האָבן געשלעפּט די מאַשינעס, און די אויגן אָנגעהאַנגען אויפן קאָ־טיער, וואָס האָט געאײַלט צו זיי.

— ווער פאָרט דאָרט מיט פרידן, נאָך עמעצער פאָרט?

— וואו?

— אָט, נאָך עמעצער, אַן אַלטער.

— פאָגרעביצקי?

— יאָ, דער אַלטער.

די גרויע קאָפּ פון דעם אַלטן פאָגרעביצקי פלאַטערט. דער ווינט צע־שויבערט זיינע זילבערנע האָר, זיינע ברוינע קינבאַקן צוקן, ער איז ערנסט ווי אַ גאָר וויכטיקער שליח: ער קומט אין שליחות פון פאַרטיי, דער אַלטער, ער איז דער סעקרעטאַר פונעם פאַרטיי־קאָמיטעט פון דער קאָמונע, דער אַלטער שוסטער. קומט ער ראַטעווען די העלדישע קאָמונאַרן מיט די פערד.

— קיין שום מאַשינעס! — שרייט דער אַלטער, — דעם לעבעדיקן אינ־ווענטאַר בלויז. אַזאַ באַשטימונג פאַראַן פון דער רעטונגס־קאָמיסיע ביים אויספירקאָם!

בינדט מען פעסט און שטאַרק די מאַשינעס צום סטויג, מען פאַרקרעמ־פּעוועט זיי מיט קייטן און מיט שטריק, מען פירט אַרויף די פערד אויפן באַרקאַס און מען לאָזט זיך שניידן דעם אַמור אַראָפּ־וואַסער.

ווען מען איז שוין אויפן וואַסער, דערמאָנט זיך פלוצלינג ריווקין, גיט זיך אַ הייב אַנטקעגן פאָגרעביצקין און זאָגט צו אים מיטן טאָן פון אַ ראַ־פּאָרט:

— חבר פאָגרעביצקי, דער פּלאַן איז אויסגעפילט . . . אויפן טאָרע־באַרעווער איינדזל ליגט פאַרגרייט זיבעציק טויזנט פוד . . .

— גוט, גוט . . . — רייסט אים איבער דער אַלטער. — וועסט ראַ־פּאָרטירן שפּעטער . . . אין פאַרטקאָם . . .

פּיווקע גיט אַ קוק אויפן ברייטן וואַסער, און עס כאַפּט אים אַרום אַ מאָדנע פרייד. ער גיט זיך אַ וואַלגער אין אַ ווינקל קאַטיער און גיט פלוצעם אַ הויכן זונג, פון דער פולער ברוסט:

„או קיטייצעוו גענעראַלי,
ווסיע וואַיאַקי סמעליעו!" . . .

— דערעיקר, — זאָגט דער אַלטער, — מיט פּיטער איז די קאָמונע פאַרזאָרגט, האָ?

— אַ פאַקט! — ענטפערט פריילעך ריווקין, און אַ נצחון־פייערל שיינט אויף אין זיינע אויגן.

1933 י.

## דאָס ערשטע לעמפּעלע

אָט דער טאָג איז ביי דבורהן געווען דער שווערסטער. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אויפגערעגטע און אַ בייזע און האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

— וואו איז ער אַהינגעקומען, דער ליכטיקער פאַרשוין, וואָס פאַר אַ שוואַרציאָר האָט אים פאַרשלעפּט, — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין און געבערנט פאַר כעס.

זי איז אַרויס פון שטוב, האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער די הייזער, איבער די שטאַלן און איז באַלד צוריק אַריין אין שטוב. זי האָט באַשלאָסן, אַז ווען ער וועט אַריינקומען, וועט זי אים אָפּשפּילן אַזאַ פריילעכס, אַז עס וועט אים פאַרגיין אין די אויערן. ערשט נעכטן ביינאַכט האָט איר שמואל פאַרשפּראָכן, אַז היינט וועט זיין דער לעצטער טאָג. אַז נאָך היינט הייבן זיי זיך אויף און פאָרן אַוועק אין שטאָט אַריין. עס איז ניט פאַר זיי דאָס לעבן אין דאָרף. ער זעט שוין אַליין, אַז עס איז אַ שאָד די צייט, וואָס זיי פּטרן דאָ. ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט אויפשטיין, גייט ער אַריין אין קאָנטאָר און הייסט זיך מאַכן אַ רעכענונג, אָן אַ רעכענונג אַוועקפאָרן — דאָס ניט, עס זאָל אים אַפילו אויסקומען צוצאָלן איך ווייס וויפל. איז ער אויפגעשטאַנען גאַנצפרי, האָט איינגעפּאַקט דאָס ביסל פאַרמעגן זיינס און איז זיך אַוועק אָפּרעכענען. איז אַוועק אַ שעה, צוויי, איז אַוועק אַ האַלבער טאָג, און שמואל איז ניטאָ. דבורה האָט שוין אים אַרומגעזוכט אַפילו אין קאָנטאָר, האָט זי געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן, איז זי אַוועק אין וואַלד, האָט זי אים דאָרט אויך ניט געפונען.

— אַ וויסטן סוף וועט ער שוין האָבן, דער פאַרפירער, — האָט זי געבערנט פאַר כעס. שפּעטער האָט זי שוין גענומען טראַכטן, אפשר האָט זיך מיט אים עפּעס געטראָפן, ווער ווייסט, ס'איז דאָך אין טייגע, אפשר אַ ווילדע חיה . . . ס'איז טאַקע זומער, אָבער דאָ קאָן אַלץ זיין. איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ שרעק.

און שמואל, וואָס האָט נאָך נעכטן געהערט, אַז גאָר פרי גייט דאָס גאַנצע דאָרף אַרויס צו די קלעצער, איז שוין פון באַגינען געזעסן אויף אַ קלאָץ רייטנדיק און האָט פון אים געשיילט די קאָרע. ער האָט אים אָפּגעפּוצט און אָפּגעגלאָטיקט — שפּיגל. עס איז אים היינט געווען פריילעכער אויפן האַרצן ווי יעדן טאָג. ער איז געשפּרונגען פון איין קלאָץ צום אַנדערן

און האָט זיך פריילעך אונטערגעזונגען. און גאָר מחיהדיקער האָט היינט געשיינט די זון. זי האָט אַזוי ליבלעך געוואָרעמט. לוסטיק איז די האַק אין זיינע הענט געשפּרונגען. און די קלאַפּערייַ האָט פריילעך אָפּגעהילכט אַרום און אַרום.

דערנאָך האָט מען סלופּעס אויפגעשטעלט. ווייסע, גלאַטע, האָבן זיי געשטאַרצט מיט די שפּיצן אין דער הייך. שמואל האָט פּאַרריסן דעם קאָפּ, ער האָט געשיינט. אָט זעט ער, ווי די מאָנטיאָרן קלעטערן שוין אויף די סלופּעס, אָט וועלן זיי אָנציען די דראָטן. און די שטראַלן פון דער זון וועלן זיך שפּיגלען אין די לעמפּעלעך.

און ווען מען האָט שפּעטער אויפגעשטעלט אַ סלופּ פּונקט אַנטקעגן זיין פענצטער, האָט דבורה דערזען שמואלן, וואָס איז געשטאַנען מיט דער האַק אין האַנט, די אַרבל פונעם העמד פאַרקאַטשעט, דאָס היטל פּאַררוקט אויפן שטערן און דעם קאָפּ פּאַרריסן אויף אַרויף צום שפּיץ, וואו מען האָט אויפגעהאַנגען אַ לעמפּעלע. ער איז געשטאַנען אַ באַלויכטענער פון די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון און האָט ברייט געשמייכלט. דבורה האָט אויף אים געוואָרפן אַ בייזן בליק. דער כעס האָט זיך אין איר נאָך מער צעברענט. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער אָנגעצונדן און אַ זעץ געטאָן

— אַ וויסטן סוף וועסטו שוין ביי מיר האָבן, שיינער מאַן מיינער!

שמואל האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, האָט אַ פּאַך געטאָן מיטן היטל איבערן קאָפּ, און אויסציענדיג די האַנט, אָנגעוויזן צום שפּיץ פון סלופּ:

— זע, דבורה, עלעקטרע! . . .

⁂

און אין אָוונט, ווען די לעמפּעלעך האָבן זיך אָנגעפילט מיט העלער שיין און אַלע איינוואוינער פון דאָרף זיינען געשטאַנען און אַרויפגעריסן די קעפּ און ווען די קינדער זיינען אַרום די סלופּעס אַרומגעשפּרונגען און האָבן מיט קלינגענדיקע קולעכלעך געלאָזט וויסן דער גאַנצער וועלט, אַז אין דער טייגע האָט מען איליטשעס לעמפּעלע אָנגעצונדן, איז דבורה צוגעגאַנגען צו איר פּאַרפּאַקטן קאַסטן, אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס ווייסע אויסגענייטע קאָפּטל, וואָס זי האָט געהאַט בדעה אָנצוטאָן נאָר דאַן, ווען זי וועט זיך מיט די חנעוודיקע נעזלעך, וואָס זיינען ביי איר געווען דער סאַמע יום-טוב, האָט זיך אין דעם אַלעם אויסגעפּוצט און האָט זיך דערביי דערפילט, ווי זי וואָלט אויף אַ חתונה געגאַנגען. און דאָס ערשטע מאָל, זינט זיי

געפינען זיך אין טייגע, האָט זי שמואל אונטערן אָרעם גענומען, און זיי זיינען אַוועק שפּאַצירן איבער די פריילעכע באַלויכטענע סטעזשקעס, וואָס פירן צום שמעקנדיקן גרינעם וואַלד.

ווייט אַרום האָט אין דער נאַכט אָפּגעקלונגען דאָס לוסטיקע געשריי פון די קינדער:

— איליטשעס לעמפּעלע האָט מען אָנגעצונדן!

איליטשעס לעמפּעלע!

איליטשעס . . .

# אַ מאָדנער בעל־עגלה

— עס איז פאַראַן אַ פור! — האָט, נאָך אײדער דער צוג האָט זיך אינ־גאַנצן אָפּגעשטעלט, אויסגעשריען אײנער פון די פּאַסאַזשירן, אָנווײַזנדיק אויף אַ קלײנוואוקסיק יידל, וואָס איז געשטאַנען ביים וואָקזאַלעכל מיטן בײַטשל אונטערן אָרעם און געקוקט אויפן אָנקומענדיקן צוג.

אָט דער אויסגעשריי האָט אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער ביי די איבעריקע פּאַסאַזשירן, וואָס זײַנען מיט דעם אייגענעם צוג געקומען.

— אַ פור איז טאַקע פאַראַן, חבר זינגער, נאָר אַ בעל־עגלה איז אויך פאַראַן, — האָט אַ שמאָרע געטאָן מיט זײַן לאַנגער, שאַרפער נאָז דער עט־וואָס געבויגענער בוכהאַלטער פײַן, אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן און אָפּטרעטנ־דיק דעם וועג פאַרן חבר זינגער. — און אײַך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, — וועט אוודאי אויסקומען זיך באַקאַנען מיט אונדזער בעל־עגלה.

— איז דאָך גוט! — האָט אונטערגעכאַפּט דער חבר זינגער. — אַז ס'איז פאַראַן אַ פערד מיט אַ וואָגן און מיט אַ בעל־עגלה דערצו, איז וואָס קען מען זיך גאָר ווינטשן בעסערס? . . . — ער האָט אַ צופרידענעם לויף געטאָן מיט זײַנע זשוואַווע שוואַרצע אייגלעך איבער די וואַגאָנעס פונעם אָפּלויפנדיקן צוג, האָט אונטערגעשפּילעט דעם קאָלנער פונעם לעדערנעם מאַנטל, אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבערן שוואַרצן שפּיציקן „קמץ״־בערדל און זיך געלאָזט גיין איבערן פייכטן הילצערנעם פּעראָן, שטעלנדיק גאַנץ פאַרזיכטיק די פיס מיט די גלאַנציקע שטאַרק־אויסגעפּאַסטע שטיװועלעך. — און באַלד טאַקע וועלן מיר פאָרן, — האָט ער מיט אַ ברייטן באַלעבאַטישן זשעסט אָנגעוויזן צום קלײנעם וואָקזאַלעכל, וואו דער בעל־עגלה איז געשטאַנען.

— אויב אַזוי, קאָנט איר ניט אונדזער חבר עטקין, דעם בעל־עגלה אונדזערן, — שמייכלט דער בוכהאַלטער פײַן. — דאָס איז, זאָג איך אײַך, אַ הונט מיט אויערן, וואָס די וועלט האָט ניט געזען. געקומען איז ער אַהער גאָר ניט לאַנג. עפּעס אַ שניידערוקל פון דער אויסרייסעניש. און דאָ איז ער זייער גיך געוואָרן פון די פאַרברענטסטע בירא־בידזשאַנער פּאַטריאָטן. קומט, זאָג איך אײַך, לאָמיר גיין צופוס, כל־זמן ס'איז נאָך ליכטיק, און מאַכט זיך ניט נאַריש. עס איז נאָך ניט געוועזן דער מענטש, וועמען עטקין זאָל פירן פון באַן אין אַזאַ מין־אַ וועטער. קומט בעסער גלייך צום וועג. זעט,

ווי חברה שטעלט פיס, — האָט ער אָנגעוויזן אויף נאָך דריי פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אַפילו קיין שמעק ניט געטאָן צום בעל־עגלה און זייַנען אַוועק צופוס איבער דער בלאָטיקער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט פון באַן גלייך צו די הייזער, וואָס שטייען אויף דער סאָפּקע. — קומט, חבר, — האָט אים פּיין זייער לייכט אָנגערירט ביים אַרבל. — ס'איז אײַנגאַנצן זיבן קילאָמע־טער. כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער, ער וועט ניט נעמען.

— ניין, ניין, — דערווידערט זינגער און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגן: „נישקשה, מיר וועלן זען, ווער שטאַרקער איז", און ער לאָזט זיך גלייך צום קליינעם וואָקזאַלעכל, וואָס קוקט צום פאַרנאַכטיקן דרויסן מיט איין־און־אײנציקן שוואַך באַלויכטענעם פענצטער. — מיר וועלן פאָרן, — זאָגט ער מיט אַ זייער זיכערן טאָן, — איך — אַוודאַי, און איר — ווי איר וועט וועלן. — ער איז געווען זייער גוט געשטימט, צופרידן, דער אָנ־געפאָרענער קאָמאַנדיראָוואָטשנער, וואָס ער וועט ניט דאַרפן גיין צופוס אַזאַ מהלך, און די צופרידנקייט זייַנע האָט ער אויסגעדריקט פאַרן בעל־עגלה. ער האָט אים פרייַנטלעך באַגריסט, אויף וואָס עטקין האָט פרייַנטלעך גע־ענטפערט מיטן טאָן אַ פאַרנייג דאָס בייטשל צו דער ערד.

— מיר פאָרן באַלד? — פרעגט זינגער און רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט.

— וואָס דען, מיר וועלן דאָ נעכטיקן? — ענטפערט עטקין און מעסט אָפּ דעם פּאַסאַזשיר מיט זייַנע קליינע, שטאַרק באַוועגלעכע גרויע אייגע־לעך, וואָס זייַנען באַהאַנגען מיט גרויסע אָפּגעבליאַקעוועטע בייזע ברעמען.

— פונוואַנען איז אַ ייִד? — פרעגט ער, און זייַנע אָנגעדראָלענע, פייכטע, היפּשלעכע ליפּן שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן אָנעם וויסן פון זייער באַלעבאָס אָן אויפהער געשאָלטן. — און איר? — פרעגט ער ביים בוכהאַלטער, — איר ווייסט ניט דעם וועג? איר ווילט אויך פאָרן?

דער בוכהאַלטער ענטפערט ניט. ער קוקט ניט אין זייַן זייט, ווי ער וואָלט שוין פון לאַנג געווען מיט אים צעקריגט.

— איר זעט שוין, — זאָגט ער צו זינגערן, — כ'האָב אייך געוואָרנט.

— נישקשה, נישקשה, — באַרואיקט אים זינגער. — מ'עט פאָרן. — זאָגט ער אַ צופרידענער און פרעגט ביי עטקינען, ווי זייער אַ היימישער מענטש, נאָר וועלכער איז שוין דאָ אַ שטיקל צייט ניט געווען: — דער וועג איז דען אַזאַ שלעכטער?

— האַ, דער וועג! — כאַפּט זיך עטקין און רוקט אַרויף דאָס היטל, ווי ער וואָלט זיך וועלן בעסער אייַנקוקן אינעם פּאַסאַזשיר. — איר קענט ניט אונדזערע וועגן? ס'ערשטע מאָל ביי אונדז אַוודאַי? — פרעגט ער, און זייַנע קליינע, עטוואָס פאַרטערערטע אייגעלעך גיבן אַ גיכן לויף איבער זינ־

גערן און שטעלן זיך אָפּ אויף די גלאַנציקע, שטאַרק אויסגעפּאַסטע שטי־וועלעך, וואָס שיינען אַראָפּ פון זינגערס פיס, ווי פון אַ פענצטער אַרויס אין אַ פיינעם שוך־מאַגאַזין. — איז ווער־זשע זייט איר טאַקע? — פרעגט עט־קין נאָכאַמאָל, דרייענדיק דאָס בייטשל אונטערן אָרעם.

זינגער איילט ניט מיטן פאָרשטעלן זיך פאָרן בעל־עגלה. עס הייבט אים אָן פאַרדריסן, ער פאַלט אָפּילו אַריין אין אַ לייכטן כעס, נאָר ער פאַר־בייסט אַ ליפּ און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— אייערע וועגן קאָן איך גאַנץ גוט. און ניט דאָס ערשטע יאָר בין איך אין בירא־בידזשאַן. דאָ, ביי אייך, בין איך שוין אויך אַ שיינע פּאָר מאָל געווען, נאָר איר זעט דאָ אויס צו זיין אַ נאָרוואָס געקומענער, אַז איר פרעגט, ווער איך בין.

— אַט, אַט, אַט דאָס, זעט איר טאַקע, קאָן זיין, — באַשטייט עטקין אויף זינגערס רייד און גיט צו אים אַ טייטל מיט דער בייטש: — פּונקט געטראָפן! איז ווער־זשע זייט איר דאָס, אויב אַזוי?

— ווער איך בין, וועל איך אייך שפּעטער זאָגן, אין וועג, פאַרט דערווייל, — זאָגט זינגער אין אַ ביסל אַ באַפעלערישן טאָן און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס פערד־און־וועגעלע.

נאָך אויף דעם קאָן עטקין ניט איינגיין. ער האָט פיינט, אַז מען שטעלט אים אַזוינע באַדינגונגען.

— איר ווילט זאָגן — זאָגט, איר ווילט ניט — זאָגט ניט. עס איז אייער סחורה און מיין געניי.

— אַט אַ ייד אַ פּריטשעפּע, — פאַלט אַריין דער בוכהאַלטער אין זייערע רייד. ער האָט דאָ גערעכנט איינס פון די ביידע: אָדער ער וועט אויסשפּילן און וועט זיך זעצן גלייך מיט זינגערן אויפן וואָגן, און אויב ניט, וועט ער אויף טשיקאַוועסט בלייבן דאָ לעבן זיי און זען, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. אַז ער זעט אָבער, ווי זינגער כאַפּט זיך ניט צו רעקאָמענדירן זיך פאַרן בעל־עגלה, פּרוּווט ער פאַרגלעטן יענעמס טעות און רופט זיך אָפּ: — וואָלט איר געקומען צו אונדז מיט אַ דריי־פיר יאָר פריער, וואָלט איר גוט געקענט דעם ראַיאָנעם נאַטשאַלניק פון סנאַבזשעניע — טייטלט ער מיטן גראָבן פינגער אויף עטקינען.

— האָ?! — האָט זיך פון עטקינס האַלדז אַרויסגעריסן אַ פאַרוואונ־דערטער געשריי. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן אויף צוריק, אַ כאַפּ געטאָן דאָס בייטשל פון אונטערן אָרעם אַפּיר און האָט זיך איינגעקוקט אין זינגערן מיט צוויי אויגן, וואָס האָבן זיך אומגעהייער פאַרגרעסערט. — הערט איר. — גיט ער אַ שפּרונג צו אים, — איז וואָס־זשע שווייגט איר, אויב אַזוי?

קלאַפּט זשע איין. מיר זיינען דאָך גאָר שטיקלעך קרובים! — ער האָט גע־רעדט גיך, פריילעך. נאָר זיינע גרעסער געוואָרענע אויגן האָבן עפּעס מאָדנע אויפגעגלאָנצט, די ביינער פון די אַ ביסל איינגעפאַלענע מאַטע באַקן זיי־נען רויט געוואָרן, דאָס היטל האָט זיך אים פאַרוקט נאָך העכער, און צו־בויפדריקנדיק דאָס בייטשל אין די ביינערדיקע פינגער, טוט ער ווייטער אַ וואָרף: — הערט, שטייט ער און שווייגט. פאַרוואָס זשע האָט איר דאָס באַלד ניט געזאָגט? וואָס האָט איר געשוויגן? — ער בלייבט מיטאַמאָל שטיל, קוקט אויף זינגערן מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, און די ליפּן הייבן אים אָן צו ציטערן נאָך שטאַרקער. דערנאָך גיט ער צוריק אַ פאַרשטעק דאָס בייטשל אונטערן אָרעם און זאָגט מיט זייער אַ ווייך, ליבלעך שמיי־כעלע: — וואַרט צו אַ ווײַלינקע, באַלד פאָרן מיר. כ'ל זיך נאָר אַריינ־כאַפּן אָפּנעמען די פּאַטשט. אָט שוין־שוין פאָרן מיר. — ער האָט זיך אַ הויקער געטאָן און איז גיך אַריין צום נאַטשאַלניק פונעם וואָקזאַלעכל.

— זעט איר שוין, כ'האָב אייך געזאָגט, אַז מיר וועלן פאָרן, — גיט זיך זינגער אַ לעבעדיקן דריי אויף די אָפּצאַסן און הייבט אויף דעם קאָפּ צום כמורנעם פאַרנאַכטיקן הימל.

— דאָס איז טאַקע נאָר צוליב אייך, חבר זינגער. — שמייכלט דער בוכהאַלטער. — איר'ט געזען, ווי דער דאַשעק האָט זיך אים פאַרדרייט! דרך־ארץ פאַר נאַטשאַלסטווע, האַ? — לאַכט ער מיט אַ ווייך געלעכטערל, און די שאַרפע נאָז זיינע שוויצט און שיינט פון נחת. — אַזוי, זאָג איך אייך, איז דאָס אַ טשודאַק אַ מענטשל. ביי אים איז דאָס פערדל טויזנט מאָל טייערער ווי אַ פּאַסאַזשיר. נאָך אַ מינדסטן רעגנדל, אָדער זאָל ער דאַרט פירן אַ צוויי־דריי פודלעך משא, אַזוי טרייבט ער שוין פון וואָגן. איז מיינט איר דאָך אַוודאי, אַז אַליין פאָרט ער יאָ? האָט איר אַ גרויסן טעות. ער איז געגליכן צו יענער ליטוועטשקע, וואָס האָט אַליין קיין הנאה ניט געהאַט פונעם לעבן און האָט ניט געלאָזט, אַז עמעצער זאָל פון איר הנאה האָבן.

זינגער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן בוכהאַלטערס אַקסל און האָט געלאַכט, צוזשמורענדיק איין אויג:

— פאַראַן געַנוג טשודאַקעס אויף דער וועלט, — זאָגט ער, קוקנדיק צו דער טיר, וואָס פירט פון וואָקזאַלעכל אַרויס, — איז פאַרוואָס־זשע זאָל עס בירא־בידזשאַן זיין אַן אויסנאַם?

ווען עטקין איז צוריק אַרויס פון וואָקזאַלעכל, האָט שוין געהאַלטן ביי צופאַלן די נאַכט. אַרום דער קליינטשינקער באַן־סטאַנציע איז געוועןן שטיל. דער נאַטשאַלניק, וואָס איז אַרויס אינאיינעם מיט עטקינען, איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל, האָט אויסגעצויגן אַ לאַנגן פאַרשלאָפענעם גענעץ

און האָט נאָכגעקוקט די פאַרשווינבען, וואָס זיינען אַוועק מיטן וועג, וואָס פירט גלייך פון וואָקזאַלעכל צו דער טייגע.

— איז קומט! — טרייבט זיי עטקין אונטער. — לאָמיר גיין פאָרן. — ער האָט געטראָגן אויף די אַקסלען אַ פולגעפּאַקטן רוקזאַק, און אונטערן צווייטן אָרעם — דאָס בייטשל, וואָס ער האָט אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט.

עטקין איז אַוועק פאָראויס. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען דער ראַיאָ־נער נאַטשאַלניק פון סגאַבזשעניע און דער בוכהאַלטער פונעם נאָענט ליגנדן ישוב. אַ שטיק וועג זיינען זיי אָפּגעגאַנגען שווייגנדיק. עטקין האָט גע־שפּרייזט פון פאָרנט מיט זיינע פעקלעך, און זינגער מיט פיינען האָבן יע־דער איינער גאַנץ באַזונדער געזוכט אין פאַרשיידענע זייטן דאָס פערד־און־וועגעלע. נאָר געזען האָבן זיי גאָרניט. פון איין זייט, ווייט פאָררוקט פונעם וועג, האָט זיך געטונקלט אַ געדיכטער וואַלד און פאָראויס האָט זיך אַוועק־געצויגן אַ בלאָטיקער וועג צווישן נידעריקע, שיטערלעך אויסגעוואַקסענע קוסטאַרניקעס.

— שטייט, זאָגט נאָר! — האָט זיך זינגער אַ כאַפּ געטאָן און איז גע־בליבן שטיין אויף צווי קליינע בערגלעך, וואָס האָבן זיך פון דער בלאָטע אַרויסגעהויבן, — איר וואָלט אפשר צוגעפאָרן אַהערצו, וואָס פירט איר אונדז אין די בלאָטעס צום פערד?!

— וואָס־זשע, אַ גרויס אומגליק, — ענטפערט עטקין און גיט אַ דריגע מיטן שפּיציקן עלנבויגן. — אָט, באַלד־באַלד, אָן דאָרט שטייט דאָס פערד־און־וועגעלע. שוין ניט ווייט, באַלד וועט איר זיך אויפזעצן און פאָרן. — ער פאַרגיכערט דעם טראָט און טרייבט זיי אונטער: — קומט, קומט גיכער אַ ביסל. — ער זעצט די פיס, ווי עס מאַכט זיך, און קוקט זיך ניט אום אויף הינטן. — איר פאַרשטייט, — זאָגט ער, ניט אומקוקנדיק זיך, — ס'איז אַ שרעקעוודיק פערדל ביי מיר. ס'האָט מורא פאַר אַ באַן אימת־מות.

זיי זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. זינגער האָט געזוכט בערגלעך. ער האָט געטאַפּט מיט די פיס פאַרטריקנטע ערטער אונטער דער בלאָטע און מיט כעס־פאַרלאָפענע אויגן האָט ער געקוקט אויף עטקינס אַרויסשטאַרצנדיקן שפּיציקן עלנבויגן. „אָט אַ טשודאַק אַ בעל־עגלה!“ — האָט ער געקריצט מיט די ציין.

— כ'האָב אייך געזאָגט, אַז איר קענט ניט אונדזער חבר עטקין, דעם־אַ בעל־עגלה אונדזערן, אַזאַ מאָדנעם בעל־עגלה האָט נאָך די וועלט ניט געזען, — זאָגט זייער שטיל דער בוכהאַלטער און גיט צו: — וואָלט איר אָבער מיך געפאָלגט, וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אויף דער סאָפּקע.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. פון וואַלד האָט אַ יאָג געטאָן מיט אומ־היימלעכער טונקלקייט, און זינגער האָט שוין ניט געקאָנט אויסקוקן די בערגלעך, וואָס הייבן זיך פון דער בלאָטע אַרויס.

— היי, באַלעגאָלטשיק! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו עטקינען, וואָס האָט גיך געשפּרייזט פאָראויס. און שוין ניט שאַנעווענדיק זיינע גלאַנ־ציקע שטיוועלעך, האָט זיך זינגער אַ לאָז געטאָן דורך דער בלאָטע גלייך צו עטקינען, — איר טרייבט קאַטאָוועס, האַ, וואו האָט איר דאָס פערד?

דאָ האָט זיך עטקין אַ דריי אויס געטאָן צום ראַיאָנעם נאַטשאַלניק פון סנאַבזשעניע, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט אויסגעצויגן צו אים דעם נאַקעטן לאַנגן האַלדז, און מיט אַ געשריי, וואָס האָט זיך צעשאָטן איבערן וואַלד, האָט ער זיך אַ שניט געטאָן מיטן בייטשל איבער די געפּאַסטעטע כאַ־ליעווקעלעך פון זינגערס פיינע שטיוועלעך:

— פאָרן ווילט איר, האַ? און צופוס זייט איר קראַנק צו גיין? פערד זאָל מען פאַר אייך אַרויסשיקן צום באַן? און האָבער פאַר די פערד האָט מען באַזאָרגט? האַ! — האָט ער געשמיצט מיטן בייטשל אַרום זיך און גע־שניטן די לופט, אַז ס׳האָט אַזש געסוויסטשעט אַרום און אַרום. — איר האָט עפּעס אַ סך האָבער באַזאָרגט פאַר די פערד, וואָס איר ווילט פאָרן?

דער בוכהאַלטער האָט זיך אַפּגעטראָגן — ער איז אַוועק פאָראויס, און זינגער האָט געשטעלט טריט אויף צוריק, אויסהיטנדיק זיך פון עטקינס צעווילדעוועט בייטשל, מיט וועלכן ער האָט געוואָרפן אינדערלופטן.

און עטקין האָט געהאַלטן אין איין קנאַקן מיט דער בייטש, ער האָט אויפגערודערט דעם וואַלד מיט זיינע געשרייען, און ווען ער האָט געזען, ווי זינגערס שטיוועלעך זיינען שוין אינגאַנצן אויסגעשמירט אין בלאָטע, איז ער אַראָפּ פון וועג און איז אַוועק אַהיים דורכן וואַלד, איבער אַ קירצערן וועג, וואָס נאָר ער אַליין האָט פון אים געוואוסט.

דער בוכהאַלטער האָט זיך דערנענטערט צו זינגערן און אים גע־האָלפן אַרומוואַשן די בלאָטע. זיי האָבן ביידע געשוויגן און האָבן זיך גע־שעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. פיין האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן זינגערן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. און זינגער האָט געברענט פאַר כעס. ער האָט פאַרוקט די הענט אין די טיפע קעשענעס פון מאַנטל און האָט זיך געלאָזט שפּרייזן איבערן בלאָטיקן וועג.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג מיטן וואַלד, האָט עטקין אויסגעקערט דעם

קאָפּ. ער איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט, ווי זיינע צווײ פאַרשווינען האָבן געשטעלט די פּיס אין דער פּינצטער, האָט באַכאַמאַל אַ קנאַל געטאָן מיטן בייטשל און איז אריין טיף אין וואַלד, אַריבעריאָגנדיק זיי מיטן קירצערן וואַלד-וועג, וואָס נאָר ער אַליין האָט פון אים געוואוסט.

# אין איינעם אַ פרילינג

איז פונקט דאַן, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן גיין אויף אַ לאַד, ווען עס האָבן זיך ערנסט און אויף שטענדיק באַזעצט מענטשן, וואָס האָבן איבער־געלעבט אַ סך שווערע טעג, ווען בערקאָווער, דער פאַרזיצער פון קאָלווירט, וואָס האָט אויסגעזעצן ווי איינער, וואָס הייבט אָן קומען צו זיך נאָך אַ שווע־רער, לאַנגער קרענק, האָט אויסגעגלייכט דעם דאַשעק און שוין געוואָלט נעמען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, כדי אָנצוקלינגען אין געגנטלעכן צענטער, מען זאָל אים פון דאָרט צושיקן נאָך עפּעס אַ רעכט ביסל איבערוואַנדערער, — פונקט דענסמאָל האָט ער דורכן פענצטער פון קאָנטאָר דערזען גרינען, דעם פאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפט, גיין אַ צעטראָגענעם פונעם וועג, וואָס פירט צום שכנישן אוקראַיינישן קאָלווירט.

גרינס פנים האָט זיך געכמורעט. אַ פאַרטראַכטער איז ער צוגעקומען צו דער טיר פון קאָנטאָר, שטיל האָט ער די טיר אויפגעמאַכט, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן בערקאָווערן און האָט אים שווייגנדיק אָנגעקוקט מיט זיינע מידע אויגן.

— וואָס איז געשען? — פרעגט בערקאָווער און סטאַרעט זיך אַריינ־צוקוקן טיף אין גרינס אויגן אַריין.

— גאָרניט. — ענטפערט גרין און קערט אָפּ אַ ביסל דעם קאָפּ אין אַ זייט.

— וואָס־זשע פאַרט?

— גאָרניט . . .

בערקאָווער טוט זיך האַסטיק אַ דריי אויף דער שטול. די שטול גיט אַ קרעכץ, ווי די משא אויף איר וואָלט זיך פאַרשטאַרקט. ער גיט זיך אַ בייג אַריבער צו גרינען און נעמט אים אָן ביי דער האַנט:

— גאָרניט, זאָגסטו, האַ? — ער איז שטאַרק צעטראָגן, בערקאָווער. ער וואַרט אויף עפּעס. אָט, דאַכט זיך אים, וועט ער באַלד דערהערן אַזוינס, וואָס טאָר איצט ניט געהערט ווערן.

„זאָל עס מעגלעך זיין? — פרעגט ער זיך אַליין אין געדאַנק און קוקט אויף גרינס אָנגעכמורעט פנים. — זאָל אים שוין ווידער האָבן באַפאַלן דאָס משוגעת?" ער פאַרקוועטשט די פויסטן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ פּאָר לייי־צעס אין די הענט. אים דאַכט זיך, אַז ער העלפט איצט שטויסן זייער אַ שווערן וואָגן באַרג־אַרויף. מען טאָר דעריבער אויף קיין האָרעלע ניט נאָכ־

לאָזן, מען טאָר ניט לאָזן די רעדער אויף קיין איין שפאַן זיך דרייען אויף צוריק.

גרין זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַרום טיש הייבט אָן אַרומקריכן אַ נאָגנדיקע שטילקייט. בערקאָווער קאָן עס ניט פאַרטראָגן, ער גיט זיך אַ הייב אויף און לייגט אַרויף די האַנט אויף גרינס אַקסל:

— רייד, ווי צו אַ חבר! וואָס איז געשען?

גרין ענטפערט ניט. די ברייטע אַקסלען זיינע לאָזן זיך אַראָפּ, הייבן זיך צוריק אַרויף, און דערנאָך זיפצט ער אָפּ:

— שווער צו לעבן אַזוי . . .

בערקאָווערס אויגן קנייטשן זיך צונויף. צוויי שאַרפע שפּעלטעלעך עסן זיך איין אין גרינען, קריכן אין אים טיף אַריין, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס אַרויסקריגן ביי אים, עפּעס דערגיין. אַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט אַריינצוקוקן אין די אויגן פון די מענטשן, וואָס פלעגן קומען צו אים און סטראַשען מיט אַוועקפאָרן. ער האָט זיך אויסגעלערנט דערגיין, צי וויל מען מיט דעם עפּעס אַרויסקריגן ביי אים, אָדער מען גרייט זיך טאַקע אויפאָנ־אמתן אַוועקצופאָרן. אין גרינס אויגן זעט ער בלויז אַ מוטנע טונקלקייט, און ער דערמאָנט זיך אין דעם אינטימען שמועס, וואָס ער האָט מיט אַ צייט צוריק מיט אים געהאַט. דאַן איז ער אויך געקומען און געזאָגט: „ס'איז מיר שווער אַזוי . . .״ און ער האָט געבעטן, מען זאָל אים באַפרייען פון דער אַרבעט. דאַן האָט זיך עס אויסגעלאָזט צו אַ באַזונדער צימער, וואָס מען האָט אים אָפּגעגעבן אין דעם ערשטן הויז, וואָס מען האָט אויסגעבויט דאָ טאַקע, אויף דעם אָרט, וואו עס שטייען היינט די הייזער פון קאָלווירט. איצט דערקאָנט ער אין זיינע אויגן, אַז די שווערקייט איז עפּעס אַן אַנדערע, ער ווייסט ניט, צי וועט ער אים קאָנען העלפן. און ער, בערקאָווער, וואָס איז מיט גאַנצע צען יאָר יינגער פאַר גרינען, האָט זיך איצט דערפילט אין דער לאַגע פון אַ זון, וואָס עס קומט אים אויס צו ריידן דעם טאַטן אַ שידוך.

— . . . וואָס־זשע, — פרעגט ער מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעלע, — מיט נאַסטיען איז טאַקע גאָרניט? . . .

— עט . . . — גיט גרין אַ מאַך מיט דער האַנט און דרייט אַוועק דעם קאָפּ צום פענצטער.

בערקאָווער ווייסט ניט, וואָס דער „עט״ באַטייט. ער ווייסט נאָר, אַז זינט גרין האָט זיך באַקאַנט מיט נאַסטיען, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, ער האָט אָנגעהויבן אויסזען גאָר יינגער. זאָגט ער דעריבער:

— פאַרקערט, זי איז דאָך זייער אַ וואוילע.

גרין גיט אויף דעם בלויז אַ שטאַרק־אויפגערעגטן דריי מיטן קאָפּ און

דוקט זיך צו האַרטער צום פענצטער. הינטער די אויערן לויפט אים אָן אַ רויטקייט, ווי דאָס בלוט וואָלט אים צוגעשפּאַרט צום קאָפּ.

— ניטאָ זיך וואָס צו שעמען, — באַרויִקט אים בערקאָווער. — איך בין דאָך אויך אַ בחור. מיינסט, איך פּיל ניט, אַז עס איז שווער אַזוי... און טאַקע איבערהאַמטן, וויפל איז דער שיעור? איך אַליין וויל שוין אויך אָנהייבן לעבן מענטשישער. אַט וועל איך אָנקלינגען, מען זאָל צושיקן נאָך איבערוואַנדערער, וועל איך טאַקע הייסן שיקן עפּעס אַ פּאָר לייטישע מיידלעך...

אויף גרינס פּנים צעגיסט זיך אַ שמייכל. ער דערפילט אַ וואַרעמקייט אין בערקאָווערס רייד, און ער קערט אום דעם קאָפּ צו אים. אויף זיינע באַקן שפּילט אַ רויט פלעמל, און ווי ער וואָלט זיך געפילט אין עפּעס שולדיק, זאָגט ער מיט אַ מין מידקייט אין קול:

— דו פאַרשטייסט דאָך... ס'האָט דאָך שטענדיק געפעלט דריי פערטל צום לעבן... דו ווייסט עס דאָך וואויל... ס'איז ניט געווען אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן... און דאָ־אָ... דער טייוול זאָל עס נעמען...

— ער האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט צו דער טייגע, וואָס האָט גע־רייצט מיט איר שיינקייט ביים זון־אונטערגאַנג, און איז שטיל געבליבן. אויף זיינע ברייטע ליפּן איז געבליבן אַ שעמעוודיק שמייכעלע פון אַן על־טערן מענטשן, ווען ער ווערט מיטאַמאָל קינדעריש־ווייך.

פּאָר בערקאָווערן זיינען גרינס רייד ניט געווען קיין בייעס. עפּעס ענלעכעס האָט ער שוין פון אים געהאַט געהערט. איצט האָט ער נאָר מורא געהאַט, טאָמער גיט גרין אַ זאָג ווי אַמאָל: „ס'וועט מיר אויסקומען אוועק־צופאָרן אין צענטער". איצט, מיינט בערקאָווער, וואָלט עס אויסגעזען, ווי מען זאָל אַרויסנעמען אַ שטיק וואַנט אין סאַמע פראָנט פון אַ געביידע, וואָס האַלט אין פאַרענדיקט ווערן. דערפאַר זאָגט ער אים:

— וואַרט, ברודער, אַט וועט מען צושיקן נייע איבערוואַנדערער...

און שפּעטער, ווען ער האָט געהאַלטן דאָס טעלעפאָן־טרייבל, האָט ער געטראַכט פון גרינען, און צוליב אים טאַקע האָט ער ניט פאַרגעסן אַריינ־צושרייען אין טרייבל אַריין, אַז צווישן די איבערוואַנדערער זאָלן זיך אומ־באַדינגט געפינען עפּעס אַ פּאָר רעכטע מיידלעך: „די בעסטע מענטשן ווילן אַוועק!" — האָט ער מיט אַלע כחות אַריינגעשריען אין טרייבל אַריין.

און ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל, האָט ער ווידער אויס־געזען באַרויִקט. ער האָט אַ קוק געטאָן צום וועג, וואָס פירט צום שכנישן אוקראַינישן קאָלווירט, און ער האָט פריילעך אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

„ער איז טאַקע אַ שלימזל, דער גרין, אַזויפיל מיידלעך זיינען פאַר דער צייט געקומען . . . ״

⁂

עס איז געווען גאָר ניט לאַנג, אין פריען פרילינג.

דער שניי אויף די פעלדער איז שוין צעגאַנגען. פון דער ערד האָבן אַרויסגעשלאָגן די ערשטע גרעזעלעך און ווי מיט אַ גרינעם פליוש האָבן זיי באַדעקט די פעלדער און די ברעגן פון די טייכן. דאָס וואַסער אין די טייכן האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ פריילעכן געררויש, און דורך דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך ווייט אין דער טיגע געטראָגן דער וואַסער־געמורמל. עס איז געווען אַ שטילע פרילינג־נאַכט.

גרין האָט אַרומגענומען די נאַכט מיט זיין הייסן בליק. ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט, איינגעזויגן דעם פרילינגדיקן אויפגאַנג. ער האָט דערפילט, ווי עס שטראָמט פריש בלוט אין זיינע אָדערן, אַזוי פריש און לויטער, ווי פריש און לויטער עס איז דאָס וואַסער אין טייך, וואָס פליסט פאַר זיינע פיס.

פונוויטנס זעען זיך די הייזער פונעם אוקראַינישן קאָלווירט. דאָרט וואוינט נאַסטיע. איצט איז נאַכט. קיין פייערן ברענען שוין דאָרט פון לאַנג ניט. דער קאָלווירט שלאָפט. די האַרמאָשקעס זיינען שטיל געבליבן. קיין געזאַנגען הערן זיך מער פון דאָרט ניט. נאַסטיע שלאָפט אויך. „שלאָפט זי טאַקע, נאַסטיע? . . . נעכטן איז זי דאָ מיט אים געזעסן, דאָ ביים טייכל, אין דער אָטעם־איינהאַלטנדיקער שטילקייט פון דער נאַכט. זי איז געזעסן לעבן אים. זי האָט שטיפעריש געוואָרפן שטיינדלעך אין וואַסער און געלאַכט, זי האָט אַזוי האַרציק געלאַכט, אַז עס האָט אים אַזש געשטאָכן ביים האַרצן. עס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט נאָך איר געלעכטער. שטעלט ער אָן די אויערן, הערט זיך אייך, נאָר עס איז שטיל אַרום אים. עס מורמלט בלויז דאָס וואַסער אין טייכל. די נאַכט איז דורכזיכטיק און שטיל.

גרין דערמאָנט זיך:

„דו ביסט אַן אַלטער״ — האָט זי אים אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אַריין. און זי האָט געלאַכט, ווען ער האָט זיך געשוואוירן מיט דער האַנט אויפן האַרצן, אַז ער איז דאָ געוואָרן יינגער.

„עלטער ווערט אַ מענטש, נאָר יינגער — דאָס האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט״. זי האָט פון אים געלאַכט, און אַזוי, לאַכנדיק, איז זי אַריין אין שטוב.

„מער וועל איך ניט קומען!״ — האָט זי צו אים געשריען דורכן אָפענעם פענצטער.

„וועט זי שוין טאַקע מער ניט קומען? . . .

ווען ער איז אַוועק פון טייך, איז שוין געווען טיפע נאַכט. די פענצ־טער פון די הייזער זיינען געווען פון לבנה־שיין און אויף די דעכער האָבן זיך געשאָקלט די שאָטנס פון די צווייגן. מיט געלאַסענע טריט איז ער אַריין צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט. דורכן ברייטן פענצטער האָט אַריינגעשיינט די לבנה און האָט באַלויכטן זיינע צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנט אַנט־קעגן פענצטער. אַ גאַנצע אייביקייט, דאַכט זיך אים, קוקט ער שוין אויף די צוויי טשעמאָדאַנעס, וואָס זיינען פאַרקלעפּט מיט פאַרשיידנפאַרביקע טאַמאָזשנע־פּאַפּירלעך.

אָט מיט די צוויי טשעמאָדאַנעס האָט זיך גרין פאַרבונדן, ווען ער איז נאָך געווען יונג. איינס אויף דאָס אַנדערע זיינען זיי אָנגעקלעפּט, די טאַ־מאָזשנע־פּאַפּירלעך. אויף דעם אַרגענטינער פּאַפּירל ליגט אַרויפגעלייגט דאָס אורוגווייער. אַ פּיצעלע קוקט בלויז פון דעם אַרגענטינער אַרויס. אויף דעם אורוגווייער ליגט דאָס בראַזיליער, און אויף דעם בראַזיליער — דאָס פראַנצויזישע טאַמאָזשנע־פּאַפּירל.

„עס איז יאָרן, — טראַכט ער, קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע פּאַפּיר־לעך. — עס זיינען שטיקער לעבן . . . און איצט? . . .”

„דו ביסט אַן אַלטער” — קלינגט אים אין די אויערן נאַסטיעס רייד. ער איז טאַקע אַלט. פאַר זיינע אויגן פינצטערן זיך די לעבעדיקע עדות פון זיינע קאַרגאַנגענע יאָרן — די צוויי טשעמאָדאַנעס. נאָר ער פילט זיך, ווי ער וואָלט ערשט אַרויסגעפאָרן פון דער היים. ער בלייבט ליגן מיט אָנגע־שטעלטע אויערן צו דער טיפער נאַכט. ער הערט, ווי פונוויטנס רוישט דאָס פרישע וואַסער אין טייך, און אים דאַכט זיך, אַז ער הערט שוין דעם אויפ־גאַנג פון אַ יונגן טאָג.

⁂

קיינמאָל האָט זיך בערקאָווער אַזוי ניט געפילט ביים אויפנעמען אי־בערוואַנדערער, ווי דאָס מאָל. אַז מען האָט אים פון דער באַן־סטאַנציע אָנ־געקלונגען, אַז די איבערוואַנדערער זיינען געקומען, איז ער געלאָפן גלייך צו גרינען און איז פריילעך, ווי אַ יינגל, אונטערגעשפרונגען. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. שטענדיק אין דער צייט טראָגט זיך גרין אַרום איבער די שטאַלן, פאַרטיילט די אַרבעט, זעט, אַז אַלץ זאָל צו דער צייט אָפּגע־טאָן ווערן. איצט ליגט ער מיט צוויי ניט־אויסגעשלאָפענע אויגן און גע־נעצט.

— די איבערוואַנדערער זיינען שוין ביי דער באַן! — שרייט בער־

קאָווער אויס — און דו ליגסט און גענעצסט. — ער וויל איינהאַלטן די אויפרעגונג, נאָר זיין אויפגערודערטקייט גיט אים אַרויס. ער שלעפּט אַראָפּ פון גרינען די קאָלדרע און גיט אים אַ טאָרע ביים אַקסל: — שטיי אויף, נו, מען דאַרף פאָרן!

גרין קוקט אים אָן מיט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. „פאַרוואָס שיינט ער אַזוי, בערקאָווער, וואָס איז מיט אים די גדולה, וואָס פרייט ער זיך היינט אַזוי מיט די איבערוואַנדערער מער ווי אַלעמאָל?" געלאַסן נעמט ער זיך אָנטאָן. ער טוט עס אַזוי, ווי ער וואָלט דערביי געטראַכט, צי לוינט עס אים, צי ניט. וועגן בערקאָווערן, וואָס דרייט זיך אַרום אַ שמייכלענדי־קער איבערן צימער, טראַכט ער:

„ער וויל, איך זאָל מיינען, אַז נאָר צוליב מיר ברענגט ער אַראָפּ די איבערוואַנדערער". ער דערמאָנט זיך אין בערקאָווערס רייד וועגן נאַסטיען: „זי איז דאָך זייער אַ וואוילע . . ." און ער שמייכלט צו זיך אַליין, גרין, און טראַכט: „ער מאַכט זיך געפּגרט, בערקאָווער, מען ווייסט דען ניט, אַז ער גייט צו איר, ווען מען דאַרף און מען דאַרף ניט. מען ווייסט דען ניט, אַז ער קריגט פאַר איר דאָס זיבעטע קדחת . . ."

— איל זיך צו אַ ביסל, — יאָגט אים בערקאָווער אונטער.

— וואָס, דו רעכנסט מיך שיקן צו דער באַן?

— מיר פאָרןביידע, — ענטפערט בערקאָווער און גיט אַ פיר מיט דער האַנט איבער זיין גלאַט, נאָרוואָס אָפּגעגאָלט פּנים. — מאַך עס גיכער, איך וועל אַ גיי טאָן שפּאַנען. — ער איז אַרויס מיט גרינגע, פלינקע טריט און איז אַוועק צו די שטאַלן. גרין קוקט אים נאָך און צעשמייכלט זיך פונעם געדאַנק, אַז עס זעט אויס, ווי זיי וואָלטן ביידע פאָרן אָנקוקן כלות.

און באַלד האָבן זיך פריילעך דורכגעטראָגן צוויי פּאָר פערד, געשפּאַנטע אין צוויי טיפע וועגענער, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער דעם ניט לאַנג אויסגעקאָרטשעוועטן וועג. אין דעם שטילן פרימאָרגן האָט די קלאַפּעריי פון די רעדער רוישיק אָפּגעהילכט און זיך אַוועקגעקייקלט איבער דער שטילער טייגע.

בערקאָווער איז אַרויסגעפאָרן פאָראויס. פריילעך שפּילט ער מיט די לייצעס אין די הענט און טראַכט: „איצט דאַרף מען גוטע מענטשן, וואָס מיינען ערנסט בויען אַ ניי לעבן." ביז ניט לאַנג האָט זיין קאָלווירט מיט חרפּה געמראָגן דעם נאָמען „אכסניה". איצט זיצן שוין די מענטשן פעסט אויף זייער ערד, און קיין דורכפאָרער, וואָס קומען אַ שמעק טאָן, זיינען דאָ שוין מער ניטאָ. עס איז אים איצט פריילעך אויפן האַרצן. ער שמייסט אונ־טער די פערד. זיי טראָגן זיך מיט אויפגעהויבענע קעפּ. ער קוקט אויף

זייערע שטאַלטנע העלדזער, ער הערט זיך איין אין זייער געזונטן אָטעמען, און ער האָט הנאה פון זיינע פערד, וואָס האָבן אַ שם פאַר די בעסטע אינעם גאַנצן אַרום.

עס איז אים איצט זייער גוט. די זון שיינט. די וועלדער, די בערג, די טייכן און די פעלדער זיינען באַגאָסן מיט ליכט. אַלץ אַרום איז אַזוי פריש און פריילעך, ווי די וועלט וואָלט זיך איצט פאַר זיינע אויגן איבערגעבוירן. הינטער אים פאַרט גרין. ער זיצט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט דרעמלען. בערקאָווער גיט מיט פאַרדרוס אַ שטאַרקן צי די לייצעס.

„די מויד האָט אים געפּטרט, אַ טייערער מענטש געווען", — טראַכט ער.

⁂

אַרום וואָקזאַלכל פון דער קליינער באַן־סטאַנציע, וואָס לאָזט יעדן טאָג דורך צוגן איבער אירע כחות, האָבן אַרומגעשפּאַצירט די איבערוואַנ־דערער. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן הויך איבער די בערג. אינעם נאָענטן דאָרף זיינען שוין די מענטשן לאַנג געהאַט אַוועק צו זייערע אַרבעטן, און דאָס הודזשען און קלאַפּן האָט זיך שוין ווייט איבער דער טייגע געטראָגן און אָנגעפילט די לופט מיט פריילעכן טומל. ביי דער וואַנט פונעם וואָקזאַלכל, אַרום די פעקלעך, זיצט אַן אַלטיטשקע. די זון וואַרעמט איר געקנייטשט פּנים. זי איז אַ ביסל אויפגערעגט, האַלט זי אין איין איבערבינדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ און טענהט צו צוויי יונגע פאַרלעך, וואָס שפּאַצירן אַרום איבערן פעראָן:

— וואָס האָט איר מיך באַזעצט וואָס? . . .

און פון צולהכעיס דרייען זיי זיך, די פאַרלעך, פאַרביי איר. זיי האַלטן זיך ביי די הענט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך ניט פאַרלירן דאָ אין דער טייגע. און ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט מיט איר, מיט דער אַלטער, לויפן זיי אַלע ווילע צו, כאַפּן זי אַרום און שרייען פריילעך אויס:

— ס'אַ שיינקייט, באַבעניו, ס'אַ זון, ס'אַ שמעקעניש!

באַיאַרטע איבערוואַנדערער כאַפּן אַ קוק אין דאָרף. זיי פרואוון אַ פרעג טאָן ביי כאַרנומענע איינוואוינער וועגן דעם לעבן אין דעם נייעם לאַנד, צי וויסן זיי עפּעס וועגן דעם נאָענטן קאָלווירט, וואוהין זיי פאָרן, צי איז דאָרט טאַקע אַזוי גוט, ווי מען האָט זיי געזאָגט . . .

און ווען עס זיינען מיט אַ טראַסקעריי אָנגעפאָרן צום וואָקזאַל בער־קאָווער מיט גרינען, זיינען זיך די איבערוואַנדערער צונויפגעלאָפן און האָבן זיי אַרומגערינגלט.

— קוים זיך דערוואַרט אויף אייך.
— שוין פון פאַרטאָג אָן אַז מיר זיצן דאָ.

בערקאָווער ענטפערט מיט אַ שמייכל און זוכט עפּעס מיט די אויגן...

די אַלטיטשקע האָט זיך אויפגעהויבן, קוקנדיק הינטערווײַלעכס צו די פעקלעך און גייט צו די פורן. דאָס יונגוואַרג פאַרלויפט איר דעם וועג מיט אַ געשריי:

— מען איז געקומען!
— באַלד פאָרט מען!
— די פערדלעך וועלן זיך נאָר אָנעסן!

די איבערוואַנדערער קוקן אויף בערקאָווערן און אויף גריגען. זיי, ווי־דער, קוקן אויף די איבערוואַנדערער, ווי זיי וואָלטן זיך טאַקע געדאַרפט געפעלן ווערן. בערקאָווער האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי יונגע מיידלעך, און זייַנע בליקן האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט גרינס . . .

— איר זייט עס טאַקע דער פאַרזיצער פון קאָלווירט? — פרעגן ביידע מיידלעך מיטאַמאָל.

— דאָס בין איך טאַקע אַליין, — ענטפערט בערקאָווער און שמייכלט.
— דירות האָט איר פאַרגרייט?
— אויף דער גאַס וועט איר ניט שלאָפן.
— פאַר פאַמיליעס באַזונדערע צימערן, וואָס? — פרעגט איינע אַ יונג בלאָנד מיידל, וואָס האַלט זיך ביי די הענט מיט אַ יונגן בחור.
— און אַ שול? — וויל וויסן אַ יאַטל מיט אַ רויט טיכל אויפן האַלדז.
— פאַראַן, פאַראַן אַ שול, אַלץ איז צוגעגרייט, — ענטפערט בער־קאָווער און וואַרפט אַ צעטראַגענעם בליק צו די צוויי מיידלעך, וואָס קלעפּן די גאַנצע צייט צו צוויי בחורים און האַלטן זיך ביי די הענט.

צוריקוועגס גייען די איבערוואַנדערער ביי די פורן, וואו מען האָט באַזעצט די אַלטיטשקע און די קינדער. די עלטערע קינדער זייַנען אָבער באַלד אַראָפּ פון די פורן און פאַרלאָפן בערקאָווערן דעם וועג מיט געשרייען:

— אַ טייך איז ביי אייך פאַראַן?
— פיש כאַפּט מען?
— און אַ וואַלד איז פאַראַן?
— און אויף יאַגד גייט מען?

די אַלטיטשקע אויפן וואָגן מאַכט מיט די ליפּן און רוקט דאָס טיכל אויפן קאָפּ:

— באַזעצט מיך, ווי כ'וואָלט שוין גאָר קיין פּיס ניט געהאַט.

גרין גייט ביים ערשטן וואָגן און שווייגט. ער האַלט זיך אַזוי, ווי די

גאַנצע זאַך וואָלט אים ניט אָנגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך דאָ געפונען צופעליק. מיט בערקאָווערס בליקן וויל ער זיך מער ניט אָנטרעפן. ער הערט, ווי בערקאָווער פרעגט איינע פון די מיידלעך, וואָס פירט זיך מיט אַ בחור ביי די הענט, צי זיי שטאַמען פון איין שטאָט.

— פון איין גאַס, — ענטפערט די בלאָנדע מיט אַ קלינגענדיק געלעכטערל.

— פון איין שטוב אַפילו! — גיט צו דער בחור און כאַפּט דערפאַר פון דער בלאָנדער אַ פּאַטש איבערן מויל.

בערקאָווער וואַרפט אַ בליק צום צווייטן פּאָרל, וואָס איז אַוועק פאַראויס, ווי דער וועג וואָלט זיי שוין פון לאַנג געווען דאָ באַקאַנט, און ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

„ניטאָ מער וואָס צו פרעגן. . . . ”

⁂

אין דעם זעלביקן פאַרנאַכט איז בערקאָווער אַוועק אין שכנישן אוקראַיינישן קאָלווירט. קיין גאָר קלאָרע פאַרשטעלונג פון דעם, וואָס עס שטייט אים דאָרט פאַר צו טאָן, האָט ער ניט געהאַט. ער האָט נאָך אַפילו ניט געהאַט באַשטימט, צי זאָל ער גלייך גיין צו נאַסטיען און ווי אַזוי זאָל ער אָנהייבן מיט איר אָט דעם מאָדנעם שמועס. און ווען ער האָט פּלוצעם ביים אַריינגיין אין דאָרף פונוויטנס דערזען נאַסטיען, האָט ער זיך דערפרייט. ער האָט פאַרגיכערט דעם טראָט און זיך אַוועקגעלאָזט מיטן ברעג פון טייכל וואָס ציט זיך לענגאויס דעם דאָרף. ניט ווייט פאַר אים איז געגאַנגען נאַסטיע. אירע צוויי גראָבע בלאָנדע צעפּ זיינען געלעגן צעוואָרפן אויף אירע אַקסלען, און ס'האָבן פון זייערע עקן געטריפט גלאַנציקע וואַסער־טראָפּנדלעך. בערקאָווער האָט נאָך מער פאַרגיכערט די טריט און האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן פּאַרדרוס צו גרינען, צו דעם אַלטן בחור, וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט און קאָן זיך סוף־כל־סוף אָן קיין שדכן ניט באַגיין: „זאָל ער גיין צום טייוול, זאָל ער פאָרן ערגעץ אַנדערש זיך שדכנען”, — האָט ער מיט פאַרדרוס אַ טראַכט געטאָן, ווען ער איז שוין צוגעגאַנגען האַרט צו נאַסטיען.

— פונעם באָדן זיך, האַ?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט און געוואָרפן אויף אים אַ פריילעכן בליק. — וואוהין, בערקאָווער?

— צו דיר, נאַסטיע.

— אַזוי פרי, וואָס פאַר אַ יום־טוב?

— בעטן אויפֿן אָונט. געקומען נייע איבערוואַנדערער. קום, נאַסטיע, כאַפּן אַ טאַנץ.

— אויב נאָך עמעצער וועט גיין, וועל איך קומען.

— איך גיי בעטן. אַלע וועלן קומען.

— איז גוט. מיט אַלע וועל איך גיין.

— און אַליין האָסטו מורא?

— מורא? איך בין שוין אַ גרויסע. נאָר כ׳וויל ניט. פֿאַרשטייסט?

— כ׳פֿאַרשטיי, — זאָגט בערקאָווער און שמייכלט. — מענטשן האָבן צינגער.

— מענטשן, ווי מענטשן, נאָר גרין וועט אוודאי מיינען כ׳ווייס וואָס.

— וואָס־זשע? דו האָסט אים דען ניט ליב?

נאַסטיע האָט אים גלייך ניט געענטפֿערט, זי האָט נאָר אַ בייזלעכן בליק געטאָן אויף אים, דערנאָך מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן אַ וואָרף געטאָן:

— נו, און אַז איך האָב אים יאָ ליב, איז וואָס? — און זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און קאָלט זיך מיט אים געזעגנט.

⁂

צום אָונט האָבן זיך אַלע געגרייט. די קאָלווירטניקעס, ווי זיי וואָלטן אויסגעקוקט עפּעס אַ שטיקל היימישע שמחה, האָבן זיך יום־טובדיק אויסגעפּוצט. אויף זיי איז קאָנטיק געווען די באַזעסנקייט. די אויסדרוקן אויף זייערע פּנימער זיינען צופֿרידענע, שמייכלענדיקע — די משפּחה פֿאַרגרעסערט זיך. די נייע איבערוואַנדערער זיינען אויסגעזעצט אויף די בענק און פֿילן זיך ווי געכט. די אוקראַינער פּונעם שכנישן קאָלווירט הייבן די פֿיס און זיינען גרייט אַוועקצולאָזן זיך אין טאַנץ ביים ערשטן רוף פֿון דער האַרמאָשקע.

בערקאָווער איז אָפּגעגאָלט, די האָר אויפֿן קאָפּ גלאַט צוגעקעמט, נאָר עס איז קענטיק, אַז ער האָט זיך מיט זיי לאַנג געמאַטערט. אַ בינטל האָר אויפֿן סאַמע מיט קאָפּ האָט זיך פֿאַרעקשנט און איז געבליבן שטיין, ווי עס וואָלט זיך געפֿילט פֿרעמד און ניט אויפֿן אָרט.

גרין גייט אַרום אין אַ טונקעלן אָנצוג. דער האַלדז איז אים ארומגענומען מיט אַ האַרטן קאָלנער, וואָס האַלט אים געשפּאַנט דעם קאָפּ ווי אין אַ רייף. נאַכטיע האָט געוואָרפֿן אויף אים אַ באַהאַלטענעם בליק, ווען ער האָט זיך באַוויזן, און האָט זיך צעשמייכלט.

— דו זעסט דאָך אויס ווי אַ חתן! — זאָגט זי אים, ווען ער זעצט זיך צו לעבן איר.

— און דו — ווי אַ כלה! — ענטפֿערט ער און בלאָזט אָן די באַקן.

בערקאָווער שטייט פונוויטנס און קוקט אויף זיי. ער גלעט זיך דאָס ביסל האָר אויפן קאָפּ, וואָס וויל זיך בשום־אופן ניט אָפּלייגן, און קוקט זיך איין אין נאַסטיען. ער זעט זי שוין צום צוויפלטן מאָל, נאָר ערשט איצט זעט ער, אַז זי איז טאַקע אַ שיינע. דאָס בונטע אוקראַינישע קלייד מיט די רויטע קאַרעלן פּאַסן איר זייער צום ראָז־מאַטעווען פּנים. אויגן האָט זי אַשקאָליריקע, נאָר עס שלאָגט אין זיי אַריין אַ שאָטנדל פון גרינקייט. ער כאַפּט זיך, אַז טאַקע אַזעלכע אויגן געפעלן אים ביי אַ פרוי . . . און ווען זי לאַכט, קלינגט איר געלעכטער אָפּ מיט אַזאַ ווייכקייט און עס לייגט זיך דאָס געלעכטער מיט אַזאַ וואַרעמקייט אויפן האַרצן, אַז ער איז זיך מודה פאַר זיך אַליין, אַז ער וואָלט געוואָלט, זי זאָל אַזוי לאַכן, און ער זאָל אַזוי שטיין און הערן . . .

גרין זיצט שוין די גאַנצע צייט לעבן די אוקראַינער. ער איז פריילעך. ער שיינט. ער איז ווידער אויפגעפרישט געוואָרן. ער האָט צוריק באַקומען זיין ריידעוודיקייט. בערקאָווער זעט עס, און ער איז פון דעם יאָ צופרידן און ניט צופרידן. פונדעסטוועגן, טראַכט ער, איז עס געווען אַ גוטער איינפאַל פון זיין זייט, וואָס ער האָט זיי אַלע פאַרבעטן אויפן אָוונט, וואָס עס זאָל פון דעם ניט אַרויסקומען . . .

און אָט האָט די האַרמאָשקע אַ קלאַפּ געטאָן, און פאַרלעך זיינען אַוועק טאַנצן. בערקאָווער קוקט זיך צו, ווי צאַרט גרין נעמט נאַסטיען פאַר דער טאַליע, ווי ביידע גיבן זיי זיך אַ טראָג פאַר זיינע אויגן, און ער טוט האַסטיק אַ קער אָפּ דעם קאָפּ צום פענצטער . . . גרינס פּנים שיינט. ער קוקט נאַכמיען אין די אויגן אַריין, און ער שמייכלט אַזוי, ווי ער וואָלט דאָרט דערזען דעם אויפגאַנג פון זיין יוגנט . . .

# אַ מאַיאָנטעק

זינט אברהם־בער געפינט זיך אויף די גאָלד־פעלדער, איז ער דאָס ערשטע מאָל דאָרט, וואו „מען שליסט זיך אָפּ מיט זיבן שלעסער" (ווי ער זאָגט עס אין שפּאַס און אַ ביסל מיט קנאה, ווען מען גיט אַהין אַריין יעדן אויפדערנאַכט דאָס אַרויסבאַקומענע גאָלד). ער איז איצט געווען ביי זיך אין די אויגן גאָר חשוב. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל, האָט ער פאַרקאַטשעט די אַרבל פונעם העמד ביז איבער די עלנבויגנס. דאָס פּנים איז אים געווען פאַרפלאַמט, דאָס געלע קורץ־געשוירענע בערדל איז אַזש געווען רויט, און די אויגן, שטענדיק מאַטלעך־גרויע, האָבן איצט אָפּגעשלאָגן מיטן גלאַנץ פון קופּער.

גאָלד . . .

אינעם קליינעם קאָנטאָר־צימער, וואָס ווערט יעדן אויפדערנאַכט פאַרשלאָסן אויף אַ טאָפּל־שלאָס און גאָר שטרענג באַוואַכט, איז איצט, אין דער שפּעטער נאַכט־שעה, אָנגעגאַנגען די שטילע, נאָר זייער ערנסטע אַרבעט פון אָפּוועגן דאָס גאָלד. יעדן אויפדערנאַכט פאַרשליסן זיך דאָרט צוויי מענטשן: סיטניקאָוו, דער נאַטשאַלניק פון די גאָלד־פעלדער, אַ הויכער טאַיעזשניק מיט אַ שטענדיק ערנסט פּנים, מיט גרויע, האַרטע וואָנצעס, אַ מענטש, וואָס זאָגט וועגן זיך מיט שטאָלץ, אַז זיין גאַנצער לעבנס־וועג איז מיטן זעלטענעם, טייערן, גלאַנציקן גאָלד־זאַמד באַשיט, אַז מען זאָל דעם אָפּגעבן דאָס שענסטע אָרט אונטער דער זון, — און דער יונגער, ניט לאַנג צוגעשיקטער פּאַרטאָרג פּעטראָוו, וואָס האַלט, אַז דער גאַנצער יחוס פון גאָלד איז דאָס, וואָס עס איז פאַראַן ווייניק און דאַרפן דאַרף מען עס דערווייל אַ סך, און נאָך ווייסט ער, דער יונגער פּעטראָוו, אַז גאָלד וועט ניט זיין שטענדיק דאָס צוציענדיקע און רייצנדיקע. ער קען אויפמישן דעם באַנד זיבן און צוואַנציק און אייך ווייזן שוואַרץ אויף ווייס, וואָס לעניך האָט געשריבן, וואָס פאַר אַ פּנים דאָס גאָלד וועט אַמאָל האָבן . . . נאָר דערווייל, ווען גאָלד האָט נאָך אויף דער וואָגשאָל זייער פיל צו זאָגן, מוז מען טיפער און ענערגישער טרייבערן די געדערים פון דער ערד און אַרויסנעמען וואָס מער גאָלד.

— אָט, — זאָגט ער שטיל און ערנסט, כמעט פייערלעך, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפן גאָלד, וואָס זיי גרייטן צו צום אָפּשיקן, — דער היינטיקער חודש האָט אונדז געגעבן אַ גאַנץ פיינע דאָזע פון דעם דאָזיקן איידעלן מעטאַל, נאָר דער צווייטער חודש מוז זיין בעסער, מער גאָלד דאַרף מען,

מערער, — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אברהם־בערן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. געהייסן האָט עס: דאָס לאַנד נייטיקט זיך אין גאָלד, פּעטער, אין וואָס מער גאָלד, — פאַרשטאַנען?

אברהם־בער האָט אַ רייב געטאָן אַ האַנט אָן אַ האַנט, ער האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף רעכטס און אויף לינקס, און זיין קורצער, פעסט געבוי־טער ברייטער קערפּער האָט זיך פּליבק אַ טראָג געטאָן אַרום קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער. אָט אַזוי פּלעגט עס אים אַ טראָג טאָן אַמאָל, אין זיינע בעל־עגלה־יאָרן, אַרום גאָר אַ רייכן, אָנגעלייגטן פּאַסאַזשיר. אברהם־בער האָט דאָ איצט, אייגנטלעך, ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָס אָפּגעוואויגענע גאָלד האָט מען גלייך פון וואָג געלייגט אין קאַסטן אַריין. אים האָט מען אַהער גערופן, ער זאָל אַ ביסל צואַוואַרטן, און דערנאָך זאָל ער גיין שפּאַנען די פערד. נאָר ער האָט ניט געקאָנט איינשטיין. ער האָט אָפּגערוקט דעם קאַסטן פון טיש און גענומען די אָפּגעוואויגענע זעקעלעך גאָלד לייגן אין קאַסטן אַריין.

— לאָזט, ניט קיין פלאַן צו שטיין ליידיק, — האָט ער געזאָגט, רייבנדיק אַ האַנט אָן אַ האַנט.

דער נאַטשאַלניק מיטן פאַרטראָג האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן שווייגנדיק איבערגעגעבן אברהם־בערן אין האַנט אַריין דאָס אָפּגעוואויגענע גאָלד. ווען ער האָט דערפילט דאָס ערשטע זעקעלע גאָלד אויף דער גראָבער הויט פון זיינע ברייטע פאַרהאַרטעוועטע הענט, האָבן זיינע הענט אַ צאַפּל געטאָן, זיי האָבן זיך געגעבן אַ הייב אַרויף און אַראָפּ, און מיט קורצע פינגער האָט ער אָנגעקוועטשט די גליטשיקע זאַמדלעך. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עפּעס לעבעדיקס צאַפּלט דאָרט אינווייניק אין די דינע זעקעלעך, עפּעס ציטערדיקס אַזוינס שורשעט דאָרט . . .

אין קאָנטאָר־צימער איז געווען שטיל, ערנסט־פאַרנומען זיינען ביים טיש געשטאַנען סיטניקאָוו מיט פּעטראָוון, האָבן געוואויגן דאָס גאָלד, זאָרגהאַפּטיק פאַרשריבן די פּינקטלעכע וואָג און שטיל זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ וואָרט. פון הינטערן פענצטער, וואָס איז געווען פאַרמאַכט מיט טאָפּל־לאָדנס, האָבן זיך געהערט די רעגלמעסיקע טריט פון די וועכטער, און פון דער ווייט האָט זיך אַהער דערטראָגן דאָס אימפּעט־פולע רוישן פון די מאַניטאָרן און דאָס שווערע אָטעמען פונעם הידראַוולישן עלעוואַטאָר. — אויף די גאָלד־פעלדער האָט געאַרבעט די נאַכטיקע וואַכטע.

איבערגעבויגן איבערן קאַסטן, די הענט אַראָפּגעלאָזט אויף אינווייניק, איז אברהם־בער אַזוי געשטאַנען, און עפּעס אַן אויסטערלישער געדאַנק איז אים אַרומגעקראָכן אין קאָפּ, עפּעס אַ דערמאָנונג אַזאַ, וואָס ער ווייסט ניט,

פונוואַנען זי האָט זיך צו אים פּלוצלינג גענומען. ער, דער פּופּציקיאַריקער אברהם־בער, וואָס האָט נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק אָפּגעזאָגט קדיש נאָך זיין מאַמען, האָט איצט, שטייענדיק איבערגעבויגן איבערן אָפּענעם קאַסטן גאָלד, זיך דערמאָנט, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן מיט זייער אַ שווערן טויט.

ער געדענקט עס ווי איצט, ווי זי האָט זיך געמאַטערט, ער גיט זיך אַ כאַפּ און גלייכט זיך אויס, ווען ער דערפילט פּעטראָווס האַנט אויף זיין אַקסל.

— אַנטשלאָפן געוואָרן, האַ, פּעטער?

— ניין, בע, ס'הייסט שלאָפן, — גיט אברהם־בער אַ זאָג מיט געמאַכטער פריילעכקייט און ווישט אָפּ דאָס פּנים, — זיך דערמאָנט, סט'לאַכן, אין דער מאַמען.

— פאַרבענקט זיך, אַלטער?

— שייך פאַרבענקט זיך, שוין העכער דרייסיק יאָר, אַז זי איז טויט.

— איז וואָס־זשע?

— אָט, זיך דערמאָנט, כ'ווייס ניט פונוואַנען און פון וואָס, — זאָגט אברהם־בער און שמייכלט אַ ביסעלע פאַרשולדיקט. ער גיט זיך אַ קראַץ מיט צוויי פינגער אין בערדל און גיט צו: — אַ רחמנות געווען צו קוקן, ווי זי האָט זיך געמאַטערט מיטן טויט, זייער שווער זיך געמאַטערט. איך געדענק עס גוט. די באָבע מיינע, שרה־איטע האָט זי געהייסן, האָט איינגעלייגט וועלטן. איך געדענק עס ווי איצט, צו אָפּשפּרעכערנס איז זי געלאָפן.

— אַז זיי זאָלן איר העלפן שטאַרבן? — פרעגט פּעטראָוו.

— זעט אויס, — שמייכלט אברהם־בער פאַרלעגן.

— בעסער געדאַרפט געווען רופן אַ דאָקטער, — מיינט סיטניקאָוו.

— עט, — מאַכט אברהם־בער אָוועק מיט דער האַנט, — אַ צעבראָכעבער שאַרבן, יאָרן געלעגן און געקרענקט, זי האָט דעם טויט אויף זיך געבעטן.

— און די שפּרעכערנס? — פרעגט פּעטראָוו און פאַרבייסט אַ שמייכל אויף דער אונטערשטער ליפּ.

— זיי האָבן געגעבן אַן עצה: מען זאָל אַריינלייגן דער מאַמען אַ רענדל אין האַנט אַריין, וועט זי קענען גרינגער שטאַרבן.

— וואָס הייסט? — כאַפּט זיך פּעטראָוו און שטעלט אָן זיינע בלויע אויגן אויף אברהם־בערן, און דאָס גאַנצע פּנים זיינס איז פול מיט פראַגן.

— אַ מעשה, — זאָגט סיטניקאָוו, ניט אָוועקנעמענדיק די אויגן פון דער וואָג.

— ניט קיין מעשה, ס'אַ סגולה צו אַ גרינגן טויטן, האָט זי געזאָגט, איך געדענקט עס ווי איצט, — האָט אברהם־בער פאַרזיכערט.

סיטניקאָוו און פּעטראָוו קוקן אָן אברהם־בערן, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן ווי פאַרטראַכט. די וואָג אויפן טיש שפּילט, די וואָגשאָלן הייבן זיך אַרויף און אַראָפּ און סקריפּען שטיל אונטער.

— איז וואָס־זשע, האָט מען איר געגעבן גאָלד? — פרעגט פּעטראָוו און פאַרבייסט ווידער די אונטערשטע ליפּ.

— ס'הייסט, געגעבן? — גיט אברהם־בער אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, — מע איז אויסגעווען ביי דער גאַנצער משפּחה און קיין סימן פון קיין גאָלד ניט געפונען. אַ משפּחה בעל־עגלהס געווען. ווי קומט צו זיי גאָלד . . .

— ער גיט אַ שפּיי אין אַ זייט, ווישט אָפּ די וואָנצעס און ציט אויס די האַנט צום טיש נאָכן גאָלד, וואָס ליגט אָפּגעוואויגן.

באַלד, ווי עס ענדיקן זיך די לעצטע הייזער פונעם דאָרף, הייבט זיך אָן אויסצושניידן דער שמאָלער וועג, וואָס פירט צום ניט גאָר פאַרשאַרפטן באַרג־אַרויף. אויף דעם וועג איז, אין דער באַגלייטונג פון פיר באַוואָפנטע רייטער, אַרויפגעפאָרן אברהם־בער. ברייט באַזעצט זיך אין וואָגן, אָנגעשפאַרט די פּלייצע אינעם קאַסטן, איז ער געלאַסן אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. וואָלקנס, וואָס האָבן זיך גערוקט איבער די בערג, האָבן פאַרדעקט די שטערן און האָבן געשראָקן מיט רעגנס. פון די בערג האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט און געבראַכט צו טראָגן דעם שאַרפן ריח פון ווילדע בלומען. אברהם־בער האָט אַ צי אַריין געטאָן אין זיך דעם ריח, זיינע נאָזלעכער האָבן זיך ברייט צעשפּרייט, און ער האָט אַ הויכן ניס געטאָן.

— דער רעגן וועט אונדז כאַפּן אין וועג, אברהם־בער?—פרעגט באָריס, אַ יונגער שלאַנקער רייטער, וואָס פירט דאָס פערד האַרט לעבן וואָגן. אברהם־בער פאַררייסט דעם קאָפּ און קוקט אַרום דעם הימל אין אַלע זייטן.

— ניין, די וואָלקנס גייען קיין מאַנטשוזשוריע.

— אַז מירן דורכפאָרן דעם אַכצנטן קילאָמעטער, מעג שוין רעגענען, — זאָגט באָריס און וואַרפט אַ זייטיקן בליק צו אברהם־בערן.

— יאָ, דעם אַכצנטן, — גיט אברהם־בער אַ רייב דאָס בערדל מיט דער פויסט. ס'וועט ניט רעגענען אַפילו ביזן אַכט־און־דרייסיקסטן. דעם אַכצנטן וועלן מיר דורכפאָרן טרוקן.

אַרום באָריסעס דינע ליפּן גייט אויף אַ שמייכעלע און סע האַלט זיך אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער קוקט אויף אברהם־בערן.

— אַז מירן דורכפאָרן דעם אַכצנטן קילאָמעטער, מעג שוין רעגענען, — פאָראויס.

אַברהם־בער האָט נאָכגעלאָזט די לייצעס און געלאָזט די צוויי קליינע גוט־געפּאַשעטע פערדלעך שפּאַנען געלאַסן באַרג־אַרויף. ס׳האָט געבלאָזן אַ שטיל ווינטל, מיט שטילן געמורמל זיינען פון ביידע זייטן וועג געלאָפן שמאָלע וואַסער־שנירלעך, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די בערג צו שווענקען דאָס גאָלד אין די טאָלן. אויף די באַרג־שיפּועים רוט נאָך דער אוראַלט. ברייט זיצט אַברהם־בער אין וואָגן, שפּאַרט זיך צו האַרט צום קאַסטן, גיט זיך אין אים אַ געשמאַקן רייב, און אין קאָפּ גייט אים אויף אַזאַ פריילעכער געדאַנק וועגן זיין בייעם „פּאַסאַזשיר״, וואָס ער איז דער סאַמע רייכסטער פון די אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס ער האָט ווען־ניט־איז געפירט. ער פּרוּווט אים אַ שאַץ טאָן, זיין פּאַסאַזשיר, — וויפל קאָן עס ווערט זיין אַזאַ קעסטעלע גאָלד? ער דערמאָנט זיך אין די רייכסטע פּאַסאַזשירן, וואָס ער האָט אַמאָל געפירט. דער רייכסטער צווישן זיי איז געווען איציקל קויפמאַן, דער צעלניקער. מען האָט אים געשאַצט אין די הונדערט טויזנט קערבלעך. און וויפל קאָן עס ווערט זיין אָט דאָס קעסטעלע גאָלד? — פרעגט ער זיך אַליין און שמייכלט אין די וואָנצעס אַריין. ער פילט זיך, ווי ער וואָלט געמאַכט אַזאַ שטילן חשבון פון זיך אַליין. ער הייבט זיך אונטער אויפן שטרויענעם געזעס, שפּאַרט אָן דעם עלנבויגן אין קאַסטן און גיט אַ רוף איינעם פון די רייטער.

— באָריס! שטיי אַ ווײַלע.

באָריס האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אַברהם־בערן און געוואַרט, ביז ער וועט זיך מיט אים אויסגלייכן. אַברהם־בער האָט זיך אַ הייב געטאָן, זיך געשטעלט מיט די קני אויפן שטרוי, אַ קוועטש געטאָן מיט דער דלאָניע דאָס בערדל און אַ וואָרף געטאָן אין דער פינצטער:

— וויפל קאָן, אַשטייגער, באַטרעפן אָט דאָס קעסטעלע גאָלד?

באָריס האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום וואָגן, ווי ער וואָלט געמיינט אויפכאַפּן בעסער די אומגעריכטע פראַגע.

— באַטרעפן? — פרעגט ער איבער.

— יאָ, יאָ, באַטרעפן, אין קערבלעך.

פאַר באָריסן קלינגט אָט די פראַגע גאָר מאָדנע. שוין ניט דעם ערשטן גאָלד־טראַנספּאָרט היט ער אָפּ, און קיינמאָל איז אים ניט איינגעפאַלן צו פרעגן דעם באַטרעף. „דאָס איז אַ סעקרעטנע זאַך״, — זאָגט ער — אויסער דעם נאַטשאַלניק און דעם פּאַרטראַג ווייסט עס מער קיינער ניט״.

— אַ סעקרעטנע זאַך? — פרעגט איבער אַברהם־בער, און פון דעם אַליין ווערט זיין „פּאַסאַזשיר״ נאָך מער חשוב אין זיינע אויגן, — אַ סעק־

רעטנע זאַך? אָבער די וואָג, וויפל קאָן עס וועגן? דו האָסט עס דאָך אַרויס־געטראָגן.

— דאָס איז אויך אַ סעקרעט, — זאָגט באַריס מיט אַ שמייכל.

— אויך אַ סעקרעט? פונדעסטוועגן, אַ פוד מער, אַ פוד ווייניקער.

— וויפל פוד, מיינט איר, זאָל עס האָבן?

— לויט מיר, האָט עס אוודאי אַ פודלעך פינף, — זאָגט אברהם־בער און קוקט אָן באַריסן, וואָס רייט האַרט לעבן וואָגן.

— אַ פוד פינף?

— ניין, זאָגסטו?

— מערער.

— אַשטייגער?

— שטאַרקע זיבן . . .

— זיבן פוד גאָלד?! — גיט זיך אברהם־בער אַ כאַפּ. — איז עס דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטעק. עס קאָן דאָך אַוודאַי ווערט זיין אפשר אַ . . . אַ . . . אַ האַלבן מיליאָן קערבלעך.

באַריס לאַכט זיך שטאַרק פאַנאַנדער. זיין הילכיקער געלעכטער צעשיט זיך אין די בערג, רייסט אויף די שטילקייט פונעם ערב־טאָגן.

— דער ייד איז גאַר קיין מבין ניט אויף זיין רייכקייט! — זאָגט ער און דערלאַנגט מיט די שפּאָרן דעם פערד, גיט זיך אַ הייב אין די סטרעמעניעס און רייט אַרויס פאַרויס.

— וואָס, מער?—שרייט אים נאָך אברהם־בער, וואָס איז פון באַריסעס געלעכטער אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. — מער פון אַ האַלבן מיליאָן, האַ?!

— ער באַקומט ניט פון באַריסן קיין ענטפער, נעמט ער די לייצעס אין די הענט אַריין. ער פאַררייסט דאָס בערדל צום הימל, וואָס איז דאָ, אין די בערג, אַזוי נאָענט צום קאָפּ, אַז עס דוכט זיך אים, אָט־אָט פאַרט ער אַריין מיטן דאַשעק אין די וואָלקנס אַריין — און ער גיט אַ יאָג די פערד, וואָס טראָגן זיך מיט היץ באַרג־אַראָפּ.

אינעם בלויען אויפגאַנג פון באַגינען האָבן זיך געשניטן די סילועטן פון די בערג, וואָס ליגן אויפן אַכצנטן קילאָמעטער. אברהם־בער איז געגאַנגען ביים וואָגן און געהאַלטן אין האַנט אויפן קאַסטן און מיט דער צווייטער האָט ער אונטערגעשמיסן די פערד. לעבן אים איז איצט געריטן און אויף קיין מינוט פון אים ניט אָפּגעטראָטן באַריס. מיט זייער אַ רואיקן, נאָר שטאַרק ערנסטן שעפּטשען האָט ער אין אים אַריינגעטענהט:

— ניט אָפּטרעטן פון וואָגן, טרייבן די פערד מיט אַלע כחות.

אברהם־בער האָט אויסגעהערט שווייגנדיק, כמורנע אין זיך עפּעס אַ ניט־קלאָרן ענטפער אויף באָריסעס רייד, און ער האָט געפילט, ווי עס שטייפן זיך אָן די אָדערן פון זיינע הענט, אַז דאָס בלוט הייבט אין אים אָן צו זידן.

— און אַז ס׳וועט מיר אויסקומען, איז וואָס, איז מיט די הענט? — פרעגט ער מיט אַ שטילן ברום. — כ׳קאָן מיט די הענט אויך, נאָר ביי דיר הענגט דאָך אַ שפּייער חוץ דער ביקס,—ווייזט ער מיטן קאָפּ צו באָריסעס זייט, וואו ס׳הענגט אַ רעוואָלווער. באָריס ענטפערט ניט אַ ווײַלע. ער זיצט צוגעשמידט צום פערד. זיי זעען איצט אויס ביידע, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק ברוין־גרויען מעטאַל. מיט אָנגעשטרענגטן בליק קוקט ער פאָראויס, זוכט אין די באַרג־שפּאַלטן.

— דעם רעוואָלווער, האַ? — פרעגט ער, ניט קוקנדיק צו אברהם־בערן, און ער שפּיליעט אָפּ דעם רעוואָלווער־טאַש. — נאַט, שיסן קענט איר?

— נישקשה, — ברומט אויס אברהם־בער און ציט אויס די האַנט צום רעוואָלווער. ער דערפילט איצט די גאַנצע חשיבות פון זיין נייעם „פּאַסאַזשיר“, וואָס צוליב אים איז ער גרייט צו שלאָגן זיך און דאָס לעבן אַוועקגעבן.

— אַ דאַנק, באָריס, — זאָגט ער מיט אויפגעלעבטקייט אין קול און לאָזט אַראָפּ דעם רעוואָלווער אין קעשענע.

אין די בערג האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ פרימאָרגן־ווינטל. די וואָלקנס זיינען געוואָרן גרויער און גרויער. זיי זיינען געקראָכן איבער די בערג, האָבן זיך געשפּאָלטן און זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף די באַרג־שיפּועים. אָט דאָ, אינעם געדריי פון די בערג, וואו דער באַרג־אַרויף איז שאַרף, וואו די באַרג־הייכן שטייען גרויע, מיט ווילד־צעפּאַלאָכעטע פעלדזן באַזעצט, אָט דאָ, געדענקט גוט אברהם־בער, איז אין אַזאַ גרויען באַגינען אַ קויל נאָך אַ קויל געפלויגן איבער זיין קאָפּ, און איינע האָט זיך אין זיין רעכטן אויער פאַרטשעפּעט, אָפּגעריסן אַ שטיק און דורכגעפלויגן. דער אויער זיינער האָט זיך פאַרהיילט, נאָר דאָס האַרץ — ניט. ער טראָגט אין דעם אַ צעווייטעקטן פאַרדראָס.

— הערסט, באָריס, — גיט ער אַ זאָג מיט צוגעפּרעסטע ליפּן, — ווען איך פּאַק איינעם אַ לעבעדיקן . . . גאָלד ווילט זיך זיי . . .

— ש־ש־ש, — מאַכט אים באָריס שווייגן. ער רייט אַראָפּ פון וועג און לאָזט זיך אַוועק צום צופוסן פון באַרג. צו אברהם־בערן גיט ער אַ וואונק, ער זאָל אונטערטרייבן די פערד, און צו זיך רופט ער אַ צווייטן רייטער, לאָזנדיק די אַנדערע צוויי ביים וואָגן.

אברהם־בער האַלט זיך מיט די הענט ביים וואָגן, ווי ער וואָלט צוגע־האָלפֿן די פערד צו ציען באַרג־אַרויף.

אַרומרייטנדיק די בערג, איז באָריס אַוועק פֿאָראויס, אויסגעקוקט דעם וועג און געבליבן שטיין דאָרט, וואו ס'הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ. אין די בערג איז אויפגעשטאַנען דער טאָג. דער הימל האָט זיך געלייטערט, די וואָלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער, און די בערג זיינען געשטאַנען בלויע און לויטערע.

# אַ שטיק גאָלד

## 1

נאָך האַלבן טאָג, ווען די זון האָט נאָך רעכט געוואָרעמט די פּלייצעס פון די גאָלד־זוכער, האָט זיך מענדל דערפילט „ניט מיט אַלעמען" און האָט זיך אָפּגעבעטן אַהיים.

— דער קאָפּ, — האָט ער אָנגעוויזן דעם בריגאַדיר אויפן אָנגערוקטן היטל, און מיט די שווערע פּאַרליימיקטע גומענע שטיוול האָט ער זיך אַרויפּ־געהויבן פונעם גראָבן און איז מיט שכורלעך־וואַקלדיקע טריט אַוועק אין דער ריכטונג, וואָס פירט צום ישוב פון די גאָלד־זוכער. פּלייצעס האָבן זיך פון אַלע זייטן, איבער די דורכגעשניטענע גאָלד־פעלדער, אויסגעגלייכט, קעפּ האָבן זיך פאַרוואונדערט אויפגעהויבן און מען האָט צו אים אַרויסגעשריען:

— וואָס איז געשען, מענדל?

— וואוהין, מענדל?

— זע, ווי ער וואַקלט זיך אויף די פיס.

— אַוודאי אויסגעטרונקען.

— ווי קומט ער צו בראַנפן! . . .

און מענדל, ווי ניט אים מיינט מען, האָט אויפגעהויבן די אַקסל, אַריינ־געצויגן דעם קאָפּ אַזוי, אַז זיין קורצער האַלדז האָט זיך אינגאַנצן צונויפגע־גאָסן מיט דער פּלייצע, און האָט שווער געשטעלט די פיס.

עס איז געווען אַ העלער יולי־טאָג. די לופט איז פול געווען מיטן בלענדנדיקן בליאַסק פון צעשאָטענע שטראַלן, וואָס האָבן פיינלעך־זיס גע־שניטן די אויגן. פאַר מענדלס פּנים האָבן אַרומגעטאַנצט גאָלדענע פליגעלעך, זיי האָבן געפינקלט, געגלאַנצט און זיך געהנדלט, ווי די פּאָספאָר־פליגעלעך אין אַ זומער־נאַכט. זיינע אויגן האָבן זיך געזשמורעט, זיין ברייט, פול מיט זומערשפּרינקעלעך באַזעצט פּנים האָט זיך געקרימט, און ער האָט געשמאָ־רעט מיט דער גרויסער פליישיקער נאָז, וואָס האָט זיך פאַרקרימט, ווי זי וואָלט איבערגעלעבט שטאַרקע קלעמענישן ערב דעם געבורט פון אַ נאָס. אונטערן אָרעם האָט אים געבריט, ווי אַ שטיק פייער וואָלט דאָרט געלעגן. ער האָט יעדע רגע אַ טאַפּ געטאָן מיט די אויסגעשמירטע פינגער אונטערן אָרעם, האָט דאָרט עפּעס איבערגעלייגט, און זיין פּנים איז דערביי אַזוי בלאַס

געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך מיט די פינגער צוגערירט צו אַן אָפענער וואונד.

פונוויטנס האָבן שוין געהאַט אויפגעלויכטן די פענצטער פון זיין שטוב, וואָס איז געשטאַנען פון די ערשטע אין דער גלייכער שורה הייזער. די זון האָט מיט דער ברייטער האַנט געשאָטן אירע שטראַלן, און די שויבן האָבן באַקומען דעם גלאַנץ פון גאָלד.

קינדער האָבן זיך געשפילט אַרום די הייזער. זייערע פריילעכע קולות זיינען דערגאַנגען צו מענדלס אויערן. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, דערנאָך האָט ער אַרונטערגערוקט די האַנט אונטער אָרעם און פאַמעלעך־פאַמעלעך געשטעלט די פיס, ווי אַ גנב זיך געשאַרט אין דער שטיל. ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל אים איצט ניט זען, מען זאָל אַפילו דעם שאָטן זיינעם ניט באַמערקן, און ער האָט גענומען אַרומקרייזן דעם ישוב פון פעלד, אויסמיידנדיק דעם וועג, וואָס פירט צו די גלייכע שורות הייזער.

אין די קוסטעס וואָס זיינען נאָך וואו־ניט־וואו געבליבן פון דער אויסגעקאָרטשעטער טייגע, האָט ער זיך צוגעזעצט איבערכאַפּן דעם אָטעם. אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן. ליימיקע טראָפּנס זיינען איבער זיין אויסגעשמירט פּנים גערונען. ער האָט געווישט דעם שווייס מיטן אַרבל און געבלאָזן מיט די גראָבע ליפּן.

צו נאַכט איז נאָך געווען ווייט. ווען עס ווערט איצט פּלוצעם פינצטער, וואָלט ער זיך אַ גנבע געטאָן דורך די שמאָלע ליקעלעך, ער וואָלט זיך אַ שאַר געטאָן ביי די ווענט און וואָלט אַריין צו זיך אין שטוב. ער האָט מורא פאַר אַ מענטשלעך אויג. ער האָט אַפילו מורא זיך צו טרעפן מיט זיין שׂרהן, מיט זיין אייגן ווייב, און מער פון אַלץ שרעקט אים זיין צוועלפיאָריקער ליאָווקע. „ער זאָל עס כאָטש ניט דערזען" — איז ער געלעגן אין די קוסטעס און געטראַכט. מיט שׂרהן, רעכנט ער, וועט ער ווי־עס־איז דורכקומען. „שׂרה וועט זיך נאָך אפשר דערפרייען מיט דעם און זאָגן: „ביסט אַ חכם, מענדל". קוקט ער זיך אַרום, הערט זיך איין — אַרום איז שטיל, ער נעמט אַפּיר פון אונטערן אָרעם אַ שווער שטיק ליימיקע משא, גיט זי אַ דריי אין די הענט, ווישט זי אַרום מיט דער ברייטער דלאָניע און גיט עס אַ ביס מיט די גרויסע, געלע ציין. אין דער פאַרליימיקטער הרודקע לייכט אָפּ אַ רויטלעכער שניט, ווי פריש בלוט וואָלט אַ רין געטאָן. „גאָלד", — טראַכט מענדל, — „אמתדיק גאָלד", און ער דערשרעקט זיך פאַר דעם, גיט עס אַ פאַרשטעק אונטערן אָרעם און קוקט זיך איין אין די קוסטעס. עס דאַכט זיך אים, אַז פון אַלע זייטן קוקן אויף אים אויגן, — פייערדיקע, גלאַנציקע, שטעכנדיקע. מיט שרעק גיט ער זיך אַ הייב, און גיך־גיך לאָזט ער זיך גיין. אויף

אַ ווײַלע שטעלט ער זיך אָפּ. עס שײַנט אויף אַ געדאַנק אין זײַן קאָפּ: „אפשר אָפּטראָגן עס צום נאַטשאַלניק?" נאָר דער געדאַנק פאַרלעשט זיך, און ער לאָזט זיך גיין אין דער ריכטונג פון זײַן הויז.

אַ שטאַרק־צעטראָגענער, גיך, ווי אונטערגעטריבן דורך עמעצן, איז ער אַרײַן אין שטוב. שרה האָט זיך דערשראָקן פאַר זײַן מאָדנעם אויסזען. זי האָט זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק, ווען מענדל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און האָט עפּעס פאַרוקט אונטערן בעט. און ווען מענדל שטעלט ניט צו אַ פינגער צו די ליפּן, וואָלט זי צוגעשטעלט אַ פינגער צום שטערן: „משוגע געוואָרן?" אַזוי איז זי נאָר געבליבן שטיין, געקוקט אויף מענדלס אויסגעשמירט, צעטראָגן פּנים און איז אָפּגעטראָטן פאַרן ווילד־פרעמדן גלאַנץ פון זײַנע אויגן.

— וואו איז ליאָווקע? — פרעגט ער, אַ זוך טוענדיק מיט די אויגן איבערן שטוב.

— אין דרויסן ערגעץ, — ענטפערט שרה, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון מענדלען.

און כאָטש אין שטוב איז קיינער ניט געווען, דאָך האָט מענדל זײַער שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, אײַנגערוימט שרהן אויפן אויער, אָנווײַזנדיק מיט אַן אויג צום אונטערן־בעט:

— געפונען.

— וואָס אַזוינס?

— אַ שטיק גאָלד.

— מײַנע שונאים זאָלן אַזוי . . .

— איך זאָל אַזוי . . .

— אַ שטיק גאָלד? אַן אמתדיק שטיק גאָלד?

— גאָלד. אָט. רײַן גינגאָלד.

— ווײ איז מיר, מענדל, — ברעכט שרה די פינגער און שטעלט אויף אים אַן אַ פּאָר אויגן פול מיט אומגלויבן און וואונדער.

— הערסט, וואָס־זשע איז דער ווײ, שרה, וואָס ווייקעסטו?

— אַ שטיק גאָלד? געפונען? און אהיים גענומען?

— געפונען און אַהיים גענומען, ייִדענע.

— שלעפּסט אויף זיך אַ צרה, מענדל, כ'האָב מורא, ווײ איז מיר . . .

מענדל האָט מיט די אויגן אַ שניט געטאָן איבער איר פּנים:

— טומל ניט, ייִדענע, ס'אַ מאַיאָנטעק מיט גאָלד.

— אַ מאַיאָנטעק מיט גאָלד? — האָט זיך שרה געוואונדערט.

— איך האָב מורא צו האַלטן עס אין שטוב. גיי מיט דעם. איך וויל ניט.

טראָג עס אָפּ, ווי פּאַסט דאָס גאָר פאַר אונדז, מענדל . . .

מענדל האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן צימער, ס'האָט אין אים אַ זאָט געטאָן:

— געזען אַ גבירנטע, כע, וואָרפט זיך, שמיצט זיך, ווי עס זאָל זיין, כ'ווייס וואָס, ניט קיין ריין אמתדיק גאָלד.

— ס'איז דאָך אָבער אַ בזיון, מענדל, באַרעכן זיך, ס'האָט דאָך עמעצער פון דיין בריגאַדע געקאָנט זען. ס'וועט זיך טאָן חושך, אַז ס'וועט אָנקומען צו נאַטשאַלסטווע.

— אַז דו וועסט ניט צעפּויקן, וועט ניט אָנקומען. ס'האָט קיינער ניט געזען. און שאַ, טומל ניט.

אויף דער דאָזיקער שטילער שטוב, וואָס איז פּעסט, ווי אַ פּילוואָרצל־דיקער שטאָם, אויף דער ערד געזעסן, האָט זיך אין דעם פאַרנאַכט אָנגע־רוקט אַ כמאַרע און פאַרטונקלט די פּנימער פון די מענטשן.

מענדל האָט פון זיך אַראָפּגעוואָשן די ליים, האָט זיך איבערגעטאָן און זיך געזעצט צום טיש איבער אַ צייטונג, נאָר געלייענט האָט ער ניט. איינ־טאָניק און שווער האָט ער געקלאַפּט מיט אַ פינגער איבערן פּאַפּיר און שטיל פאַר זיך אונטערגעברומט. שרה האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי איז אַ פּאָר מאָל אַרויס אין דרויסן און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז פון אַלע זייטן גייט מען צו זייער הויז. און אָט וועט מען קומען, מ'עט זוכן און מ'עט געפינען דאָס פאַרשאָלטענע שטיק גאָלד. און וואָס דאָ וועט זיך ווייטער טאָן, קאָן זי זיך גאָר ניט אויס־מאָלן . . . דער גאַנצער ישוב וועט זיך צונויפלויפן . . . אוי, אַ בזיון! . . . דאָס פּנים נעמט איר פלאַמען. אירע טונקעלע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן. זי בינדט אַ פּאָר מאָל איבער דאָס טיכל אויפן קאָפּ, מיט אַ שפּיץ פונעם טיכל ווישט זי אָפּ די נאָז, וואָס הייבט אַלץ אָפטער און אָפטער אָן אונטער־צושמאָרען, און גייט אַריין צוריק אין שטוב. מענדל זיצט נאָך אַלץ ביים טיש, פּויקט מיט אַ פינגער איבער דער צייטונג און באָמקעט עפּעס אונטער. שרה טוט זיך אָן אַ כח און גייט צו צום טיש. אַ ווײַלע שטייט זי מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, דערנאָך לייגט זי אַרויף אַ האַנט אויפן אַקסל און טוט אים לייכט אַ טרייסל:

— מענדל, אַ, מענדל! . . .

מענדל הייבט אויף אַ ברעם און קוקט זי אָן:

— נו, וואָס?

— מענדל, טאָמער קומט מען, מען געפינט . . . מ'וועט דאָך אונדז בחרפּה שטעלן פאַר דער גאַנצער וועלט.

מענדל גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— ווער וועט קומען, קיינער וועט ניט קומען. מען דאַרף עס אַפּווישן און אַוועקלייגן אויף אַ גוט אָרט.—ער שטעלט זיך אויף, גייט צו צום בעט, ציט זיך אויס אויף דער ערד און וויל דערלאַנגען מיט דער האַנט דאָס שטיק גאָלד פון אונטערן בעט, נאָר פּלוצעם הערט זיך אַ געשריי, אַ פּיף, אַ בילן פון אַ הונט, אַ גיכער שפּרונג אויף די טרעפּלעך, וואָס פירן אין הויז אַריין.

שרה, ניט טויט, ניט לעבעדיק, גיט אַ געשריי:

— מענדל, מען גייט! — און איידער נאָך מענדל באַוויזט אַפּירצונעמען דעם קאָפּ פון אונטערן בעט, לאָזט זיך אַריין אין שטוב זייער צוועלפיאָריקער זון ליאָווקע מיט זיין הונט שאַריק.

— צו אייערע קעפּ זאָל עס אויסגיין! — גיט זיך שרה אַ וואָרף און שפּייט אויס.

מענדל, פול מיט כעס און פאַרדרוס פאַר דער נאַרישער שרעק, וואָס זיי האָבן אים פאַרשאַרפט, שפּרינגט אויף פון דער ערד, כאַפּט אַ שטעקן און לאָזט זיך צום הונט, נאָר דער הונט גיט זיך אַ שאַר אַרום די ווענט און דער־לאַנגט זיך אַ צי אַרונטער אונטערן בעט. ליאָווקע רופט אים, וויל אים אַרויספירן פון שטוב, נאָר דער הונט, אַן איבערגעשראָקענער, רופט זיך ניט אָפּ. בייגט זיך ליאָווקע איין, וויל אַרונטערקריכן אונטערן בעט און אַרויס־שלעפּן דעם הונט, כאַפּט אים מענדל אָן, ליאָווקען, פאַר אַ פוס און ציט אים אַרויס אויפן מיטן שטוב.

— הינט, האַ, מיט הינט שלעפּסטו זיך אַרום! — שרייט מענדל. — וואָלסט בעסער צוגיין אין קלוב, היינט וויזט מען קינאָ!

ליאָווקע קוקט אים אָן, קוקט אָן די מאַמע און ער פאַרשטייט ניט גאָר־ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר לאַנג טראַכט ער ניט. מיט איין שפּרונג איז ער שוין ביי דער טיר, פראַלט זי אויף, טוט אַ פּיף, דער הונט לאָזט זיך נאָך אים, און ביידע פאַרשווינדן זיי.

— אָט פאַר וועמען מען דאַרף זיך היטן! — זאָגט מענדל און פאַר־שליסט די טיר.

2

שרה האָט זיך גאָר ניט געקאָנט באַפרייען פון דער שווערער זאָרג, וואָס מענדל האָט אַזוי פּלוצעם פאַרשלעפּט אין הויז אַריין. זי האָט זיך צו גאָרנישט ניט געקאָנט נעמען. זי איז נאָר געשטאַנען און געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן דורכן פענצטער. איבער דער טייגע האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ

בלויער הימל, און דער אָוונט איז געווען אַזאַ שטילער און וואַרעמער, ווי נעכטן און אייערנעכטן, נאָר איר האָט זיך געדאַכט, אַז די לופט איז זייער אַ שווערע און עס איז הייס — ממש דערשטיקט צו ווערן. און נאָך האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס וועלן זיך באַלד אָניאָגן שווערע וואָלקנס און עס וועט אויסברעכן אַ שרעקלעכער שטורעם.

— נעם פאַרהענג די פענצטער, — זאָגט מענדל, — ניטאָ וואָס צו קוקן. קיינער האָט דיך ניט אין זינען. — ער איז געוואָרן רואיקער, מענדל. אַזאַ מין באַזונדערע פרייליכקייט, אַ צעלהכעיסדיקע פרייליכקייט איז אים באַפאַלן. ער האָט אָנגעגאָסן אַ שיסל וואַסער, אַוועקגעשטעלט זי אינמיטן שטוב, און ווען שרה האָט שוין געהאַט פאַרהאַנגען די פענצטער מיט טונקעלע קאָלדרעס, האָט ער אַפירגענומען דאָס שטיק גאָלד פון אונטערן בעט און האָט עס גענומען וואַשן.

— קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויס, — זאָגט שרה מיט אַ שווערן זיפץ, און זי זעצט זיך אַוועק קוקן, ווי מענדל וואַשט דאָס גאָלד.

ער וואַשט עס אין פאַרשיידענע וואַסערן, רייניקט, רייבט און פוצט עס, ער רייבט מיט די הענט, מיט שמאַטעס און צום סוף ווישט ער עס אַרום מיט אַ קלאָרן האַנטעך. און ווען דאָס שטיק גאָלד נעמט שיינען, הייבט ער עס אויף איבערן קאָפּ, און עס ברענט אין זיינע הענט, ווי ער וואָלט אַ שטיק זון געהאַלטן. שרה גייט צו צום פענצטער, הייבט אויף מיט צוויי פינגער אַ שפּיץ קאָלדרע און קוקט אַרויס אין דרויסן. אַרום הויז איז שטיל. עס דערגייט נאָר אַהער דער רויש פון די מאַניטאָרן, און עס זעען זיך די עלעקטרישע לעמפּלעך פון די גאָלד־פעלדער. מענדל באַלעקט זיך, די זומערשפּרענקלעך אויף זיין פּנים שיינען, די גרויע אויגן גלאַנצן, און די נאָזלעכער אין דער גרויסער פליישיקער נאָז זיינען ווי גרעסער געוואָרן און זיי ציטערן.

— אָ, זע, שרה, זע אַ שטיקעלע גאָלד.

— אַזוינס האָב איך נאָך טאַקע ניט געזען, — איז זיך שרה מודה און באַקוקט דאָס שטיק גאָלד פון אַלע זייטן.

— אָ, זעסט, — זאָגט מענדל שטאָלץ און ציט אויס די האַנט מיטן שטיק גאָלד. — אָט דאָס איז אַ מאַיאָנטעק, אַ פאַרמעגן. אַיי, אַיי, אַיי, — קראַצט ער זיך מיט איין האַנט אין קאָפּ, — ווען מיין טאַטע פאַרמאָגט אָט דאָס שטיקעלע גאָלד מיט אַ יאָר פופציק צוריק, וואָלט ער געוואוינט אינמיטן שטאָט אינעם סאַמע שענסטן מויער, דער מאַמען וואָלט מען אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין דעם פעטסטן חלק פלייש, דעם טאַטן וואָלט מען ניט גערופן לייזער שמייסער, נאָר רב לייזער נגיד, איך וואָלט געהייסן מענדעלע לייזער דעם נגידס . . . — ער טוט אַ שפּאַן־דורך די שטוב מיטן

שטיק גאָלד אין האַנט און שרייט אויס: — גבירים זיינען ביי אונדז געווען? הקדשים זיינען דאָס געווען. קיין איינער פון זיי האָט ניט פאַרמאָגט אַזאַ מאַיאָנטעק מיט גאָלד, אַ רוח אין זייער טאַטנס, טאַטנס טאַטן אַריין!

שרה גיט אַ גיכן גיי צום פענצטער, הייבט אויף אַ שפּיץ פון דער קאָלדרע און קערט זיך אום צוריק צו מענדלען.

— שאַ, משוגע ביסטו, זע, ווי ער האָט זיך צעזונגען. אָפּגעוואַשן דאָס שטיק גאָלד, אַנגעקוויקט זיך מיט דעם — נעם, טראָג עס אָפּ צום נאַטשאַל־ניק, נעם טראָג עס אָפּ. קיין מויער, ברוך־השם, דאַרפן מיר ניט. ביי דער סאָוועטסקע וולאַסט קאָן מען אַלץ דערגרייכן מיט ערנטלעכקייט. און, צוריק גערעדט, וואָס פעלט אונדז דען? . . . הלוואַי ווייטער ניט ערגער.

מענדל פאַרזשמורעט איין אויג, גיט זיך אַ געשמאַקן קראַץ אין קאָפּ און פרעגט שרהן מיט אַ שמייכעלע:

— זאָל איך עס, זאָגסטו, אָפּטראָגן צום נאַטשאַלניק און אפשר טאַקע געבן אים גלייך מיין פאָטאָגראַפיע אויף אָפּצודרוקן אין צייטונג?

— וואָס־זשע מיינסטו, — כאַפּט זיך שרה, — מ׳עט טאַקע וועגן דיר שרייבן אין די בלעטער אויך. פאָלג מיך, מענדל, טראָג עס אָפּ.

מענדל הערט זיך צו צו אירע רייד און שמייכלט:

— און אפשר, פאַרקערט, גיב אַ טראַכט, שרה, קיינער ווייסט דאָך פון דעם גאָר ניט. קיין האָן וועט קיין קריי ניט טאָן. מיר וועלן נעמען און זיך באַזעצן אין מאָסקווע, און אַזוי, שטיקלעכווייז, ברעקלעכווייז וועלן מיר עס פאַרקויפן, דאָס גאָלד. אַ שטיקעלע — אַ טויזנטער, אַ פּיצעלע — אַ פינפ־הונדערטער, אַ ברעקעלע — אַ הונדערטער. ווייניקער ווי פאַר אַ הונדערטער איז גאָר ניטאָ. איז ווי מיינסטו, שרה? — ער גלעט דאָס שטיק גאָלד מיט ביידע הענט, ווי מען גלעט דאָס קעפּל פון אַ קינד. — וועלן מיר דאָך טאַקע קאָנען לעבן ווי די פּריצים, האַ, שרה? . . .

שרה האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט אויף זיינע רייד. זי האָט זיך בעת־מעשה גאָר ניט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס רעדט אַזוי מענדל, ווי קומען צו אים אַזעלכע רייד? עס האָט דאָך אַ פּנים פון חוזק. ער פלעגט דאָך שטענדיק ריידן קלאָר, צו דער זאַך.

— מענדל, — נעמט זי אים מינטערן, — דו הערסט כאַטש, וואָס דו רעדסט? . . . עס איז דאָך אַ משוגעת! וואָס וועלן די קינדער זאָגן? „פון־וואַנען, וועלן זיי פרעגן, ביסטו דאָס, טאַטע, פלוצלינג אַזוי רייך געוואָרן?“ היינטיקע קינדער וועסטו די צייט ניט פאַרריידן. אונדזער העניע, פאַרגעס ניט, איז אַ דאָקטערן, אַ קאָמיוגיסטקע, יחוסט זיך מיטן טאַטן דעם גאָלד־זוכער, צאַצקעט זיך מיט אים. אונדזער מישע איז אַן אינזשעניער מיט אַן אַר־

־רען, האָט ליב טאַטע־מאַמע דאָס חיות. אַז דו וועסט אויפהערן אַרבעטן און בעמען האַקן שטיקעלעך, פּיצעלעך און ברעקעלעך, וועלן זיי אין אונדזער הויז ניט אַריינשמעקן, זיי וועלן דיין נאָמען ניט וועלן הערן, אָפּזאָגן וועלן זיי זיך פון אונדז, אָפּזאָגן פון טאַטע־מאַמע, הערסט, מענדל? און דער קליינער ליאָווקע דער מיזיניק אונדזערער, וועט דאָ זיצן מיט אונדז? ער וועט דאָך אַנטלויפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. און אָט האָסטו דיר אַ תכלית פון אַ משפחה. איבער וואָס, איבער וועו, איבער אַ שטיקל גאָלד . . . אויף אַ גוטער כפרה, מענדל, דאַרף איך דאָס, איך וויל עס ניט. שלאָג זיך אַרויס דאָס משוגעת פון קאָפּ!

— ס׳איז אַ משוגעת, זאָגסטו? — פרעגט מענדל און נעמט דאָס שטיק גאָלד און באַהאַלט עס אין בעט אונטערן קישן.

— אַ משוגעת, אַ ריינע משוגעת, — זאָגט שרה. — מען זאָל באַהיט ווערן, וואָס פאַר אַ צרה דאָס קאָן ברענגען אין שטוב אַריין. סע קאָן אַ גע־ווינטן מענטשן פון די געדאַנקען רירן.

— משוגע ווערן, הייסט עס? — פרעגט מענדל און קוקט אָן שרהן מיט אַ לאַנגן, דורכדרינגלעכן בליק.

— משוגע ווערן, משוגע ווערן! — שאָקלט שרה מיטן קאָפּ. — דער זיידע מיינער איז דען ניט משוגע געוואָרן איבער גאָלד?

— איבער גאָלד? משוגע געוואָרן?

— ניט איבער אמתדיק גאָלד, איבער אַ פאַרשלעפּטער קרענק.

— אַ מעשה, — זאָגט מענדל.

— ניט קיין מעשה. ס׳זאָל זיך אין קיין שום אָרנטלעכער שטוב ניט טרעפן, וואָס מיט מיין זיידן האָט זיך געטראָפן.

— משוגע געוואָרן?

— משוגע געוואָרן און געשטאָרבן, — ענטפערט שרה זייער שטיל און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

3

אין שטוב איז געווען פינצטער. שטענדיק שלאָפט ליאָווקע איין זייער גיך. איצט איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געהערט אַ מעשה וועגן זיידן.

— דאָס האָט אונדז דערציילט מיין מאַמע, — זאָגט שרה, — ווען איך בין נאָך גאָר אַ קליינע געווען. פאַרלאָפן האָט זיך עס טאָקע מיט מיין מאַמעס טאַטן, חיים־לייב דעם דאָרף־גייער.

דער זיידע מיינער איז געווען אַ דאָרף־גייער און אַ לאַטוטניק. ער האָט פּאַרקויפט קלעצעלעך פּאָדעם, קנעפּעלעך, נאָדלען און ער האָט געלאַטעט סערמעגעס, פּעלצן, אַלערליי צעריסענע מלבושים. מאַכט זיך, ער גייט אַרויס זונטיק מיטן זעקל אויף די פּלייצעס, קערט ער זיך אום פרייטיק. אַמאָל ברענגט ער אַהיים אַ ביסל מעל, אַ קאָפּ גרויפּן, אַן איי און אַמאָל אויך אַ פּאָר גראָשן געלט. אַזוי האָט געלעבט דער זיידע און די באָבע מיט זייערע טעכטער, אַלטע פאַרזעסענע מיידן. די אָרעמקייט איז געווען זייער גרויס, דאָס שטיבל איז געלעגן ביז די פענצטער אין דער ערד, און מיטן דאַך האָט זיך עס אַנגעשפּאַרט אין דער בית־עולם־וואַנט. איינמאָל איז דער זיידע, ווי שטענדיק, אויפגעשטאַנען זונטיק גאַנץ פרי, אָפּגעדאַוונט, גענומען דאָס זעקל מיטן שטעקל און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפער. ס'איז געווען ווינטער־צייט. גייט ער דאָרף־איין, דאָרף־אויס, פון שטוב צו שטוב, פון שוועל צו שוועל, און קיינער קויפט ניט גאָרניט, קיינער גיט ניט גאָרניט צו פאַרלאַטען. יענעס יאָר איז אַ טרוקן יאָר געווען, איז קיין ברויט ניט געווען. הייזמישע פּויערים, גוטע־פריינט, גיבן עפּעס־וואָס די נשמה צו דערהאַלטן, נאָר צו פאַרדינען — ניט. איז אַוועק דער זונטיק, אַזוי דער מאָנטיק מיטן דינסטיק, און דער זיידע האָט נאָך דאָס זעקל ניט אויפגעבונדן און די נאָדל פון אונטער דער לאַץ ניט אַפּירגענומען. גייט ער ווייטער פון דאָרף צו דאָרף, און אָט איז צוגעפאַלן דער פרייטיק, און אין קעשענע איז ניטאָ קיין סימן פון קיין מטבע, אין זעקל איז ניטאָ קיין טראָפּן מעל, קיין גרייפּעלע — גאָרניט. מיט דעם, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען זונטיק, מיט דעם קערט ער זיך אום פרייטיק. און אין שטוב וואַרט די באָבע, עס וואַרטן די טעכטער, מען דאַרף מאַכן שבת. שטענדיק איילט דער זיידע אומצוקערן זיך אַהיים פרייטיק צו האַלבן טאָג, און דאָ איז שוין ווייט נאָך האַלבן טאָג. דער וועג איז בלאָטיק. שווער צו גיין. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס, אַ גאַנצע וואָך ניט דערעסן. ניטאָ קיין כח. און אין שטוב איז ניטאָ קיין סימן אויף שבת. הייבט דער זיידע אויף די אויגן צום הימל. איז דער הימל פאַרכמאַרעט, און עס הייבט אָן טריפן אַ רעגנדל. דער זיידע, אַן אַלטער, אַ שוואַכער, שלעפּט זיך מיטן זעקל אויפן פּלייצע, טאַפּטשעט מיטן שטעקל אין בלאָטע, שטעלט זיך יעדע ווײַלע אָפּ און בעט גאָט: — רבונו־של־עולם, — זאָגט ער, — העלף אַן אָרעמען יידן, שיק צו עפּעס אַ כשרע מציאה, עפּעס אַן אוצרל . . . זיינען דאָך יידן דורך דיר געהאָלפן געוואָרן". אָפּגעבעטן גאָט, גייט ער ווייטער. ער איילט. עס ווערט שפּעטלעך. עס קאָן צופאַלן די נאַכט און טרעפן, חלילה, דעם יידן אין וועג. גייט ער גיכער. און דאָס האָרץ קלעמט פון ווייטעק, פון די אויגן גיסן זיך טרערן . . . פּלוצעם האָט אים עפּעס אַ גלאַנץ

געטאָן פאַר די אויגן. דער זיידע איז אַ צעטומלטער געבליבן שטיין, אויסגע־ ווישט מיטן אַרבל די אויגן, נאָר ער האָט גאָרניט געזען און איז געגאַנגען ווייטער. איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, און פאַר די אויגן טוט ווידער אַ גלאַנץ, ווי אַ שטיק פייער, נאָר עס איז ניט קיין פייער, עפּעס קיילעכדיקס קוילערט זיך אויף דער ערד, באַווייזט זיך און ווערט ניט. דער זיידע גייט גיך, שלאָגט זיך אַרויס פון די לעצטע כחות. אין דרויסן ווערט פינצטער־ לעך. פונוויטנס זעען זיך שוין די ערשטע פייערלעך אין די פענצטער, און דער זיידע לויפט, און פאַר די פיס קוילערט זיך אַ פייערדיקע קויל . . . אָבער ווי נאָר דער זיידע ציט אויס די האַנט און וויל עס אַ כאַפּ טאָן, פאַר־ שווינדט עס, ווי אין דער ערד אַריין. נאָר באַלד באַווייזט זיך עס ווידער. דאָ האָט דער זיידע דערזען באַשיימפּערלעך, אַז עס איז אַ נס פון הימל, אַז גאָט האָט זיך אויף אים מרחם געווען און האָט אים צוגעשיקט אַן אוצר. פון אוצרות האָט זיך דער זיידע אָנגעהערט זייער אַ סך מעשות. אַ פריילעכער איז דער זיידע געגאַנגען ווייטער. ער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געטאַנצט. געפלויגן. און אַזוי איז ער צוגעפלויגן ביז צו זיין שטיבל. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. אין אַלע פענצטער האָבן שוין געברענט די בענטש־ליכט. אינעם פענצטערל פונעם זיידנס ערד־שטיבל איז געווען פינצטער. „באַלד וועט ווערן ליכטיק", — האָט דער זיידע פריילעך אַ טראַכט געטאָן. — „באַלד וועט אויסוואַקסן אַ זאַל מיט אַ רייך־געדעקטן טיש, אויפן טיש וועלן שטיין די טייערסטע וויינען, די פעטסטע פליישן מיט די בעסטע פישן, די באָבע וועט זיצן ביים טיש מיט אַ טייערן שנור פּערל אויפן האַלדז, מיט בריליאַנ־ טענע אוירינגלעך, די טעכטער וועלן זיין אויסגעצירט אין סאַמעט און אין זיידנס, און ער וועט אַריינקומען, זאָגן דעם פריילעכן „גוט־שבת", וועט זיך אָנטאָן אין אַ זיידענער קאַפּאָטע און זיך אַוועקזעצן אויבנאָן . . . און פּלוצעם טוט עפּעס אַ בליאַסק, דעם זיידן ווערט שטאַרק ליכטיק פאַר די אויגן, און די גאָלדענע קויל גיט זיך אַ הייב, אַ שפּרונג און צום סוף — אַ גראָב איין אין דער ערד לעבן דער בית־עולם־וואַנט. דער זיידע האָט אויסגעצויגן די הענט, האָט אַ פאַל געטאָן צום פלויט, געוואָלט זי אָנכאַפּן, די קויל, און אַזוי האָט מען אים דערנאָך געפונען ליגן ביי דער בית־עולם־וואַנט אַ פאַר־ חלשטן.

שרה האָט שווער אָפּגעזיפצט. זי האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק צו מענדלען. אין דער פינצטער האָט זי נאָר געקאָנט זען דאָס אומבאַוועגלעכע פּנים זיינס. ער איז געלעגן אַזוי שטיל, אַז זי האָט ניט געהערט, צי אָטעמט ער, צי ניט. ליאָווקע, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן, דעם קאָפּ אונטער־ געשפּאַרט מיט דער האַנט, איז איצט אַזוי געבליבן ליגן פאַרטראַכט. זיינע

שטאַרק־אויפגעריסענע אויגן האָבן געגלאַנצט אין דער פינצטער. ער האָט געברענט פון איבערראַשונג און נייגער צו הערן נאָך עפּעס אַזוינס אויסער־געווייגלעכס, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט, און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן אויפן געלעגער, ווען ער האָט פּלוצעם דערהערט דעם טאַטנס קול:

— און ווייטער וואָס איז געווען?

— איך ווינטש עס אַפילו דעם ערגסטן שונא ניט, — ענטפערט שרה.

אַ לאַנגע צייט ליגן זיי שטיל. פון גאָר ווייט דערגייט צו זיי דאָס פּריי־לעכע רוישן פון די מאַנטיאָרן, פון ערגעץ־וואו טראָגט זיך אַ פאַרבענקט געזאַנג. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט גיסט זיך אַריין דאָס ליד פון אַ פאַרליבט פּאָרל.

— דער זיידע האָט פון דאַן אָן אויפגעהערט צו גיין אויפן דאָרף, — זאָגט שרה מיט אַ זיפץ. — טאָג און נאַכט איז ער געשטאַנען ביי דער בית־עולם־וואַנט מיט אַ לאָפּעטע און געגראָבן די ערד, געגראָבן, געגראָבן, צע־גראָבן די ערד אַרום און אַרום, און אַליין איז ער פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ חושכער און חושכער, ווילד פאַרוואַקסן, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן . . . די באָבע איז פאַר צרות געשטאָרבן, די טעכטער זיינען גרויע געוואָרן, און דער זיידע איז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן מיט ברענענדיקע אויגן און גע־שריען: „וואַרט, יידן, באַלד וועל איך געפינען דעם אוצר, און מיר וועלן אַלע געהאָלפן ווערן . . . ״ ביז מען האָט אים געכאַפּט, פאַרשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז, און דאָרט איז ער טאַקע געשטאָרבן . . .

געלאַסן האָבן זיך געגליטשט די טרערן איבער ליאַוווקעס פוכקע בעק־לעך, שטיל זיינען זיי גערונען איבערן ווייסן קישן און מיט זייער פאַלן די שטילקייט פון דער נאַכט ניט צעשטערט. און ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָט זיך אים געחלומט דער זיידע. ער האָט אים געזען אַ שוועבנדיקן אין די וואָלקנס, די גרויע באָרד צעשפּרייט, די הענט אויסגעצויגן. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ זאַק, אין דער צווייטער — אַ שטעקן. און פאַר אים זיינען געפלויגן אָן אַ שיעור ווייסע הינער מיט גאָלדענע פעדערן און האָבן געלייגט אַ סך גאָלדענע אייער גלייך דעם זיידן אין זאַק אַריין . . .

## 4

עפּעס גאָר מאָדנע רייד זיינען דערגאַנגען צו ליאַוווקעס אויערן און האָבן געריסן די פאַרפּלאָנטערטע פעדעם פון זיין שווערן שלאָף. אינמיטן דער שטילער נאַכט האָט ער אַ פּאָר מאָל אויפגעעפנט די אויגן, מיט שרעק געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין און איז צוריק שווער איינגעשלאָפן. און

ווען ער איז איינגעשלאָפן, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עמעצער שטייט אָנ־געבויגן איבער זיין געלעגער און טענהט אין אים אַריין עפּעס אַזוינע אומ־פאַרשטענדלעכע רייד . . . און ווען ער האָט פאַרטאָג אויפגעעפנט די אויגן, האָט ער דורך דער קאָלדרע געזען, ווי אין דרויסן בלויט און איבערן טאַטנס בעט שטייט אָנגעבויגן די מאַמע און זי טענהט אין אים אַריין מיט היץ:

— זאָלסט דאָס ניט דערוועגן טאָן, הערסט, מענדל! דו ווילסט אונדז אָפּשעכטן, דו ווילסט די קינדער פון זיך פאַרטרייבן . . .

ליאָווקע האָט מיט אַלע פינגער אַ רייב געטאָן די אויגן און איז גע־בליבן ליגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. ער האָט אָנגעשטעלט דעם אויער צו דער מאַמען: „וואָס רעדט די מאַמע, צי דערציילט זי אַ נייע מעשה, אָדער איז עס דער סוף פון דער נעכטיקער מעשה, וואָס ער האָט, קאָן זיין, ניט דערהערט". נאָר אָט הערט ער, ווי דער טאַטע גיט זיך שטיל אַ בייזער:

— יידענע, — זאָגט ער, — לאָז זיך באַקלערן, וואָרט צו אַ טאָג־צוויי. כ'על איבערקלערן, לאָז, וואָס עפּעס אויף דער הייסער מינוט. אַ גאַנץ לעבן פון דעם געחלומט — דער טאַטע, דער זיידע . . . וואָרט צו . . . אפשר וועסטו זיך נאָך אַליין באַטראַכטן, וועסט נאָך אַליין קומען און זאָגן: „מענדל, ביסט טאָקע גערעכט. מען דאַרף ניט אָפּטראָגן דאָס שטיק גאָלד".

ליאָווקע כאַפּט אויף די שטילע רייד און ער הייבט ניט אָן צו פאַר־שטיין, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ רייד . . . אויב די מאַמע דערציילט אַ מעשה, איז וואָס־זשע מישט זיך אַריין דער טאַטע? ער ליגט אַזוי מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם און דורך די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן זעט ער, ווי די מאַ־מע קערט זיך אום מיטן פּנים צו אים, קוקט זיך איין, צי ער שלאָפט, און בייגט זיך אָן צוריק צום טאַטן. מיט אַ שטיל, נאָר זייער שטרענג קול זאָגט זי:

— הער, מענדל, זאָלסט מיר בעמען דאָס שטיק גאָלד און אָפּטראָגן צום נאַטשאַלניק. מאַך אַזוי, אַז מען זאָל ניט וויסן, אַז דו האָסט עס געהאַט אין שטוב. מענטשן האָבן צינגער. מאַלע וואָס מען קאָן דערנאָך זאָגן. און אויב דו וועסט עס ניט אָפּטראָגן, איז זאָל איך אַזוי זיין אַ מאַמע צו מיינע קינ־דער, מענדל, ווי איך וועל גיין אַליין און דערציילן . . . — די לעצטע ווער־טער האָט זי געזאָגט זייער אויפגערעגט און אין איין אָטעם. דערנאָך האָט זי גיך איבערגעבונדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ און איז אין איילעניש ארויס פון שטוב.

„אַ שטיק גאָלד? — גיט ליאָווקע אַ טראַכט. — וואָס פאַר אַ שטיק גאָלד?"

דורכן טונקעלן געוועב פון דער קאָלדרע זיפּט זיך דורך אַ בלויע שיין.

ליאָווקע זעט, ווי דער טאַטע הייבט זיך אויף, לאָזט אַראָפּ די פּיס אויף דער ערד, ציט אויס אַ ברייטן און טיפן גענעץ און נעמט שווער און פויל אַרויפ־ציען די שטיוול. דורך צוויי שמאָלינקע שפּעלטעלעך אין זיינע צוגעמאַכטע אויגן קוקט ליאָווקע נאָך דעם טאַטנס יעדן ריר. „דער טאַטע האָט אהיים געבראַכט גאָלד?" — פרעגט ער זיך. — „געגנבעט?" . . . אָט זעט ער, ווי דער טאַטע קוקט זיך אַרום איבער דער שטוב, גייט זייער שטיל צו צו זיין געלעגער, שטעלט צו אַן אויער און הערט זיך איין, צי ער שלאָפט. דערנאָך קערט ער זיך זייער לאַנגזאַם אום צוריק צו זיין בעט, הייבט אויף דאָס קישן און שטייט אַזוי לאַנג־לאַנג, אַנגעבויגן. ליאָווקע עפנט אויף עטוואָס ברייטער די שפּעלטעלעך פון זיינע אויגן און קוקט זיך איין אין טאַטנס אָנגעבויגענער פּלייצע. „דאָרט ליגט זי, די גנבה", — טראַכט ער. — „דער טאַטע, זיין טאַטע, האָט געגנבעט מלוכהש אייגנטום, האָט צוגעשלעפּט אַ שטיק גאָלד". — גיט אים אַ ברי אין מח. אָט וועט ער זיך אַ הייב טאָן, צושפּרינגען צום טאַטן און וועט אים גלייך אין די אויגן אַריין אַ געשריי טאָן: „גנבֿ!" נאָר אַ קנויל גיט אים אַ וואַרג אין האַלדז, טרערן שטיקן אים. מענדל שטייט נאָך אַלץ אָנגעבויגן איבערן שטיק גאָלד, נאָר מיטאַמאָל גיט ער אַ הייב אונטער דעם מאַטראַץ, פאַרשטעקט אַהין דאָס בריענדיקע פּעקל און טראָגט זיך אָפּ פון בעט. דערנאָך נעמט ער אַראָפּ דעם האַנטעך פון דער וואַנט, פאַרוואַרפט אים אויפן אַקסל און גייט אַרויס אין דרויסן זיך וואַשן.

ליאָווקע, ווי דאָס געלעגער אונטער אים וואָלט זיך אָנגעצונדן, גיט זיך אַ הייב, אַ שפּרונג אַראָפּ אויפן דיל, טוט זיך אַ לאָז צום טאַטנס בעט, וואַרפט אָפּ אָן אַ זייט דאָס קישן, הייבט אונטער מיטביידע הענט דעם שווערן מאַט־ראַץ, און איידער ער באַוויזט נאָך עפּעס־וואָס צו זען, עפנט זיך אויף די טיר און מענדל קומט אַריין אין שטוב. אַ רגע שטייען זיי ביידע און קוקן זיך אָן, דערנאָך גיט זיך מענדל אַ לאָז צו אים מיט אַ געשריי:

— וואָס האָסטו געזוכט?!

— גאָרניט, טאַטע.

— וואָס, זאָג! וואָס האָסטו געזען?!

— גאָרניט, טאַטע.

— האָסט עפּעס געזוכט, יונגאַטש! האָסט עפּעס געזען? זאָג! — מענדל כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ. ליאָווקע דערשרעקט זיך, טוט אַ כאַפּ די קורצע הייזלעך און שפּרינגט אַרויס אין דרויסן.

אַ שטאַרק צעטראָגענער, האָט זיך מענדל אַ טראָג געטאָן איבערן שטוב.

ער האָט זיך געזידלט, זיך אָנגערופן „משוגענער". ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט געכאַפּט דאָס קישן, אַ שמיץ געטאָן עס אויף

דער ערד, דערנאָך איז ער צו צום פענצטער, אַראָפּגעריסן די קאָלדרעס, אַרויס אין דרויסן און מיט אַלע כחות גענומען שרייען: „ליאָווקע"! ליאָווקע האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופן. דערנאָך איז ער אַרומגעלאָפן דאָס הויז און אין ערגעץ אים ניט געפונען. איז ער צוריק אַריין אין שטוב און אַ צע־טומלטער געבליבן שטיין אינמיטן צימער. זיין פּנים איז געווען פאַרשטיי־נערט. די גלעלע ווייעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און האָבן צוגעדעקט זיינע גרויע אויגן.

— האַ — וואָס טוט זיך עס? — האָט ער געשטאַמלט. — וואָס איז געשען . . . דאָס קינד . . . ליאָווקע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטול.

ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי דאָס פּנים פלאַמט אים פאַר חרפּה. ער האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן, געשעמט אַ קוק טאָן אויף די ווענט, צום בעט, וואו ליאָווקע איז נאַרוואָס געלעגן. און אַזוי, ניט אויפהייבנדיק די אויגן, איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, גענומען דאָס שטיק גאָלד, עס איינגע־וויקלט אין אַ קלאָרן האַנטעך און גיך־גיך אַרויס מיט דעם פון שטוב.

⁂

אַ צייט לאַנג נאָך דעם האָט מען אַלץ געהאַלטן אין איין ריידן וועגן מענדלען און זיין געפינס. מען האָט דערציילט און איבערדערציילט וועגן דעם ווילדן אויסזען, וואָס מענדל האָט געהאַט, בעת ער איז גאַר פרי אַריין צום נאַטשאַלניק פון די גאָלד־פעלדער און אָפּגעגעבן אים דאָס שטיק גאָלד. מען האָט דערציילט, אַז דער נאַטשאַלניק האָט אַרויסגערופן צוויי באַפּול־מעכטיקע, וואָס האָבן זיך פאַרשלאָסן מיט מענדלען אין אַ באַזונדער צימער און זייער לאַנג עפּעס־וואָס מיט אים געשמועסט. דערנאָך האָט מען געזען מענדלען אַרויסגיין פון דאָרט אַ שטאַרק פאַררויטלטן און זייער אַ פריילעכן. נאָר פונדעסטוועגן האָט ער דערנאָך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געשוויגן, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, פאַרשעמט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, ווען עמעצער האָט צו אים גערעדט, און אויסגעמיטן מענטשן.

מ׳האָט וועגן אים זייער פיל גערעדט. אייניקע האָבן געזאָגט:

— ער האָט עס פשוט געוואָלט אָוועקגנבענען.

אַנדערע האָבן דערווידערט.

עפּעס גלייבט זיך עס ניט אויף מענדלען, ער זעט ניט אויס קיין גנב.

גאָר אַנדערע האָבן געזאָגט:

— ער האָט זיך פשוט געוואָלט אָנפרייען מיט דעם.

און ער אַליין, מענדל, ווען ער האָט איבערגעלייענט אין צייטונג די נאָטיץ וועגן דעם יידישן גאָלד־זוכער מענדל שוואַרץ, וואָס האָט געפונען אַזאַ מאַיאָנטעק מיט גאָלד, האָט געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין בילד, וואָס איז געווען אין צייטונג אַרומגענומען מיט דער נאָטיץ:

— און אויב סע מיינט עמעצער, אַז איך האָב דאָס שטיק גאָלד גע־וואָלט אַוועקגנבענען, איז ער אַ גרויסער טיפש.

די ווערטער האָט ער געזאָגט מיט האַרץ און האָט דערביי ארויפגעלייגט די לינקע האַנט אויף דער ברוסט, די רעכטע — אויפגעהויבן אין דער הייך, ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן אַ שבועה.

# אַ שטורעם אין אַ זומער־נאַכט

שפעט אין דער נאַכט איז גרוניע אַרויס פון שטוב, זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד, און דורכגעריט פאַרביי די לעצטע הייזער פונעם ישוב, איז זי אַריין אין וואַלד. דער וואַלד הייבט זיך אָן גלייך, וואו עס ענדיקן זיך די הייזער, ער שטייט אַ טונקעלער, אַ געדיכטער און ניט קיין אויסגעטראָטענער. די ביימער שטייען מיט צעפלאָשעטע קעפ, און די צווייגן זיינען איינגעפלאָכטן איינער אינעם אַנדערן. איצט, אין דער שטילער לבנהדיקער נאַכט, שמעקט דער וואַלד מיט פרישקייט און מיט זומערדיקער נאַכטיקער פייכטקייט. גרוניע ציט אין זיך אַריין די פרישע נאַכט־לופט. איר שלאַנקער קערפער הוידעט זיך אויפן פערד, וואָס גייט מיט געלאַסענע טריט און אָטעמט צום טאַקט פון זיין גאַנג, איילן זיך דאַרף זי ניט. ביז צום נאָענטסטן ישוב איז איר געבליבן גענוג צייט. ווען זי גייט צופוס, וואָלט זי אויך אָנגעצויגן אַהין ביז צום צווייטן אויפדערנאַכט. זי האָט טאַקע גערעכנט גיין צופוס, עס איז איר אַ שאָד געווען אַוועקצונעמען אַ פערד פון דער אַרבעט. נאָר די פאַרזאַמלונג, וואָס האָט מיטאַמאָל אויפגעהויבן די הענט פאַר גרוניען, פאַר דער בעסטער טראַקטאָריסטקע, אַז זי זאָל פאָרן ראַפאָרטירן דעם געגנטלעכן ראַטן־צוזאַמענפאָר וועגן דערגרייכונגען פונעם קאָלווירט, האָט אין איין קול געשריען: אַ פערד! נאָר אַ פערד זאָל מען איר געבן.

דאָס פערד איז אַ ברוינס, אַ הויכס, מיט אַ שטאַלטנעם פאַרריסענעם האַלדז, וואָס איז אָנגעצויגן, ווי אַ בויגן. גרוניע גלעט אים, דעם האַלדז, וואָס איז גלאַט ווי אַ סאַמעט און בייגט דעם קאָפ פאַר די צווייגן, וואָס שמייסן איר אין פנים און פלאָנטערן זיך אין אירע אויפגעפוישעטע שוואַרצע קרויזן.

אין וואַלד איז שטיל. אויסער דעם אָטעמען פונעם פערד און די פערדישע טריט הערט זי גאָרניט. די שטילקייט ציט זיך אַ ווייטע, ווייטע דורך דער געדיכטעניש פון וואַלד, דאָס פערד אָבער גיט יעדע ווײלע אַ דריי דעם קאָפ, עס שפיצט אָן די אויערן, ווי ס׳וואָלט זיך איינגעהערט צו זייער אַ ווייטן רויש, וואָס איז נאָך צו גרוניעס אויערן ניט דערגאַנגען, און עס טוט אַ ציטער. גרוניע גיט אים אַ צערטלעכן פעטשל איבערן האַלדז, און זי דריקט צו אירע פיס צו זיינע צאַפלדיקע זייטן. גיט זיך דאָס פערד אַ לייכטן הייב און טראָגט זיך אַוועק פאָראויס איבער דער קוים קענטיקער, שוואַך אויסגעטראָטענער סטעזשקע. גרוניע דערפילט אַ לייכט־אויפרעגנדיקן צי־

טער אין בלוט. זי איז איצט צופרידן, וואָס זי האָט גענומען אַ פערד. עס איז גוט צו רייטן בײנאַכט איבערן וואַלד. אינעם ראַפּאָרט, טראַכט זי, וועט זי טאַקע דערמאָנען מאַטען דעם קאָניוך, וואָס גיט אָפּ זיין גאַנץ לעבן פאַר די פערד. דעם ראַפּאָרט טראָגט זי ביי זיך אין דעם אייבערשטן קעשענקעלע פונעם קאָפּטל. דאָרט איז פאַרשריבן וועגן אַלץ, וואָס זי דאַרף דערציילן, און אין מאַטען האָט מען פאַרגעסן. זי מוז וועגן אים דערמאָנען, וועגן דעם גע־טרייען מאַטען. אָט שטייט ער איצט פאַר אירע אויגן מיטן שמייכלענדיקן פּנים און וואָרנט זי:

— זע, גרוניע, היט אָפּ דאָס פערד אין וואַלד, פאַר יעדן קראַצעלע אויף זיין הויט וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

זי צעשמייכלט זיך און גיט אַ גלעט דעם סאַמעטענעם האַלדז פונעם פערד. נאָר וואָס ווייטער אין וואַלד, אַלץ שטילער איז די נאַכט, אַלץ גע־דיכטער איז פינצטערניש.

דאָס פערד שפּיצט אָן שאַרפער די אויערן און פאַרלאַנגזאַמט די טריט. גרוניע הייבט אויף דעם קאָפּ צו די שפּיצן פון די ביימער. דער הימל, זעט זי, וואַלקנט זיך, די לבנה דעקט זיך איין מיט גרויע טיכער, און אַ ווינטל גיט אַ בלאָז. אין וואַלד ווערט קילער. די ביימער באַוועגן זיך, און די בלע־טער רוישן. דורך די ביימער שלאָגט זיך דורך אַן אָפּשיין פון אַ ווייטן בליץ, דערנאָך דערגייט אַהער אַן אָפּקלאַנג פון אַ דונער.

זי פּרוּווט אונטערטרייבן דאָס פערד, נאָר דאָס פערד דרייט דעם קאָפּ און שטעלט טריט, ווי עס וואָלט געשטאַנען פאַר אַן אָפּגרונט. אַ בליץ, וואָס שניידט דורך די ביימער פון וואַלד, פאַרבלענדט די אויגן, דערנאָך ווערט פינצטער אין וואַלד. די ביימער שאָקלען זיך שטאַרקער, די בליצן ווערן אָפטער און בלענדנדיקער, דער ווינט שטאַרקט זיך, און אַ וואויען רייסט זיך צווישן די ביימער. עס טראָגט זיך אַ וויכער. די בליצן צינדן די שפּיצן פון די ביימער.

דאָס פערד שטעלט זיך אָפּ. עס ציט זיך אויף צוריק, באַלד ווערט דער וואַלד ווידער אָנגעצונדן. אַ קראַכן לאָזט זיך אַראָפּ איבער די ביימער, און מיט אַ פייפעריי טראָגט זיך אָן אַ שלאַקסרעגן. עס מישט זיך פייער מיט וואַסער. צווייגן ברעכן זיך, ביימער לייגן זיך צו דער ערד, דער ווינט וואויעט און פאַרשטעלט דעם וועג.

גיך שפּרינגט גרוניע אַראָפּ פונעם פערד. זי נעמט עס אָן פאַרן ציימל און פירט עס אַריין צווישן צוויי גראָבע ברייט־צעצווייגטע ביימער. דער רעגן שלאָגט איבער איר קאָפּ. זי איז שוין נאַס ביז צום לייב. זי גלעט דאָס פערד און זעצט זיך אַוועק אונטער זיין בויך. זי כאַפּט זיך צום קיישעלע

און נעמט אַרויס צעווייקטע שטיקלעך פּאַפּיר, וואָס צעקריכן זיך צווישן אירע פינגער. „דער ראַפּאָרט‟ — גיט זי אַ טראַכט — און ווערט בלאַס.

און דער וואַלד רוישט, דער רעגן שמייסט איבער די ביימער, דאָס פערד טאָפּטשעט זיך נערוועז אויף איין אָרט. גרוניע קנייטשט אין די הענט דאָס שטיקל צעווייקטע פּאַפּיר.

ווען זי איז אַרויס פון וואַלד, איז שוין געווען גרויסער טאָג. די זון האָט געשיינט און געוואַרעמט די נאַסע ערד. די לופט האָט געשמעקט מיט אַ פרישן צאַרטן ריח פון ניי־געבוירענעם טאָג.

זי וועט ראַפּאָרטירן — טראַכט זי — אָן ציפערן, זי וועט דערציילן וועגן די מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין דער טייגע, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר איר און איצט נעמען זיי אין די ווילדעניש מיט די אייגענע הענט . . .

— הערסט, פערדל, ס'וועט שוין זיין אַ ראַפּאָרט, — האָט זי פּלוצעם הויך אַרויסגערעדט. און פריילעך אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ אויפן באַלויכטענעם וועג.

# אַן איינפאַל פון אַ דייטש

אינדערפרי האָט דער קאָמענדאַנט פון „פריי־לעבן" באַפוילן, מען זאָל צו אים אַריינפירן די צוויי יידן — לייזער־וואָלף דעם בעל־עגלה און דעם שניידער שלמה־דוד. דער קאָמענדאַנט פעלדפעבעל קליינקאָפּ איז געזעסן ביים טיש און געגעסן אָנבייסן. ער איז געווען גוט געשטימט און האָט געגעסן מיט אַ זעלטענעם אַפּעטיט. עס איז געווען זייער אַ שיינער פרימאָרגן, און דער פעלדפעבעל האָט געהאַלטן, אַז די זון מיינט נאָר אים, מיט דעם, וואָס היינט איז ליכטיקער ווי יעדן טאָג און וואַרעמט מער ווי שטענדיק. אָן די צוויי יידן, וואָס גייען אויס פון הונגער, האָט ער זיך דערמאָנט פונקט אין דער מינוט, ווען זיין באַדינער האָט אים דערלאַנגט צום טיש אַ שטיק געבראָטן חזיר־פלייש מיט קאַרטאָפל. אַ צופרידענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים, און זיינע אויגן האָבן געשיינט פון פיל פאַרגעניגן.

— בורטע, ווי לאַנג קאָן אַ ייד לעבן אומגעגעסן? — האָט ער פאַרגעבן דעם באַדינער זיינעם אַ פראַגע.

— עס איז געווענדט אָן איך, הער פעלדפעבעל, — האָט דער סאָלדאַט געענטפערט קורץ און ניט געטראַכט.

דעם פעלדפעבעל איז זייער געפעלן געווען דער ענטפער און, קוויקנדיק זיך מיט דעם זעלטענעם איינפאַל זיינעם, האָט ער געהייסן אַריינפירן די צוויי יידן.

אינעם אַלטן שטעלכל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם הויז פון דער קאָמענדאַנטור, זיינען געזעסן די צוויי יידן. די וואַך, וואָס האָט אָפּגעהיט די קאָמענדאַנטור, האָט פון צייט צו צייט אַריינגעקוקט צו זיי דורך אַ שפּאַרע פון דער טיר און געהיט, אַז די יידן זאָלן רואיק אויסגיין פון הונגער, קיינער זאָל זיי ניט שטערן און ניט צוהעלפן. אינדערפרי האָט דער סאָלדאַט געזען: די אַרעסטאַנטן זיצן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן אויף דער ערד, באַטראַכטן אַ פּאָר צעריסענע שטיוול און שעפּטשען זייער שטיל, קלאַפּנדיק מיט די ביינערדיקע פינגער איבער די פאַרטריקנטע אויסגעריבענע זוילן.

„די יידן האַנדלען פאַרן טויט מיט אַלטע שטיוול", — האָט דער דייטשישער קאָפּ אַ טראַכט געטאָן און האָט אָוועקגעשפּרייזט אָפּהיטן, אַז דעם קאָמענדאַנט זאָל חלילה קיין שלעכטס ניט געשען. נאָר לייזער־וואָלף האָט גאָר ניט געטראַכט צו פאַרקויפן זיינע שטיוול, פונקט אַזוי ווי ער האָט ניט

געטראַכט פון שטאַרבן. אַ גאַנצן אינדערפרי האָט ער איינגעטענהט מיט שלמה־דודן און האָט אים געוואָלט איינרעדן, אַז די שטיוול וועלן אים נאָך צונוץ קומען, אַז ער דאַרף זיי אָפּהיטן. שלמה־דוד האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע אויסגעטריקנטע אויגן, און דאָס גרויע בערדל האָט געציטערט: — מיר איז אַלץ איינס, יאָ שטיוול, ניט שטיוול. אונדזערע ברידער האָבן אָן אונדז פאַרגעסן, אָדער מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט אין וואַלד. אַליין וועלן מיר זיך פונדאַנעט ניט אַרויסראַטעווען, ניטאָ קיין כחות צו באַרען זיך מיטן דייטש . . .

לייזער־וואָלף קען ניט פאַרטראָגן, אַז מען רעדט מיט אים וועגן טויט. בעט ער זיך:

— שרעק ניט מיט יענער־וועלט, שלמה־דוד. ווי לאַנג קרענקט דער דייטש, אַז איך זאָל ליגן פאַר אים ווי אַ געפּגרט פערד. ער וועט מיך אַזוי גיך ניט אויסמאָרען. מיין זיידע האָט צו ניינציק יאָר גענומען אַ יונג ווייבל.

אויף שלמה־דודס פאַרברענטע ליפּן באַווייזט זיך אַ שמייכל. אַז לייזער־וואָלף דערזעט דעם שמייכל, פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ. עס איז גאָר ניט קיין שמייכל, נאָר אַ גרימאַסע.

— וואָס ביסטו דען בכוח צו טאָן, אַז אַ האַלבע וועלט ליגטביים דייטש אין תפיסה? — פרעגט שלמה־דוד און שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

לייזער־וואָלף פאַרטראַכט זיך אויף אַ מינוט, פּרוּווט אויפן צאָן דעם שפּיץ פון זיין האַרטער געלער וואָנצע און זאָגט מיט אַ טאָן פון אַ שטאַרקן מבין אויף זעלטענע זאַכן:

און די אַנדערע האַלבע וועלט וועט דעם דייטש דערשטיקן. וועסט זען, שלמה־דוד, מיר וועלן נאָך פּראַווען אַ גרויסע שמחה ביים קבר פון אונדזערע שונאים.

שלמה־דוד טוט אַ שווערן זיפץ און לאָזט אַראָפּ דעם גרויען קאָפּ.

עס האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און דער סאַלדאַט האָט אויסגעשריען:

— יידן, אַרויס!

לייזער־וואָלף איז בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך קוים אויפגעהויבן פון אָרט. שלמה־דוד איז אויפגעשטאַנען, ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף דער מינוט, ווען מען וועט אים רופן שטאַרבן, און ער האָט אין דער שטיל פאַר זיך אָנגעהויבן זאָגן וידוי.

⁂

איינדרויסן האָט געשיינט די זון. עס האָט געשמעקט מיט פרילינג.

לייזער־וואָלף האָט אַ שלונג געטאָן די פרישע לופט און האָט זיך אויסגע־גלייכט. אונטערגעטריבן פונעם סאָלדאַט, האָט ער אַ שפּרייז געטאָן פאָר־אויס. הינטער אים איז געגאַנגען שלמה־דוד. דאָס גרויע שיטערע בערדל האָט געציטערט און דער אַלטער אויסגעטריקנטער גוף האָט זיך געבויגן צו דער ערד.

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין הויז פון דער קאָמענדאַנטור, צום פעלדפעבעל קליינקאָפּ. ביי ביידן איז דורכגעפלויגן אין קאָפּ איין און דער זעלבער געדאַנק: „באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ ניי מאַטערניש . . . ” מען האָט זיי דאָ שוין ניט איין מאָל געשלאָגן, געטראָטן מיט די פיס, געברענט מיט אָנגעגליטע אייזנס. דער פעלדפעבעל האָט אַלץ געוואָלט ביי זיי דער־גיין: „וואו באַהאַלטן זיך אויס די פאַרטיזאַנער? און נאָך וואָס זיינען זיי ביידע, דער שניידער מיטן בעל־עגלה, געבליבן, ווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז פונדאַנען אַנטלאָפן?”

נאָר ניט אַנדערש ווי די צוויי יידן האָבן ביי זיך געפועלט בעסער צו שטאַרבן איידער זאָגן אַ וואָרט.

— אַ פאַרשאָלטענע ראַסע! — האָט דער פעלדפעבעל געברענט פון כעס און האָט באַפוילן אָוועקזעצן די יידן אויף הונגער־טויט.

היינט איז פעלדפעבעל קליינקאָפּ באַזונדערס גוט געשטימט. היינט פייערט ער זיין געבורטס־טאָג. ער ווערט אַלט אַכט־און־צוואַנציק יאָר. אַזאַ טאָג, האַלט דער פעלדפעבעל, דאַרף פייערן די גאַנצע מענטשהייט. אַלט און יונג דאַרפן טרינקען פאַר זיין געזונט. ער גיסט אָן אַ גלאָז וויין, הייבט זי אויף און פרעגט ביי די אַרעסטירטע:

— יידן, איר ווייסט, וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז?

איידער עס דערגייט צו זיי די פראַגע, איידער זיי פאַרשטייען, וואָס ער וויל פון זיי, גייט אָוועק אַ שטיק צייט. שלמה־דוד קנייטשט דעם שטערן, פאַרמאַכט די אויגן. לייזער־וואָלף קוקט אָן דעם דייטש, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס. ניין, זיי הייבן ניט אָן צו וויסן, וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז.

— זייט־זשע וויסן, זין פון דער הימל־פאַרשאָלטענער ראַסע, אַז היינט איז דער טאָג פון מיין געבוירן, היינט דאַרפט איר טאַנצן פאַר מיר און זיך פרייען. פאַרשטאַנען?

לייזער־וואָלף קוקט אָן דעם דייטש, צי איז ער ביי די קלאָרע געדאַנ־קען? וואָס הייסט, ער הייסט פאַר זיך טאַנצן? וואָס זיינען זיי — בערן, וואָס מען הייסט זיי טאַנצן? אָט ווען ער קען איצט לאָזן טאַנצן זיינע הענט איבערן ווייסן געגעלע פונעם דייטשל, וואָלט ער זיך פשוט מחיה געווען. ער וואָלט געשטילט דעם הונגער. ניין, לייזער־וואָלף ווייסט ניט, ווי אַזוי ער, דער

הויכער, ברייט־פּלייציקער, פופציק־יאָריקער בעל־עגלה וועט זיך אַוועק־שטעלן טאַנצן פאַרן דייטש.

שלמה־דוד, פאַרקערט, האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער דייטש וויל פון אים. ער הייבט אויף די אויגן, גיט אַ קוק אויפן פעלדפעבעל, ער וויל זיך גוט איינקוקן אין זיין פּנים, נאָר ער קען ניט קוקן לאַנג אויף איין זאַך, עס פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. עס איז, אַוודאי, פון שוואַכקייט. די פיס ציטערן אים און ציען אַראָפּ צו דער ערד. ער וואָלט זיך איצט אַ ביסל צוגעלייגט.

נאָר דער דייטש שרייט:

— טרינקט, יידן, וויין!

— אָנגיסן צוויי גלעזער וויין פאַר די מנובלים! טרינקט פאַר מיין געזונט און פאַרן געזונט פונעם פיורער!

— ניין, — דרייט שלמה־דוד מיטן קאָפּ, און מיט זייער אַ שוואַך קול, וואָס מען הערט עס קוים, זאָגט ער:

— איך טרינק ניט קיין וויין און וועל ניט טאַנצן.

דער דייטש האָט אויפגעהערט עסן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין שלמה־דודס בלוי־הויטיק פּנים און מיט אַ פריילעך קול איבערגעפרעגט:

— דו ווילסט ניט טרינקען? און ווילסט ניט טאַנצן? כאַ, כאַ, דו פאַר־שאָלטענער ייד, דו וועסט טאַנצן ווי אַ בער, בילן ווי אַ הונט און קרייען ווי אַ האָן, כאַ, כאַ! און דו? — פרעגט ער ביי לייזער־וואָלפן — דו ווילסט אויך ניט טאַנצן?

לייזער־וואָלף האָט ניט געענטפערט. ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן דייטש. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן, ווי גרויס ער איז. ער האָט אָפּ־געשאַצט זיינע כוחות און די כוחות פונעם דייטש, און ווען ער האָט אַ קוק געטאָן און פאַרהאַלטן זיין בליק אויפן קאָמענדאַנטס האַלדז, האָבן זיך אין די ווינקלען פון זיינע אויגן באַוויזן אַן אַ שיעור רויטע אָדערלעך, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן שטאַרקער, און זיינע האַרטע פינגער האָבן זיך אויסגעצויגן און דערנאָך האַלב־קיילעכדיק פאַרבויגן. אין דער מינוט האָט דער פעלדפעבעל אָפּגעשפּיליעט דעם רעוואָלווער־טאַש, עס האָבן אַ קלאַפּ געטאָן די אַפּצאַסן ביים סאָלדאַט, וואָס איז לעבן זיי געשטאַנען און אויף זיי געקוקט מיט אויגן פון אַ תליון. לייזער־וואָלף האָט אַוועקגענומען די אויגן פונעם דייטשס האַלדז, און פון דער טיפעניש פון זיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ברום:

— איך טרינק ניט פאַרן געזונט פון באַנדיטן און ווינטש ניט קיין גליק די דייטשן! — — —

— אויף טויט, — האָט דער דייטש באַפוילן, — זאָל מען זיי ניט דערהרגענען. צו פרי פאַר זיי צו שטאַרבן. זאָלן זיי זיך נאָך אָנטרינקען מיט זייער אייגן בלוט . . .

⁂

פּאַרנאַכט האָט די זון אַריינגעשיינט צו די יידן. יעדן טאָג פאַר זון־פאַרגאַנג גנבעט זיך צו זיי אַריין אַ פּאַס שיין, ווייסן זיי, אַז עס גייט אַוועק דער טאָג, און עס קומט די נאַכט מיט טראַכטן און וואַרטן, אפשר וועט זי עפּעס ברענגען, אפשר וועט עמעצער קומען מיט אַ גרוס פון וואַלד. שלמה־דוד האָט שוין, אמת, אויפגעהערט צו האָפן אויף הילף, אויף זיינע אייגענע כוחות האָט ער זיך ניט וואָס צו פאַרלאָזן, ליגט ער און קרעכצט אין דער שטיל. היינט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז שוין לאַנג צוגעפאַלן די נאַכט. ער האָט גאָרניט געזען. דעם פּאַס שיין האָט ער נאָר דערפילט, ווען ער האָט אַ שמיר געטאָן דאָס פּנים, און ער האָט געפּרוווט אויפעפענען די אויגן און האָט ניט געקאָנט. ער פּרוווט מיט די פינגער זיי אויפרייסן, נאָר ער דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק. זיי שטעכן אים, ווי עס וואָלטן דאָרט געשטעקט נאָדלען.

לייזער־וואָלף קוקט שוין לאַנג אויף שלמה־דודס פאַרבלוטיקטע אויגן. ער האָט ניט געגלייבט, אַז דער אַלטער לעבט נאָך. און ער וואונדערט זיך, ווי אַזוי האָט ער אויסגעהאַלטן אַזעלכע קלעפּ. ער קוקט אויף שלמה־דודס גרויען קאָפּ, אויף זיין באָרד, וואָס איז רויט פון בלוט, און איז צופרידן, וואָס דער אַלטער לעבט. אָט רעדט ער, אויף צו־להכעיס די דייטשן. לייזער־וואָלף וואָלט אים געזאָגט אַ וואָרעם וואָרט אויף צו קרעפטיקן, נאָר ער קען ניט רעדן. די צונג איז אים צעשניטן און געשוואָלן, ער קען ניט אַ ריר טאָן מיט איר. דאָס מויל איז אים פול מיט פאַרבאַקט בלוט און אין האַלדז שטיקט אים. ער טוט זיך אָן אַ כוח, וויל עפּעס זאָגן, נאָר עס באַקומט זיך אַ ברום, אַ ברום ווי גאָר ניט פון קיין מענטשלעכן האַלדז אַרויס.

— וואָס איז מיט דיר, לייזער־וואָלף? — קערט אויס צו אים דעם קאָפּ דער אַלטער. — שטאַרק זיך, גיב זיך ניט אונטער, לייזער! — ער ציט אויס די האַנט, שאַרט אין דער לופט און טאַפּט אָן לייזער־וואָלפס האַנט. ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל: „אַפּגענומען ביי אים דאָס לשון" — קרעכצט דער אַלטער.

אַ קילע מאַי־נאַכט.

עס שלאָפט דער קאָמענדאַנט פון „פריי־לעבן". „פריי־לעבן" איז ווי אויסגעשטאָרבן. לייזער־וואָלף ליגט אויסגעצויגן, מיטן פּנים צו דער ערד,

און הערט זיך צו צו די טריט פונעם וועכטער: אַט דערנעענטערן זיי זיך און אַט דערווייטערן זיי זיך. ווען דער סאָלדאַט שפּרייזט אַוועק פון דער שטאַל, שאַרט זיך לייזער־וואָלף צו נעענטער צו דער טיר, שפּאַרט זי אָפּ און שלינגט די קילע נאַכט־לופט. ער שטאַרבט נאָך אַ טרונק, עס טריקנט אים אין האַלדז, עס איבלט אים פונעם פאַרטריקנטן בלוט אין מויל. איין שלונג וואַסער ווען ער גיט, וואָלט זיין צונג געהיילט געוואָרן, און ער וואָלט ווידער גערעדט ווי אַ מענטש. נאָר ווער וועט אים געבן וואַסער? אַט, ווייַן האָט מען אים געוואָלט געבן. דער דייטש האָט אים מכבד געווען מיט ווייַן, ער זאָל פאַר אים טאַנצן. אַן איינפאַל פון אַ דייטש!

אין לייזער־וואָלפן ברענט אַ שרעקלעכער כעס. דאָס פאַרבלוטיקטע פנים ברענט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, די צענהרגטע הענט שטייפן זיך אָן, ווי זיי וואָלטן זיך גרייטן ברעכן אייזן. ער ווערט אַלץ אומרואיקער, לייזער־וואָלף. ער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, לייגט זיך אויפן בויך און ציט אַרונטער אונטער זיך אַ קני, ווי ער וואָלט זיך גרייטן אַ שפּרונג צו טאָן. אַט דאָ, אין שכנות מיט אים, שלאָפט דער דייטש. אַן אָנגעטרונקענער, שלאָפט ער אַוודאי געשמאַק. לייזער־וואָלף שטעלט זיך פאָר, ווי אין דער גרויסער שטוב פון דער קאָמענדאַנטור, אויפן בעט, וואָס שטייט אין דער לינקער זייט פון אַריינגאַנג, ביים ווענטל, וואָס טיילט אָפּ די שטוב פון דער קיך, ליגט דער פעלדפעבעל און שלאָפט. אין קיך שלאָפט זיין באַדינער; אין דרויסן גייט אַרום דער וועכטער. דאָס ערשטע מאָל פילט לייזער־וואָלף אַ שטאַרקן פאַרדרוס אויף שלמה־דודן. ווען אויפן אָרט פון דעם אַלטן וואָלט געווען אַזאַ געזונטער, ווי ער, לייזער־וואָלף, וואָלט דער דייטש פון לאַנג שוין געווען ביי זיין אייִדעלן עלטער־זיידן צו גאַסט. נאָר שלמה־דוד האָט שוין ניט קיין כוח צו זיצן. וואָס קען ער העלפן? און פון וואָלד קומט אויך קיינער ניט. ער קערט אויס דעם קאָפּ צו שלמה־דודן, ער וויל זיך מיט אים עצהנען, דערציילן אים פון זיין איינפאַל, פונעם געדאַנק, וואָס מאַטערט אים, נאָר די צונג פילט אָן זיין מויל, רירט זיך ניט און טוט שרעקלעך וויי.

שלמה־דוד שלאָפט ניט. ער ליגט איינגעקנוילט און קרעכצט זייער שטיל. לייזער־וואָלף שאַרט זיך צו צו אים און מיט זיין צעשניטענער געשוואָלענער צונג פּרוּווט ער רעדן. שלמה־דוד פילט זיין הייסן אָטעם, הערט זיין געמאַטערט ברומען, נאָר ער פאַרשטייט ניט, וואָס ער וויל אים זאָגן, און לייזער־וואָלף מאַטערט זיך, ער קערט די צונג, ער אָטעמט איין שלמה־דודן אויפן אויער:

— כ׳גיי . . . באַצאָלן . . עס ברענט . . אַט דאָ . . — קלאַפּט ער

מיט דער פויסט אין ברוסט. — דערשטיקן דעם דייטש . . . כ׳גיי . . . — מער קען ער ניט רעדן. ער כאַפּט זיך מיט דער האַנט צום מויל, זיין פּנים פאַרקרימט זיך פון ווייטיק, און ער שאַרט זיך צוריק צו דער טיר. ער בלייבט ליגן, פאַרהאַלט דעם אָטעם און הערט זיך איין. דער וועכטער דער־נעענטערט זיך. ער שטעלט האַרטע, שווערע טריט. זיי רודערן אויף די שטילקייט אַרום און רודערן אויף לייזער־וואָלפן. ער פילט דעם דייטש דורך דער טיר, אַ דינע ברעט טיילט זיי פאַנאַנדער. ער האַלט איין דעם אָטעם און וואַרט ביז די טריט וועלן זיך דערווייטערן. און ווען זיי דער־ווייטערן זיך, באַטראַכט לייזער־וואָלף די טיר. זי הענגט אויף אַ שלאָס און אויף צוויי שלייפן. אַט ווען ער הייבט זי אויף אַט אַזוי, בלייבט זי הענגען אויפן שלאָס. ער טוט עס גיך און שטיל. שלמה־דוד הערט קוים, וואָס לייזער־וואָלף טוט, נאָר ער ווייסט, אַז באַלד וועט עפּעס געשען, און ער שעפּ־טשעט שטיל פאַר זיך: „זאָלן דיר דיינע הענט צען מאָל געשטאַרקט זיין. זיי זיך נוקם פאַרן גאַנצן פאָלק, פאַר די צרות. זיי מיר מוחל, איך בין שוואַך און ניטאָ די ראיה . . . ״ — לייזער־וואָלף הערט ניט, וואָס שלמה־דוד רעדט. ער לויערט. אָט דערנעענטערט זיך זיין רויב. ער הערט די טריט. באַלד וועט זיך דער סאָלדאַט אָפּשטעלן דאָ לעבן אים. ער האַלט די טיר ביי דער אינעווייניקסטער לייסט. ער האַלט זי שטאַרק, זי זאָל זיך קיין וויג ניט טאָן. ער האַלט זי מיט די פינגער, ער האַלט זי מיט די בלוטיקע ציין, און ווען דער דייטש שטעלט זיך אָפּ, לייגט צו דאָס פּנים צו דער טיר, גיט זי לייזער־וואָלף פּלוצלונג אַ צי צו זיך . . .

צוויי מענטשן האָבן זיך איינגעקלאַמערט, איינגעביסן איינער אין אַנ־דערן. זיי האָבן זיך געוואַלגערט איינער אויפן אַנדערן, געדריקט, געשטיקט... שלמה־דוד איז צוגעקראָכן צו דער טיר. ער האָט געשאַרט מיט די הענט, געזוכט, ער האָט געוואָלט העלפן . . .

— וואו ביסטו, לייזער־וואָלף? גיב אים, נהרג, ממית, לאָז ניט לעבן... ער האָט געזוכט אַ שטיין, אַ שטיק האָלץ, נאָר לייזער־וואָלף איז שוין אויפגעשטאַנען און אַ שפּיי געטאָן: — ליג, נבלה! —

ער האָט זיך אַ דריי געטאָן מיט דער ביקס אין האַנט איבערן הויף, — האָט אַ צי געטאָן די טיר פון שטוב, זי איז פאַרמאַכט. אָבער די פענצטער זיינען אָפן. דער פעלדפעבעל האָט ליב פרישע לופט. לייזער־וואָלף גנבעט זיך צו צום פענצטער, שטעלט אַריבער אַ פוס, דערנאָך נאָך אַ פוס. אָט איז ער אינעווייניק . . . אויפן טיש שטייען פלעשער . . . עס פילט זיך אַ ריח פון וויין . . . לייזער־וואָלף אָטעמט אַריין דעם ריח פון וויין און שטעלט געלאָסענע ווייכע טריט. ער גייט צו צום דייטש מיט צוויי פאַרבלוטיקטע

הענט. מיט אַ פאַרבלוטיקט מויל און מיט רויטע אָנגעצונדענע אויגן. ער הייבט אויף די ביקס, וויל אַראָפּלאָזן דעם פּריקלאַד אויפן דייטשס קאָפּ, נאָר ער כאַפּט זיך און שטעלט אים אַרויף אויף זיין האַלדז. ער שטיקט אים. ער שטעלט אַרוף די קני אויפן דייטשס ברוסט, פּאַלט צו מיט די האַרטע בלו־טיקע פינגער צום דייטשס האַלדז און ער קוועטשט אַרויס פון אים דעם לעצטן אָטעם.

ווען לייזער־וואָלף איז אַרויס, האָט ער געטראָפן שלמה־דודן שטיין מיט דער קני אויפן האַלדז פונעם דערמאָרדעטן דייטש. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אַלטן פאַר דער האַנט, און זיי זיינען אַוועק וואוהין די אויגן האָבן זיי געטראָגן . . .

# דער מאַמעס וואָרט

חנה איז די נאַכט ניט געשלאָפן. מיט אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף טאָג און ווען די גרויע פרימאָרגן־שיין האָט אַריינגעקוקט דורכן איבערגעבליבענעם שטיקל שויב, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון די פּאָר ברעטער, וואָס האָבן איר איצט אויף די עלטערע יאָרן געדינט אַלס געלעגער, האָט גענומען דאָס פּעקעלע, וואָס איז געלעגן נאָך פון נעכטן איינגעבונדן אין איר אַלט קאָפּ־טיכל, און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

שוין ביי דער טיר שטייענדיק, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער ליידיקער שטוב, מיט די אויסגעטריקנטע אויגן געקוקט אויף די קאַלטע ווענט, און איר גאָמבע האָט אָנגעהויבן ציטערן. זי האָט געוויינט אָן טרערן. אַלע קוואַלן פון איר מוטער־האַרץ זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן, און געוויינט האָבן אין איר די ביינער, די אָדערן, די הויט פון איר לייב. זי איז געבליבן איינע אַליין. די דייטשן האָבן דערמאָרדעט איר אַלטן קראַנקן מאַן, ביי איר פאַר די אויגן האָבן זיי פאַרגוואַלטיקט איר יונגע צוואַנציקיאָריקע טאָכטער און דערנאָך ערגעץ אַוועקגעפירט, און ביז היינט צו טאָג ווייסט זי ניט, וואו איר געביין איז אַהינגעקומען. די עלטערע טאָכטער מיט צוויי פּיצעלעך קינדער האָבן די רוצחים פאַרשפאַרט אין איר אייגן הויז, דאָס הויז אונטערגעצונדן און פאַרברענט. און זי, חנה, איז געבליבן לעבן. ניט אַנדערש, נאָר די דייטשן האָבן עס צוגעטראַכט פאַר איר די גרעסטע שטראָף — זי געלאָזט לעבן. זי האָט אַ וויש געטאָן מיט די טרוקענע פינגער די צאַפּלדיקע נאָז, האָט איבערגעבונדן דאָס טיכל אונטער דער גאָמבע און האָט שווער אַריבערגעשפּרייזט די שוועל. זי האָט די טיר ניט פאַרשלאָסן ווי אַמאָל און די לאָדנס ניט פאַרמאַכט.

צוויי מאָל האָט פאַר דער לעצטער צייט די זון אַריינגעשיינט צו חנהן אין האַרצן: איין מאָל, ווען אונדזער אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון שטעטל, און צום צווייטן מאָל — אָט דאָ ניט לאַנג, מיט אַ פּאָר טעג צוריק אינגאַנצן, אין דעם טאָג, ווען אויפן שטעטלשן מאַרק האָט צוריק אָנגעהויבן ריידן די ראַדיאָ און האָט געבראַכט אַ גרוס פון דער גרויסער וועלט און האָט אָנגעזאָגט דעם אויסגעמאַטערטן, באַראַבעוועטן, געשענדטן שטעטעלע, אַז די וועלט לעבט און אַז ס׳לעבן הייבט זיך אָן פונדאַסניי. אין דעם זעלבן טאָג טאַקע האָט צו איר אָנגעקלאַפּט דער פּאָסט־טרעגער און האָט איר געבראַכט אַ בריוו פון איר זון, דעם טויטן שלאַכטמאַן שלמה.

לאַנג האָט חנה געקוקט אויף דעם בייגעלע פּאַפּיר און האָט גאָרניט געזען. די אותיות האָבן געטאַנצט, די ווערטער זיינען געשפּרונגען און פאַרשיידענע קאָלירן האָבן זיך געמישט פאַר אירע אויגן, פּונקט ווי איר שלמהלע וואָלט ניט געשריבן מיט פּשוטן טינט, נאָר געטונקט די פּען אין דער זון און טאַקע אַזוי מיט צעשמאָלצענער זון־שיין געשריבן דער מאַ־מען. נאָר ניין, שלמה שרייבט ניט נאָר צו דער מאַמען. ווען זי האָט מיט גרויס מי און מאַטערניש צונויפגענומען די אותיעלעך מיט די ווערטער־לעך, האָט זי געזען, אַז איר זון שלמה ווייסט ניט פון זיין גרויסן בראָך און ער שרייבט צום דערשאָסענעם טאַטן ווי צו דער לעבעדיקער מאַמען; ער גריסט די אומגעקומענע שוועסטער און ער קושט די פאַרברענטע פּלי־מעניקלעך.

„ס'איז צו מיר דערגאַנגען די פריידיקע בשורה, — שרייבט ער, — אַז אונדזער רויטע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשישע מערדער פון שטעטל און האָט אייך באַפרייט. מיט שרעק טראַכט איך פון דעם, וואָס די אויס־וואורפן האָבן דאָרט ביי אייך געמוזט אָפּטאָן. איך שרייב צו אייך, און וואו איר געפינט זיך, ווייס איך ניט. לויטן גאַנג פון די געשעענישן האָט איר פון שטעטל ניט געדאַרפט באַוויזן צו אַנטלויפן און וואָס מיט אייך איז גע־שען, ווייס איך ניט. פון זיך האָב איך איצט קיין צייט ניט צו שרייבן. איך לעב און בין געזונט. איך האָב געשלאָגן די דייטשן אָן רחמנות ביז איצט און אויף ווייטער וועל איך זיי שלאָגן נאָך שטאַרקער".

אינעם בריוול זיינען געווען אַ פּאָר שורהלעך, וואָס חנהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אויסער איר, קאָן זיי קיינער ניט פאַרשטיין. אָט די פּאָר שורהלעך האָבן אַוועקגענומען דעם שלאָף פון אירע אויגן און האָבן אויפ־גערודערט איר אויסגעטריקנט האַרץ. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איר שלמהלע שטייט דאָ גאָר ניט וויט, אינגאַנצן אַ וויאָרסט עטלעכע און פערציק פון שטעטל, און ער בעט, אַז זיין יינגערע שוועסטער שרה זאָל קומען זיך זען מיט אים און אים ברענגען אַ גרוס פון דער היים.

און חנה האָט באַשלאָסן גיין צו איר זון, זיך זען מיט אים און אים זאָגן אַ וואַרעם וואָרט.

***

דער וועג האָט חנהן אויסגעזען צו זיין ניט גאָר וויט, נאָר געגאַנגען איז זי אַ טאָג און אויף דער נאַכט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף איבער־נעכטיקן, דערנאָך נאָך אַ טאָג און ווידער איבערגענעכטיקט אין אַ דאָרף.

ערשט אויפן דריטן אינדערפרי איז איר געבליבן צו גיין גאָר אַ קליין שטיקל וועג.

אין די דערפער האָט מען חנהן אויפגענומען גאָר פיין, ווי אַן אייגענע, ווייל ווי זאָל מען זי ניט אויפנעמען גוט און וואויל, אַז דערפער זיינען עס געווען אָפּגעברענטע, חרוב געוואָרענע, באַראַבעוועטע און געשענדעטע. עס איז ניט געווען קיין שטוב, וואָס די מערדערישע פאַשיסטישע לאַפּע זאָל זיך ניט געווען האָבן אויף איר אַראָפּגעלאָזט. אומעטום האָט חנה דערציילט פון איר גרויסן אומגליק און אומעטום האָט זי געהערט פון אכזריותן, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט אַלטע לייט, מיט פרויען און קינדער. נאָר איין טרייסט און איין האָפענונג איז אין יעדן הויז געווען: וואו אַ זון, וואו צווי און דריי, וואו אַ מאַן, אַ ברודער און אַ טאַטע, וואו איידעמס און אייניק־לעך, וואָס האָבן געדינט אין דער רויטער אַרמיי. און הערנדיק פון חנהן, אַז זי גייט צו איר זון, האָט מען פון אומעטום געשיקט גרוסן, און מאַמעס האָבן אָנגעזאָגט צו נעמען נקמה, מיט צענפאַך אויפגעגאַנגענער קראַפט פאַרניכטן די דייטשן, אָן שום רחמנות זיך נוקם זיין אַן זיי פאַרן אומשול־דיק פאַרגאָסענעם בלוט.

דער וועג פון דאָרף האָט געפירט גלייך צום וואַלד. חנה האָט געקענט גוט די וועגן. פאַר אירע אַכט און פופציק יאָר האָט זי זיי ניט איין מאָל געטאָפּטשעט. זי איז דאָ, אין דער געגנט, געבוירן געוואָרן, אויסגעוואַקסן, קינדער געהאַט און זיי דאָ באַגראָבן. געבליבן איז איר איין זון, שלמה. אָט דאָ אין וואַלד דאַרף זיך געפינען דער לאַגער, וואו ער שטייט. דער וואַלד איז אָפּגעשלאָסן, אַרומגעפּליקט, נאָר ער גרינט. איבער אים האָט זיך אויפ־געהויבן אַ יונגע וואַרעמע פרילינג־זון. דער וואַלד, וואָס גאָר ניט לאַנג האָט פון אים געטראָגן מיט שרעק און טויט, ציט איצט צו זיך, רופט און רייצט, עס טראָגן זיך פון אים שמעקנדיקע ריחות פון יונגן טאָג, פון פריש גראָז, פון שטשאַוועל און פעלד־בלומען. ביי חנהן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. עס איז איר מיטאַמאָל געוואָרן שווער צו גיין. ביים ברעג פון אַ פלאַך טייכל, וואָס זי האָט באַדאַרפט אַריבערגיין, האָט זי זיך צוגעזעצט אָפּרוען. אָט דאָרט, ביים ראַנד פון וואַלד, זעט זי, שטייט אַ רויטאַרמייער מיט אַ ביקס, און אויף דער ביקס — אַ גלאַנציקער באַגנעט. דאָס מוז אַוודאי זיין איינער פון שלמהס חברים. ער קאָן אוודאי שלמהן — טראַכט חנה. און זי הערט זיך צו צום שטאַרקן קלאַפּן פון איר האַרץ.

זי האָט אָפּגערוט אַ ביסל, אָפּגעוואַשן דאָס פּנים אין פרישן וואַסערל, האָט איבערגעדרייט אויף דער אַנדער זייט דעם שאַל, וואָס איז געלעגן אויף אירע אַקסלען, איבערגעבונדן דאָס קאָפּ־טיכל און איז אַריבערגעגאַנגען דאָס

טייכל. נאָר איידער זי האָט באַוויזן אַ שפּרייז צו טאָן צום וואַלד, האָט זי דערהערט אַ געשריי:

— שטיי!

— זי האָט זיך דערשראָקן און איז געבליבן שטיין. „טאַטעלעך מייַנע" — האָט זי פאַר זיך געשעפּטשעט: — „זאָלן דאָס זיין דייטשן?" די נשמה איז איר שיעור ניט אַרויס פון דעם איין געדאַנק בלויז, אַז ערגעץ־וואו אין דער געגנט זיינען נאָך געבליבן פאַשיסטן. זי האָט צוגעשטעלט די האַנט צו די אויגן, געמאַכט אַ דעכעלע און זיך איינגעקוקט. זי האָט געזען אַ רויט־אַרמייער, אַן אייגענעם רויטאַרמייער, און ער טאַקע האָט דאָס געשריען „שטיי". נאָר זי וועט פונדעסטוועגן צוגיין. וואָס האָט זי מוראָ? שיסן וועט מען זי דאָך ניט. און זי האָט זיך געלאָזט גיין גלייך צום רויטאַרמייער.

— שטיי, מאַמעשע, מען טאָר ניט גיין! — האָט זי ווידער דערהערט אַ האַרב געשריי. נאָר זי האָט זיך ניט ווויסנדיק געמאַכט פון דעם. ווייס איך וואָס, עס איז נאָך ניט געוועזן דער פאַל, אַז אַן אייגענער רויטאַרמייער זאָל עמעצן שלעכטס טאָן. זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי הערט ניט. זי איז גע־גאַנגען און האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט דאַן, ווען דער באַגנעט פונעם רויטאַרמייערס ביקס האָט איר אַ גלאַנץ געטאָן פאַר די אויגן:

— שטיי, זאָג איך, מאַמעשע!

ערשט איצט האָט חנה פאַרשטאַנען, אַז ווייטער גיין טאָר מען ניט.

דער רויטאַרמייער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן שווייגער. ער האָט קיין איין וואָרט ניט געוואָלט זאָגן, צי ווייסט ער פון איר שלמהן, צי ווייסט ער ניט פון אים, צי געפינט זיך דאָ אַזעלכער אָדער ניט. ער האָט זי פאַרהאַלטן, געפרעגט מיט פאַר־וואונדערונג, וואוהין זי גייט און ווי־אַנאַך זי קומט אַהער, און ניט אַנדערש, נאָר כדי איבערצושרעקן די פייגל אין וואַלד, האָט ער אויפגעהויבן די ביקס און אויסגעשאָסן גלייך אין הימל אַריין. אויף דעם שאָס איז גלייך געקומען צו לויפן אַ רויטאַרמייער מיט רויטע גלאַנציקע קנעפּלעך אויפן קאָלנער. דער רויטאַרמייער מיט דער ביקס האָט זיך פאַר אים אַ שטעל געטאָן, האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און אָנגעוויזן אויף חנהן: גע־כאַפּט, הייסט עס. חנה האָט אויף זיי ביידן אַ קוק געטאָן, האָט זיך אויף אַ האָר ניט דערשראָקן און גלייך געפרעגט ביים עלטסטן, צי געפינט זיך דאָ איר שלמה, צי קאָן ער אים. זי האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון דער פאַמיליע — שלמה פראַדקין, — געזאָגט, פונוואַנען ער שטאַמט און דער־ציילט, ווי לאַנג ער דינט אין דער אַרמיי און אַז ער איז שוין איין מאָל געוועזן פאַרוואונדעט אין לינקן פוס העכער דער קני. דער עלטסטער האָט

איר אויך ניט געענטפערט, ער האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן. פון דעם דאָזיקן שמייכל איז חנהן געוואָרן זייער וואַרעם אויפן האַרצן. און ווען ער האָט זי גערופן גיין מיט אים אין וואַלד אַריין, איז זי מיט פאַרגעניגן געגאַנגען. ער האָט זי אַריינגעפירט אין ביידל, האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אַ גאָר גרויסן נאַטשאַלניק און האָט ראַפּאָרטירט:

— חבר קאָמיסאַר, דער פאָסט נומער דער־און־דער האָט פאַרהאַלטן די דאָזיקע בירגערן, וואָס איז געקומען אַהער, לויט אירע רייד, זיך זען מיט איר זון!

דער קאָמיסאַר, אַ מיטלוואוקסיקער יונגערמאַן פון אַ יאָר פיר־פינף און דרייסיק, מיט אַ ברייט שמייכלענדיק פּנים, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו חנהן, האָט זי געפרעגט, פונוואַנען זי קומט און נאָך וואָס איז זי געקומען אַהער און ווי רופט מען איר זון און ווי לאַנג זי האָט זיך מיט אים ניט געזען. און הערנדיק פונוואַנען זי קומט און וואָס מיט איר איז געשען, האָט ער זי ווי אַן אייגענע מאַמע אַנגענומען ביי דער האַנט און זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף דער באַנק און דעם רויטאַרמייער מיט די קנעפּעלעך אויפן קאָלנער האָט ער אַ באַפויל געטאָן:

— רופן אַהער דעם שלאַכטמאַן שלמה פראַדקין.

די פאַרב אויף חנהס פּנים האָט זיך געביטן. ס'איז איר געוואָרן הייס און זי האָט לויז געמאַכט דאָס טיכל אונטער דער גאָמבע. דער קאָמיסאַר האָט עס באַמערקט און פון אַן ערדן קריגל האָט ער אָנגעגאָסן אין אַ טע־פּעלע אַ ביסל וואַסער און דערלאַנגט חנהן.

— טרינק, מוטער, פריש קוואַל־וואַסער. מיד, אַוודאי, פון וועג? גרוי־סע צרות האָבן די דייטשן אָנגעטאָן, האַ?

— אוי, וואָס ווייסטו, זונעלע, — האָט חנה קוים אַרויסגערעדט, אי־בערכאַפּנדיק דעם אָטעם מיט אַ שלונג וואַסער. — אויסגעקוילעט אַ האַלבע שטאָט מיט מענטשן, אויף אייביק אומגליקלעך געמאַכט אונדזערע טעכ־טער. אוי, וואָס ווייסטו, קינד מיינס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן. — זי האָט מער ניט געקאָנט ריידן. ווידער האָבן אַלע אבֿרים אָנגעהויבן אין איר צו ציטערן, און דער קאָמיסאַר, פון וועמעס פּנים עס איז אַראָפּ דער שמייכל, האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ און האָט זי אַ גלעט געטאָן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער וועט איצט זאָגן אָט דער אומגליקלעכער מאַמע, וועט זיין בלאָס און פאַרבלאַז. נאָר שווייגן האָט ער ניט געקאָנט.

— מיר וועלן אָפּצאָלן, מוטער, פאַר אַלץ . . .

חנה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, און אַ טרער האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אין אירע אויסגעטריקנטע אויגן.

⁂

פאַרנאַכט, ווען די שטראַלן פון דער זון האָבן צום לעצטן מאָל גע־שפּילט אויף די שפּיצן פון די ביימער, איז דער קאָמיסאַר צוגעקומען צום ביידל, וואו עס האָבן זיך געפונען די מוטער מיטן זון. חנה איז געזעסן אין דרויסן אויפן גראָז, און שלמה איז אַרומגעגאַנגען, פאַרטיפט געשוויגן און געריכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. דער קאָמיסאַר האָט באַפרייט פראַדקינען אויף אַ גאַנצן טאָג און האָט אים געלאָזט אַליין מיט דער מאַ־מען. שלמהן האָט ער גוט געקענט שוין פון לאַנג. איצט האָט ער אויף אים אַ קוק געטאָן און אים ניט דערקענט. שלמה איז אין דעם טאָג עלטער געוואָרן אויף גאַנצע צען יאָר. די שוואַרצע האָר זיינען ביי די שלייפן גרוי געוואָרן און אונטער די גרויסע אויגן האָבן זיך געלייגט בלויע שאָטנס. דער קאָמיסאַר האָט אין זיך אַ טיפן זיפץ געטאָן און גיך פאַררויכערט אַ פּאַפּי־ראָס, אַנטרעפנדיק זיך בעת־מעשה מיט שלמהס הייסן בליק.

חנה האָט זיך דווקא געסטאַרעט פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס זי האָט זיך באַגעגנט מיטן זון, צו זיין אַליין רואיק און ניט אויפרעגן שלמהן. זי האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ קראַנקן, וואָס זי האָט אויסגעטראָגן, אויסגעכאַוועט און פאַרהיט, כדי ער זאָל זיך אָננעמען פאַר איר, זי באַ־שיצן און פאַרטיידיקן און זיך נוקם זיין אין די רוצחים, וואָס האָבן איר שלעכטס געטאָן. זי איז געבליבן עלנט, איינע אַליין, און ער איז ביי איר אָן איין און איינציקער, אויסער אים האָט זי קיינעם ניט. און ער איז אַזוי יונג, אַזוי שיין און שטאַרק. עס שלאָגט מיט גבורה פון זיין שלאַנקן, בוי־געוודיקן קערפּער. און דער קאָמיסאַר, ווי ער וואָלט לייענען חנהס גע־דאַנקען, האָט איר געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף שלמהן:

— אַ שיינער זון ביי דיר, מאַמאַשע, און זייער אַ געטרייער, גוטער שלאַכטמאַן און אַ הייסער פּאַטריאָט.

— חבר קאָמיסאַר, — האָט אים שלמה אָפּגעווענדט פון זיך און מיט אַ טאָן, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען ביים אָפענעם קבר פון די סאַמע נאָענט־סטע, האָט ער געזאָגט: — דעם אַלטן טאַטן דערשאָסן, דאָס יינגערע שוועס־טערל פאַרגוואַלטיקט און פאַרשלעפּט און די עלטערע שוועסטער מיט צוויי קליינע קינדער פאַרברענט . . . — ער האָט מער ניט געקאָנט ריידן. וועגן זיין געליבט מיידל, וואָס איז אַוועק מיט די פּאַרטיזאַנער און איז געשטאָרבן

אויף דער תליה, האָט ער נאָר געזאָגט: — פאַניע איז אומגעקומען ווי אַ העלד.

דער קאָמיסאַר האָט דאָס מיידל קיינמאָל ניט געזען, אָבער געקענט האָט ער זי גוט. ניט איין מאָל האָט אים פראַדקין געגעבן לייענען אירע הייסע בריוו, וואָס אין יעדן איינעם פון זיי האָט זיך געפילט אַ גרייטקייט צו גיין אין שלאַכט.

— אַט, אַט, — האָט דער קאָמיסאַר אויסגערופן אַלס אויסדרוק פון באַגיטיקונג און, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף פראַדקינס אַקסל, האָט ער געזאָגט:

— דאָס פאָלק גרויסט זיך מיט אַזעלכע טעכטער.

חנה האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע רייד און מיט שטאָלץ געזאָגט:

— זי האָט אויסגעהרגעט אַ פולע שטוב מיט אָפיצערן. מיט גראַנאַ־טעס האָט זי זיי פאַרוואָרפן. און ווען די מערדערישע דייטשן האָבן זי גע־כאַפּט און געפייניקט, האָט זי געשוויגן. קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. קיינעם ניט אַרויסגעגעבן.

דעם קאָמיסאַר זיינען זייער געפעלן געווען חנהס רייד און ער האָט געפונען פאַר פּאַסיק צו פרעגן ביי איר, צי וועט זי ניט זאָגן אַ פּאָר ווער־טער די רויטאַרמייער.

— דערציייל זיי, מאַמאַשע, פון די שרעקלעכע טעג און נעכט בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

חנה האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן. זי איז אַפילו רויט געוואָרן ווי אַ יונג מיידל. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איר האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז זי איז קלענער ווי איינדערצאמתן:

— זיי ווייסן דאָך אַליין אַלץ זייער גוט, טייערער חבר קאָמיסאַר, — האָט זי געפּרוּאווט זאָגן. נאָר דער קאָמיסאַר איז באַשטאַנען אויף זיינס:

— ניין, ניין, מאַמאַשע, זאָג אַ פּאָר ווערטער. דערצייל, וואָס דו האָסט מיט דיינע אייגענע אויגן געזען און אַליין איבערגעלעבט. איבגיכן גייען מיר ווידער אין שלאַכט, מאַמאַשע.

אָט די ווערטער האָבן געווירקט אויף חנהן און מיט אַ פאַרטראַכטן שמייכל האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— גוט, חבר קאָמיסאַר, איך וועל זאָגן.

⁂

אויפן גרינעם פעלד,ביים ראַנד פון וואַלד, איז געשטאַנען אַ באַטאַ־

ליאַן רויטאַרמייער. עס איז געווען זייער שטיל, די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים האָריזאָנט אַ רויטע, ווי אַ שטיק פייער, און געוואָרפן איר לעצטע שיין אויף די אָפּגעברענטע פנימער פון די רויטאַרמייער. די רויטאַרמייער זיינען געשטאַנען אויסגעגלייכט, די פּילאָט־קעס אויף די קעפּ זייטיק פאַרוואָרפן אויפן רעכטן אויער, די פּאַסקעס אי־בער די גרינע גימנאַסטיאָרקעס איינגעצויגן און מיט פאַרוואונדערונג האָבן זיי געקוקט אויף דער קליינער יידענע, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן זיי לעבן קאָמיסאַר און קאָמאַנדיר. חנהס פּנים, אויסגעמאַטערט, פאַרחושכט און צעקנייטשט פון גרויסע שווערע ליידן, איז איצט געווען פייערלעך בלאַס. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אויפגעהויבן הויך און מיט וואַרעמע בליקן האָט זי געקוקט אויף די רויטאַרמייער. איר בליק האָט זיך געטראָפן מיט שלמהס בליק. ער איז געשטאַנען אין דער ערשטער ריי. איר אויסגעטריקנט האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד, זעענדיק איר זון אין די ערשטע רייען צווישן די רויטע שלאַכטלייט.

זייער ווייניק רויטאַרמייער האָבן געוואוסט, אַז אָט די קליינע יידענע אינעם ברייטן געפאַלדעוועטן קלייד איז שלמה פּראַדקינס מאַמע און אַז זי איז געקומען צום זון צוגאַסט. נאָר ווען דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז באַלד וועט זי ריידן, זיינען ביי אַלע אָן אויסנאַם די אויגן אויסגעוואַקסן טאָפּלט גרויס.

— טייערע זונעלעך מיינע, האַרציקע מיינע . . . איך באַשווער אייך... אינעם נאָמען פונעם פאַרגאָסענעם בלוט . . . נעמט נקמה אין די מער־דערישע דייטשן . . . — זי האָט זיך אויסגעגלייכט. זי האָט מיטן שפּיץ פון קאָפּ־טיכל אָפּגעווישט די פייכט־געוואָרענע נאָז, זיך אָנגענומען מיט כּוח און פאַרשטאַרקט דאָס קול.

— אָן שום פאַרוואָס, אָן שום פאַרווען האָבן די רוצחים געשאָכטן קליי־נע קינדער, געוואָרפן זיי אין פייער, אַלטע לייט געשאָסן, מיידלעך פאַר־גוואַלטיקט. אַנטקעגן מיין פענצטער, טייערע זונעלעך מיינע, האָבן זיי אויפ־געהאַנגען די פאַרטיזאַנערן פאַניע. אוי, ווי שרעקלעך עס איז געווען צו־צוזען. און ווען איר זייט צוריקגעקומען, איז געוואָרן גרינגער צו לעבן. מאַמעס האָבן געקושט אייערע טריט. זונעלעך, — זי האָט ווידער איבער־געכאַפּט דעם אָטעם. די רויטאַרמייער האָבן איינגעזאַפּט אין זיך איר יע־דעס וואָרט, און זי איז אויסגעוואַקסן ביי זיי אין די אויגן. זי איז געוואָרן גרעסער מיט יעדן וואָרט, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט.

— קינדערלעך מיינע, זונעלעך ליבע, נאָך גיסט זיך בלוט . . . די דייטשן שיסן אין די שטעט און אין די דערפער אַלטע לייט. זיי פאַר־

גוואַלטיקן נאָך פרויען און ברענען קליינע קינדער. נעמט נקמה אין די פּאַשיסטן, שלאָגט זיי, הרגעט זיי, ברענט זיי, שיסט זיי, מאָרדעט זיי . . . — זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ נאָך העכער און, אויסציענדיקביידע הענט פאַר זיך, האָט זי מיט אַ פאַרשטאַרקט קול געזאָגט:

— זאָלן זייערע ווייבער און טעכטער אויך באַצאָלן פאַר אייערע טעכטער, פאַר אייערע ווייבער, פאַר אייערע געליבטע מיידלעך. אוי ווי, לאָזט ניט לעבן קיין איינעם פון די מערדערישע דייטשן. פאַרטיליקט זיי אויף אונדזער ערד . . .

זאָל פון זיי קיין שריד־ופּליט ניט בלייבן.

זי האָט זיך אָנגעצונדן פון אירע אייגענע רייד. זי האָט גערעדט מיט פייער, געבעטן מיט טרערן, זי האָט געפאָדערט און געמאָנט ווי אַ מאַמע — נקמה . . . נקמה . . .

***

אינדערפרי האָט זיך חנה געזעגנט מיט איר זון. לאַנג האָט זי געקוקט שלמהן אין די אויגן. ער, אַ יונגער געזונטער מאַן, האָט זי געהאַלטן אין זיינע פעסטע אָרעמס, און זי האָט מיט אַלע חושים געפילט די גרויסע גבורה, וואָס שלאָגט פון אים. ער האָט זי אַרויסבאַגלייט צום וועג. זי האָט זיך געפילט פריש און מונטער. זי איז געגאַנגען מיט אַ יונגן טראָט און ווען זי האָט אַריבערגעשפּרייזט דאָס טייכל, איז די זון אויפגעגאַנגען און האָט באַלויכטן איר וועג צום שטעטל.